STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02406

FAR DER BINE

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿאַר דער בינע

(דערציילונגען, פּיעסן, לידער)

צונויפֿגעשטעלט פֿון

י. דאָברושין, ב. אָליעווסקי, ע. גאָרדאָן

צענטראַלער פֿעלקער-פֿאַרלאַג פֿון פ.ס.ס.ר.
מאָסקווע
1929

КНИЖНАЯ ФАБРИКА
ЦЕНТРАЛЬНОГО
ИЗДАТЕЛЬСТВА
НАРОДОВ СССР
МОСКВА ШЛЮЗОВОЙ
ПРОЕЗД ДОМ № 6

Главлит № А 41074.
Тираж 4000 экз.

פון די צונויפשטעלער

דער ציל פונעם דאָזיקן בוך איז דינען אלס סצענישער שטאָף פאַר ליטעראַריש-טעאַטראַלע אָונטן אין אַרבעטער- און קוסטאַרן-קלובן, אין דאָרפסהייזער און יוגנט-הייזער.

די זעקס אָפּטיילונגען פונעם בוך: דערציילונגען, הומאָרעסקן, טעאַטער, כאָר-דעקלאַמאַציע, לידער און געזאַנג גיבן א מעגלעכקייט בא אַ געהעריקן אויסוואל צונויפשטעלן אַ פאַרשיידנאַרטיקע פראָגראַם, וואָס קאָן באַשטיין פון פאָרלעזונג, דעקלאַמאַציע, אינסצענירונג און געזאַנג.

אין יעדער אָפּטיילונג פונעם בוך זיינען פאַראַן ווערק אף פאַרשיידענע טעמעס, דעריקער—שטייגערישע, וואָס זיינען אין יעדער אָפּטיילונג אויסגעשטעלט לויטן אָרדענונג: אַלגעמיין-געזעלשאַפטלעכע טעמעס, שטעטל-לעבן און דאָרפס-לעבן. די אָונטן קאָנען זיין געווידמעט אָט די פאַרשיידענע טעמעס, אָדער איין טעמע, אויסגעפירט אין פאַרשיידענע לייען- און שפיל-פאָרמען.

בא דעם מאַנגל פון סצענישן שטאָף אין דער אידישער ליטעראַטור און בא דער געאיינגטקייט פון אָרט איז אויסגעקומען באַגרענעצן זיך מיט דעם שטאָף פון אָט דער זאַמלונג, אויסרעכענענדיק דערביי אף דער איניציאַטיוו פון די אָונטן-איינאָרדנער, סאַי אין פראַט פון באַאַרבעטן דעם געגעבענעם מאַטעריאַל, סאַי אין פראַט פון אויסזוכן אנדערע סצענישע מאַטעריאַלן לויט דער רעשימע פון ביכער, וואָס זיינען אָנגעוויזן דאָ צום סאָף.

דערדאָזיקער בוך איז צונויפגעשטעלט לויטן אויפטראָג פון דער צענטראַל-ביוראָ פון די אידישע סעקציעס באַם צ. ק. פון אַלפאַרבאַנדישן לעניניש קאָמוניסטישן י. גנט-פאַרבאַנד.

צענטרפאַרלאַג.

אינהאַלט

זייט

פון די צונויפשטעלער 3

דערציילונגען:

מ. קאַלאָסאָוו — לעניניש‌ער בילעט . 5
מ. דאַניעל — פּאָפּלאַוועס טאַנצט . . 14
א. באַבעל — זאַלץ 17
ש. גאָדינער — אַן אַקאָרע מיט אַ קינד
אַף די הענט 21
דאָוויד בערגעלסאָן — א צענרובלדיקער 27

הומאָרעסקעס:

עליע קאהאן — אַ האַרץ אַף ווערלע . 38
פּ. בירמאַן — א מאַיסע מיט שמערלען,
וועלכער רופט זיך זשאַק, און א קאָמ-
יוגיסטע ריוועטשקע פּיינבאָק . . . 46
איציק שפּיציק — די גרויסע בעהאָלע 50
אָסקאַר — כאַווער סל:פּ 55
פּ. בערעזין — ווייבערשע געשעפטן . 58
וול. פּעטריאַק — ליידיקע פּעשלעך . 60
פּ. סיטאָ — אַ קוטשמע 63
יאַשע זעלדין — א פישער-ליד . . 66
א. סטרעליץ — אַ לעוואַיע 66

אינסצעניר‌ונגען:

רובינשטיין — לענין (ליטמאָנטאַזש) 67
י. יאָפּע — פון כיסלאַוויטש ביז כערסאָן 74
י. דאָברושין — דער אַרטעל . . . 85
ש. בריאַנסקי — קולטור-רעוואָלוציע . 91
י. דאָברושין — סערפּ און האַמער . 97

כאָר-דעקלאַמאַציע:

ש. ראָסין — בערל בעקער 99
איציק פעפער — דער רייטער מיט זיין
פערד 102
ה. לייוויק — די הייליקע ליד וועגן היי-
ליקן קרעמער 107

לידער:

א. בעזימענסקי — פּאַרטיי-בילעט נומ.
224332 108
איציק פעפער — סיביר 108
איציק פעפער — קאָמסאָמאָלקעס . 109
ש. ראָסין — רויטאַרמייער 109
ע. פיניבערג — מאַטראָס 110
מ. כאַשטשעוואַצקי — לוניאָל . . 110
ל. קוויטקאָ — מאַי 111
א. קושניראָוו — ראָסייא 111
〃 — צוג 112
מ. טייך — פאַבריק-ליריק 112
ג. טשערניס — באַ דער מאַשין . 113
זעליק אַקסעלראָד — אַף ארבעט . 113
ב. אָליעווסקי — אין ווייטן וואַלד . 114
איציק פעפער — שיפן 114
י. זעלדין — א ניי הויז 115
פּ. מאַרקיש — די רויטע אַף וואַרשע . 115
א. פיאַטיגאָרסקע — די באָבע און
דאָס אייניקל 116
איזי כאַריק — פּאַרגייט, פּאַרגייט,
איר אומעטיקע זיידעס 117
איזי כאַריק — צוויי בריוו . . 118
〃 — די סטאַדע 118
כ. ווינערמאַן — אַף כערסאָנער פעלדער 119
מ. פינטשעווסקי — א בריוול . . . 120
וול. מאַיאַקאָווסקי — גערעטעניש-
מאַרש 120

לידער צום זינגען:

אינטערנאַציאָנאַל 122
יונגע גוואַרדיע 122
מיר — דער קאָמיוג 123
אַוויאָ-מאַרש 124
רויטע קאַוואַלעריע 125
דעמיאַן בעדני — רויטער פריזי־ו . 126
שאַכטע נומ. 3 127
כ. גילדין — צו גיקאָלקען מיט געווין 128
ד. האָפשטיין — באַ דער אַרבעט . 129
ש. האַלקין — לייגט אוועק די זעגעלעך 130
איזי כאַריק — וויג-ליד 131
איציק פעפער — אַ גאַסט . . . 132
י. עלקיס — איבערוואַנדערער-ליד . . 133
י. דאָברושין — היי, ערדעלע . . . 134

רעשימע פון פיעסן 135

דערציילונגען

מ. קאַלאַסאָוו

לעניניסשער בילעט *

1. שוואַרץ אַף ווייס: פערצן

אָט שמועסט מען ווידער, אַז די פאַבריק גויסעסט, האַלט באַם פאַרמאַכן זיך. ווי אַ שאָטן בלאָנדזשעט מאָטלס בלוי פאַרשמעלצט העמדל. ער הויבט ניט אָן צו ווייסן וואוהין זיך אַ קער טאָן.

צום דירעקטאָר? ניין, פאַר אים האָט מאָטל מוירע. ער איז דאַפקע פון די רויטע, אַן אייגענער אַרבעטער, אַ קאָמוניסט. אָבער עפעס פאָרט ניט היימלעך איז באַ אים אין קאַבינעט: פון אַלץ ווייט מיט שטרענגקייט. פון די ווענט קוקן מיט רוגזע: „רעדט קורץ", „צייט איז טייער" און נאָך אַסאַך פאַפירלעך; און ער אַליין, דער אַלטער לענין, איליטש, אַזאַ ליבער און נאָענטער, שמייכלט צווישן די פאַפירלעך און פרעגט:

— מאָטל, ווי קומסטו אַהער? אַוועק שייגעץ, שטער ניט אַרבעטן...

בלייבט — איבערן קאָרידאָר אין הויף, און דורכן הויף — אין רעמאָנט-אָפטייל, און פון דאָרטן — צו דער קליינער טיר מיט אַ באַשיידענער אויפשריפט:

> דאָ געפינט זיך
> דאָס קאָמיוגישע קעמעריל

מאָטל דער יונגער איז אַלט דרייצן און דער סטאַטוט רעדט וועגן פערצן. אַזוי שטייט טאַקע דאָרט שוואַרץ אַף ווייס: „אין פאַרבאַנד ווערן אַריינגענומען יונגע אַרבעטער אין עלטער פון פערצן יאָר אָן".

און דערווייל מעג מען מיט „באַראַטונג-רעכט". אוי, ווי סע גלוסט זיך ניט מיט „באַראַטונג-רעכט" — מאַמעש אַ ביזאָיען.

אָט איז בעניע — אַ „מיטגליד", ס'הייסט — פולע „שטימרעכט"; פייוול, מישקע, סענדער, מאָטל דער דראָנג — פאַרוואָס קומט זיי יאָ?

די גאַנצע צאָרע איז, וואָס דרייצן. אַמאָל טרעפט זיך, אַז מע שטימט אַ פראַגע אַף אַ פאַרזאַמלונג — וואַקסט אויס אַ וואַלד קאָמיוגישע הענט. כאַפט מאָטלען אָן דער יעיצערהאָרע — אַ הויב טאָן אויך די האַנט אייגנעם מיט אַלע; דערוועגט

* באַארבעט.

ער זיך אָבער ניט: ס׳דאַכט זיך אים, אַז יעדער קוקט און מאַכט: „מאָטל, פאַרגעס ניט דעם סטאַטוט״...

באַנאַכט שלאָפט מאָטל מיט זיין ברודער זאָרעכן אין איין בעט, אין פינצטערן פאַרשטיקטן אַלקערל. זאָרעך שלאָפט געשמאַק, געזונט, ציט די לופט מיט ברייטע נאָזלעכער, יאָגט אַ ביטערלעכן שווייסיקן אָטעם, מאָטל קוקט אַף זאָרעכן, וואָס פאַרמאָגט שוין „שטימרעכט״, כאַפּט מיטן אויער, ווי ס׳פּוקט דאָס האַרץ, עטעמט אַריין די זויערע לופט און הויבט אָן שטילינקערהייט:

— זאָרעך, הער זיך איינעט, זאָרעך...

— וואָס?

— אָט מיקויעך דעם קעמערל...

— נו, וואָס, ווידעראַמאָל וועגן דער שול? מאָרגן, מאָרגן...

— ניין, איך מיין עפּעס אַנדערש...

— אַלציינס — מאָרגן, מע דאַרף שלאָפן...

— פאַרוואָס עפּעס דאַפּקע פון פערצן?

— ווער פון פערצן?

— אין סטאַטוט...

— אין קאָמיוגישן...

— אָט צוליב דעם, אַזוינע וואנצן ווי דו זאָלן ניט קריכן אין פאַרבאַנד. צעקייט?

— צעקייט... אָבער, זאָרעך, מיט וואָס בין איך ערגער פון אַנדערע?

זאָרעך ווערט אין קאַעס:

— מע טאָר ניט! דו ווייסט דאָך, שנעק, אַז מע טאָר ניט — וואָס זשע קריכסטו?

און שפּילט שוין ווייטער מיט דער נאָז אין שלאָף. אין מאָטלען קאָכן די געבליטן:

— אוי, אַ רועך זאָל אין זיי אַריין, — שעפּטשעט ער בייז און ביטער, — מיילע, — זאָרעך, מיילע, — און דאָס הייסט נאָך אַן „אַקטיוויסט״...

שפּעט באַנאַכט הוליעט דער ווינט איבער דער פאָרשטאָט, ווי אַ פריילעכער קאָמיוגיסט. די שטערן ווינקען צו, קלייבן נאָכעס, און די סימכע פאַרציט זיך ביז טאָג. און אַז ס׳איז שוין ניטאָ קיין ווינט און ניטאָ קיין שטערן, און אַ געדיכטער נעפּל שלינגט אַריין דעם הימל, טוט דער לעדערנער פּעטראָ אַ צי דעם דיניקן אָדער פון פאַבריק, און די פאַבריק ברומט לאַנג און ווייט:

— אי־ו־ו...

פאַמעלעך הויבט זיך אויף אין אַלקערל די מאַמע. מע הערט, ווי זי פאָרעט זיך באַם וועגטל, ווי זי האַלט אין איין ניסן, גענעצן:

— אוי, ס׳אַראַ דרויסן, אַזאַ יאָר אַפן קרעמער.

ווייסע שאָטנדלעך קריכן אַרום איבער ווענטלעך, פּלאָנטערן זיך באַ מאַרקסן אין דער באָרד. מאָטל ווייס גוט, אַז באַלד וועט זיך אויפכאַפּן דער טאַטע און ליבלעך אַ זיפץ טאָן: „כ׳לעבן, ס׳וואָלט ניט געשאַדט אַ טשאַיניקל טיי. ווי מיינסטו,

אַמע?" און דערנאָך—„העי, קאָמיוג, שוין גענוג פּאָפּן"... און ס'דאַכט זיך מאָטלען, אַז דאָס זאָגט דער טאַטע מיט אַ קיוון: ער ווייסט דאָך, אַז מאָטל האָט ניט קיין בילעט.

אינדערפרי בורטשעט דער סאַמאָוואַר, ווי אַן אַלטער שניידמעסער איבער אייזן. פון די שויבן רינען אַראָפּ די זאַפטן פון נאַכט. דער טאַטע מיט זאָרעכן שמועסן וועגן פּאַרטיי-אַרבעט, און די מאַמע דאַיגעט וועגן מאָטלען:

— טרינק, טרינק, מאָטעלע, נעם אַ שטיקל ברויט מיט פּאָווידלע, זונו. ביסט איינגאַנצן אַראָפּ פון פּאָנים אין דער קאָמצעמאָלע* אייערער, וויי איז מיר ניט...

אין מאָטלען זידט דער פּאַרדראָס: סע זיינען אים פריקרע דער מאַמעס רייד. מיטן טאַטן, מיטן ברודער גלוסט זיך אויסטאַינען וועגן זייערס, נאָר ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?

2. פון לענינס האַנט

שלאָפט מאָטל אין פינצטערן פאַרשטיקטן כיידערל זאַלבענאַנד מיט זאָרעכן. זעט מאָטל אַ כאַלעם. כאָלעמט זיך אים, אַז צו דער ווּעבעריי שווימט צו אַ לאָקאָמאָטיוו פון אַ מוירעדיקער קראַפט.

„או-אוך!" — אַ ברום, אַ ריס געטאָן דער לאָקאָמאָטיוו און אַוועק צום יאַם, און אַראָפּ אַף כוואַליעס און שווימט. די כוואַליעס פלייצן אַריבער דעם דאַך, פאַרגיסן דאָסביידל פונם מאַשיניסט.

אין אויוון פלאַמט דאָס פייער, ברייט די גיריקע צינגער פון יאַם און סע זידן סע זידן די נאַסע שווערע שייטלעך.

און באַם אויוון שטייט דער הייצער — ער, מאָטל. פון היץ, פון אָפּבריען שפּרינגען אים אויף בלעזלעך אַף דער הויט. אַ טאַינעג וואָלט געוועזן: אַנטלויפן פון העלישן אויוון, אַ שפּרונג קאָפּ-אַראָפּ אין וואַסער אָפּפרישן דאָס לייב...

נאָר פּלוצים הערט מאָטל: „וואָס, זיך איינגעמידט, כאַווער מאָטל?" ער גיט אַ קוק: לענין! „ניין... ניט איינגעמידט, כאַווער לענין!" „און ווי מיינסטו: מירן דערפאָרן ביז קאָמוניזם?" „נאָך אַ מין דערפאָרן, כאַווער לענין!" „נו אויב אַזוי, טאָ קנאַק, כעוורעמאַן, ס'איז נאָך געבליבן אַ היפּש ביסל וועג"... „איך הער, כאַווער לענין".

בלעזלעך, בלעזלעך, בלאָזן זיך אַף דער הויט; דאָס געזאַלצענע וואַסער בייסט זיי און רייצט. פּלוצים — סטאָפּ! — אַן אינזל.

אַפן אינזל איז זומער. סע שטראָמט די זון, הייזער בליען. מענטשן גייען אַנקעגן מיט אַ באָרעכאַבע: „גוט מאָרגן, כאַווער לענין! ווער איז דאָס מיט אייך?" „דאָס איז אַ קאָמיוגיסט, כאַווער מאָטעלע ווייַנער".

„ניין, כאַווער לענין, כ'בין ניט קיין קאָמיוגיסט, סע פעלט מיר אויס אַ יאָר צום סטאַטוט"... „אַזוי גאָר?"

---

* קאָמיוג.

און פּלוצים נעמט לעניִן אַרויס אַ שפּאָגל נייעם קאָמיוגישן בילעט און דער־לאַנגט מאָטלען. נעמט מאָטל דעם בילעט — פון לעניִנס האַנט — און זעט דערויף זיין נאָמען און פאַמיליע...

— מאָטל, מאָטל!

— וואָס, כאַווער לעניִן?

— מאָטל רייסט אויף די אויגן און זעט זאָרעכן.

— וואָסי? וואו איז דער בילעט, דער בילעט...

— וואָסער בילעט?

— דער קאָמיוגישער!

— וועמעס?

— מיינער!

— פון וואַנען?!

— פון לעניִנס האַנט...

און פּלוצים האָט מאָטל זיך אָנגעשטויסן, אַז ס'איז נאָר געווען אַ כאָלעם, און נאָר. האָט ער אים מיט אַ ביטער געמיט דערציילט זאָרעכן. יענעם האָט די מאַיסע גערירט:

— כ'זע, מאָטל, אַז אין דיר וואַקסט אַ קאָמיוגיסט — אַן אַנטיק. נאָר וואָס קאָן איך העלפן, אַז איך ליג דאָך אויך אין דר'ערד, ווי דו: דו מיטן קאָמיוג, איך מיט דער פּאַרטיי... פּונקט די אייגענע צאָרע: סע פעלט מיר אַ יאָר צום סטאַטוט!

— עמעס טאַקע, זאָרעך, נאָמיר זיך געבן די האַנט — איבער אַ יאָר ביידע אינאיינעם אַריינטרעטן!?

— ווייז די פינף.

געריבן מיט די צינגער ביז טאָג.

ווידער מורמלט דער סאַמאָוואַר, ווי אַ פּאַרזשאַווערטער שניידמעסער איבער בלעך. ווידער רינען אַראָפּ פון שויבן די זאַפטן פון נאַכט. מאָטל דערציילט באַם טיי זיין כאָלעם.

— ריבוינעשעלוילעם, ס'אַראַ כאָלעם, זאָל דאָס כאָטש זיין צום גוטן, — זיפצט די מאַמע, נאָר מאָטל הערט זי אַפילע ניט.

— און ווי ער האָט דאָס געפרעגט מיט די ווערטער: „צי מירן דערפאָרן ביזן קאָמוניזם?" — ענטפער איך אים: „נאָך אַ מין דערפאָרן, כאַווער לעניִן!"

אָט אַזוינס האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן — פילט מאָטל: ס'האָט זיך אויסגעשטרעקט דעם טאַטנס קרעפּטיקע האַנט, אָט האָבן אַ שטאָך געטאָן די האָר — אַ באָרד, ווי אַ שוואַרצער בעזים. „צאָק-צאָק" — הייסע ליפּן אין מאָטלס שטערן.

3. אילטשן צו הילף

ווי ברוינער גומענער פעך ווערן געשוואָלן די וואָלקן אין איבערגעקערטן הימל-קעסל, הענגאַן איבער דער גרויער מולטער פון פאָרשטאָט. אָט-אָט וועלן זיי זיך אָפּרייסן, אַ פליוך טאָן אין שניי, אין קלעפּיקער קאָלדרע איינוויקלען די שטאָט, וולינקע ריטשקעס וועלן זיך אַ יאָג טאָן באַרג-אַראָפּ צום טייך. פון פייערדיקן גלי־

אויון וועט אַרויס די זון. שווער און דופּטיק וועט ווערן די לופט, און אַפּמאָרגן וועט אַ ציטער טאָן דאָס אייז, און וועט זיך אַ לאָז טאָן, ווי צעבראָכענער אייזן. אין פאַבריק-הויף וועלן שטעכיקע בראָדאַווקעס פון גראָז אַרויסקריכן פון בראָכוואַרג. אין גאָרטן — אַ האַלבע וויאָרסט גאַנג פון פאַבריק — וועלן זיך נעמען דרייען ווייסע און געלע פליטערלעך — ווי באַם האָלץ-טאָקער אין רעמאָנט-אָפּטייל. און דערנאָך — דער זומער, ווי אַ יונגע וועבערן אין פאַרביקן ציצענעם קליידל. דער אַלטער גאָרטן וועט זיך צעוואַקסן, צעשויבערן, און טרייסלען מיט די פּאַטלעס און מיט דער באָרד ווי קאַרל מאַרקס.

די יוגנט וועט זיך לאָזן אין דאָרף — צום שעפּירטן. ס'וועלן אָפּרוען די מע גושעמדיקע הענט, ס'וועט אָפּגיין די מידקייט פון נאַקן, יאַטן וועלן שפּילן אין קנעפּלעך, פּאַלאַנטע, פוטבאָל... און דערנאָך — דער האַרבסט, די פּערצן און — דער בילעט.

באַם פאַבקאָם, אַפן גאַניקל, זיצט מאָטל, און אין הערצל ריזלען וואַרעמע רײטשקעס פרייד. די דרייצן הערן שוין דעם טראָט פון פּערצעטן. אָט דאָס וועט זיין אַ סימכע!

און אויב סע וועט זיין אַ פּראָנט, וועט מאָטל זאָגן, ווי אַמאָל האָט זאָרעך געזאָגט: „אין העסקעם מיטן באַשלוס פון קעמערל פאָר איך פאַרטיידיקן די סאָ-וועטן-מאַכט". דער טאַטע וועט זאָגן: „פּאָר!", ווייל דער טאַטע איז אַן ער-קאַ-פּע און פאַרמאָגט ברוינע ערדיקע הענט.

אַפן גאַניקל זיצן צוויי קליינע מיידלעך און ציען האַרצרייסנדיק מיט דינינקע קעלעכלעך:

אין דרויסן ווייט אַ בייזער ווינט,
אין שטוב שטייט אַ פּאַרע,
כ'האָב אָפּגעלעבט מיינע יונגע יאָרן,
אַזוי ווי אין אַ כמאַרע...

סע קיצלט מאָטלען, ער זאָל עפּעס אויך אויסלאָזן אַפן קאָל. הוסט ער אָפּ און הויבט אָן, ווי אַ יונגער האָן:

דעם העלן טאָג אַנקעגן, כאַווײרים, קומט אין שטרייט!
מיט מוט אַף נייע וועגן — ניצאָכן איז ניט ווייט...

טעג נאָך טעג שפּינען אַרויס די שפּינראָד. אָט האָבן זיך דורכגעוויכערט די פריילעכע, די צימבלדיקע טעג — „קאָמיוגישע ווייגאַכט" („ראָזשדעסטוואָ"). די כעוורע איז אַרויס אין גאַס, אָנגעטאָן, ווי די פּורים-שפּילער: מאָטל איז מעגולגל געוואָרן אין אַ דועכל, אַ פּיצעלע, אַ שוואַרצינקס. מישקע (דאַפּקע אַ רוסישער) האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ ראָוו, סענדער (דאַפּקע בערל דעם קאַצעווס) פאַר אַ גאַלעך, זאָרעך פאַר אַ קסיאָנדז... געשפּרונגען, געהירזשעט, געטאַנצט, געקערט וועלטן.

דערנאָך איז געקומען אַ פּיבער מיטן פלאָט. ס'האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג דאָס קעמערל, דערנאָך איז געווען אַ פאַרזאַמלונג פון דער גאַנצער יוגנט. אַ כאַווער האָט גערעדט וועגן שעפּטום, אַ מאַטראָס מיט אַ גאָלדענעם צאָן האָט דערציילט כידושים פון פלאָט.

געשיקט האָט מען אין פלאָט פאַר אַ מאַטראָס סענדערן. מ׳האָט אים געהוידעט אַף די הענט אין קעמערל, אין ראַיאָן, אין גאַס. דעריבער איז סענדער אַרומגעגאַנגען ווי אַ טרייב-רימען. מיידלעך האָבן זיך געטשעפּעט צו אים, געגאַפּט פון זיינע נייע מאַלבושים און דעריקער פון די „קליאָשעס״, און געהאַלטן אין איין גראַגערן:

„העי, מאַטראָסל, דו יאַטל מיט די קליאָשעס!
ביסט אַ שיינער, אַ באָכער אַן אַנטיק.
טאָמער שרייבסטו ניט — פאַל איך באַלד כאַלאָשעס,
פאָר דעם יאַם אויס און קער זיך אום צוריק...״

עלטערע אַרבעטער האָבן אָנגעקוקט סענדערן און געטאַינעט: „אַ באָכערל, קיין-איינהאָרע — ער טויג צום איניען״. מיט איין וואָרט — דער יאַט איז געוואָרן אַ העלד. מע האָט אים אַרויסבאַגלייט צו דער באַן; געוואָרנט: „זאָלסט כאָלילע ניט ווערן קיין קליאָשניק; צוגעזאָגט מאַטאָנעס; דערמאָנט וועגן בריוו. און אַז ס׳איז אַוועק די שיקרעס מיטן פלאָט, האָט זיך מאָטל ווידער פאַרבענקט: וויפל איז שוין דער שיר וואַרטן אַפן האַרבסט און אַפן בילעט.

אין רעמאָנט-אָפּטייל אויבנאָן האָט דער אַלטער פעטראָ אויסגעקלעפּט אַ

ר ע ג י ר ו נ ג - מ ו י ד אָ ע

...העיויס די קראַנקייט האָט זיך זייער פאַרערגערט, ווען פון היינט אָן יעדן טאָג דערשיינען מוידאָעס וועגן דעם געזונט פון כאַווער וו. אוליאַניאָוו (לענין)...

פונדערפרי האָט זיך נעבן דער מוידאָע געשטופּט אַן אוילעם, מע לייענט און מע גייט זיך פאַנאַדער. די שטערן רינצלעך זיך, סע בויגן זיך איין די פּלייצעס, אין די אויגן וואַכט אומרו:

— איליטש האַלט שמאָל.

און אין קאָמיוגישן קעמערל לייענט דער סעקרעטאַר אַ

צ י ר ק ו ל י אַ ר - ב ר י וו

...די שענסטע מאַטאָנע פון קאָמיוג דער פאַרטיי וועט זיין — איבערגעבן די בעסטע כעוורע-לייט פון די אַרבעטער-קעמערלעך...
סעקרעטאַר פון קאָמיוגישן קאָמיטעט.

דעם טאָג איז די אַרבעט געגאַנגען שוואַך. באַ די שנורן-מאַכערנס האָבן זיך געריסן די פעדים, און די פלינקע הענט האָבן זיך שלעכט געראַנגלט מיט די קלעפּיקע שטאָלענע שפּיגען. באַ די וועבער האָט זיך יעדע האַלבע שאָ אָפּגעשטעלט די מאַשין און שאַרפע געניטע אויגן האָבן ניט געקאָנט באַנעמען, וואָס איז געשען.

אין רעמאָנט-אָפּטייל, באַ די שליידערמילן, באַ די קנעפּלעך — דאָס אייגענע. און אַפילע דער אַלטער שמיד, וואָס האָט קיינמאָל מיט קיינעם קיין וואָרט ניט גערעדט, האָט אונטערגעבויגן זיין לאַנגע גרויע באָרד און געזאָגט:

— עפּעס פידלט ניט...

און נאָכדעם שטרענג אָנגעפרעגט בײַ מאָטלען (יענעם האָט מען אױף אַ צײַט צוגעשטעלט צום אַלטן פֿאַר אַ העלפֿער):

— הער, שנעק, ביסט טאַקע אַ קאָמיוגיסט און האָסט ניט קײן סײכל, נאָר כ׳װיל דיר עפּעס פֿרעגן אַ זאַך, װײַל סע פּאַסט מיר ניט פֿרעגן בײַ די עלטערע קאָמוניסטן. כ׳האַלט ניט פֿון זײ מיט זײער גאַנצן מיטאַנאַנדער — װאָס פֿאַר אַ קאָמוניסטן זײַנען זײ, אַז זײ לעבן אַ גוטן טאָג, די כאַפּלאַפּער, און װעגן פֿאַבריק — קײן פּיפּס ניט...

די שטים האָט בײַ אים מיטאַמאָל פֿאַרציטערט:

— הער זשע, עמעס, אַז לענין... װאָס? טאַקע שלעכט?

— שלעכט, אַװראָם-מױשע...

דער אַלטער איז געבליבן שטיל זיצן אױף אַן אײַזערנעם קלאָץ: ניט געדאַכט זאָל דאָס װערן...

מאָטל האָט ניט זיכער געפֿרעגט:

— זײדע, ביסט פֿאַר לענינען װײַזט אױס?

— פֿאַר װעמען דען?

פֿרײַד האָט מאָטלען דעם קאָפּ פֿאַרכלינעט, אױף אַ קאָל אױסגעשריען:

— ער איז דאָך אַ קאָמוניסט!

דער אַלטער האָט זיך אױסגעלאַכט און אַ בורטשע געטאָן:

— נעם זיך צו דער אַרבעט, גענוג געבראַיעט...

און אַז דער בלאָזאַק האָט שױן װידער געשנאָרעט און דער פֿײַער האָט געפֿלאַמט, האָט דער אַלטער ניט-װילנדיק געזאָגט:

— נו איז װאָס, אױב אַ קאָמוניסט — אַלערלײ קאָמוניסטן זײַנען פֿאַראַן. אַלע זאָלן זײַן אַזױנע, װי ער, װאָלט מען קײן קאָמונע ניט געדאַרפֿט...

הײַנט אין הױף איז געשטאַנען די גאַנצע פֿאַבריק, געשװיגן און זיך ניט געװאָלט פֿאַנאַנדערגײן. אפֿילע ברײַנדל „טרײפֿע צונג" איז געשטאַנען שא-שטיל, װי א הינדעלע.

א קלונג געטאָן דאָס גלעקל אין פֿאַבריק-שול. די כעװרע איז ארױס אין דרױסן.

— װאָס עפּעס האָט איר זיך אױסגעשטעלט, װי צו קאָלנידרע?

— איר װײסט דען ניט?

מאָטל דער דראָנג איז אװש ארױס פֿון די קײלים:

— כ׳װײס — נו, איז װאָס? א טאָנעס װעט העלפֿן? דאָקטױרים זײַנען נױטיק, װעט מען זײ אָן אונז דערקאװשען. מיט ראַכמאָנעס װעסטו ניט העלפֿן... אונזער זאַך איז אַן אנדערע:

מע דאַרף איבערגעבן יאַטן אין דער פּאַרטײ — אָט דאָס װעט זײַן, כאַפּט אײַך דער רועך, א שטיקל הילף אילײטשן... א צירקוליאַר אזא איז דאָ...

די יונגװאַרג איז אַביסל האָפּערדיקער געװאָרן.

— כ׳מײַן אינדערעמעסן, יאַטן, װעמען װעלן מיר איבערגעבן?

— װאָס דאַרפֿסטו זיך דאַיגען, גאָטס-סטראַפּטשע, די ביוראָ װעט שױן אַלײן באַזאָרגן, װאָרום...

מאָטל דער דראָנג האָט איבערגעקריִמט:

— וואָרום, וואָרום... וואָרום דו ביסט אַ יאָלד! וואָס פאַר אַ קאָמיוגיסט ביסטו, אַז די ביוראָ איז באַ דיר קאַלבוי, און אַליין טאָן עפּעס — דאָס ניט...

אין פאַר אַ קאָמיוגיסט זידלען זיך אַזוי, פאַשיסטישער פאַרך?

פון הו-האַ באַרג-אַראָפּ ביז אַ געשלעג.

4. לענין איז בילכער

אף מאָרגן האָבן זיך די קאָמיוגיסטן פאַרקליבן אין קלוב. • דער פאַרטייאישער סעקרעטאַר, כאַוועו הירש, האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגן פאַרטיי, וועגן לענינען, וועגן קאָמיוגיסטן. נויטיק איז, מע זאָל געבן אַ הילף איליטשן — ס'האָט זיך פאַרהאָ-רעוועט נעבעך דער אַלטער.

אַלץ איז מאָטלען קלאָר. פאַר איין זאַך ציטערט ער אָבער איימעס-מאָוועס: טאָמער וועט מען זאָרעכן אַריינעמען? זיי האָבן דאָך ביידע אָפּגערעדט, אַז איניינעם? ניין, ס'קאָן ניט זיין! דער כאַוועו הירש ווייסט דאָך גוט — סע פעלט זאָרעכן אַ יאָר צום סטאַטוט.

דער פאָרזיצער קלינגט איינצייטיק מיט צוויי גלעקלעך: מיט אַ מעשענעם אין מיטן גאָרגלדיקן. ער ווייסט זיין זאַך.

— כאַוויירים, די ביוראָ האָט אָנגעמערקט ארעכאָוון סעמיאָן, ניינצן יאָר, און ווייגער זאָרעך, זיבעצן. די כאַוויירים זיינען אַלעמען באַוואוסט.

איז עמיץ קעגן?

ווי אַ בינשטאָק זשומט דער אוילעם:

— מאַסקים... וואוילע כעוורע... מיטן דעכטן פוס... אַלע פאַר...

מאָטל איז געבליבן מיט אויפגעריסענע מויל און אויגן. ער קוקט אין זאָרעכס צאַד: זאָרעך זיצט צונטער-רויט. און כאַוועו הירש, וואָס? גאָרניט, ער שמייכלט.

— אַזוי אַרום וועלן זיי איבערגעגעבן אין ער-קאַ-פּע...

מאָטל הערט שוין ניט, וואָס עס קומט פאָר ווייטער: ער פילט, אַז אַלץ אַרום טוט זיך אַ יאָג — טיש, בענק, כעוורע... אַ לויפעריי!

— וואָס איז מיט אים אַזוינס?

— ס'איז פון סימכע — דער ברודער איז אַריין אין פאַרטיי...

— פונקט פאַרקערט: זיי האָבן, זעסטו, זיך אָפּגערעדט, אַריינטרעטן זאַלבע-נאַנד — דער אין פאַרטיי, און דער שנעק אין קאָמיוג... נו, האָט זיך דער עלטערער פריער אויסגעמענטשלט...

אַ נאַכט אַ וואַרעמע, אַ פרילינגדיקע. אין איבערגעקערטן הימל-קעסל — בלויע אויפגעלייזטע פאַרבן. אין פאַרבן וויגן זיך און שווימען ווייסע, ליכטיקע קנעפלעך — פונקט, ווי אף דער פאַבריק אין קנעפלעך-אָפּטייל.

מאָטל ליגט אין פינצטערן כיידערל. ווי בליצן, ווי בליצן שיטן זיך די געדאַנ-קען-שניצלעך:

— וואָס איז דאָס אַזוינס? גערעכט אָדער אומגערעכט זאָרעך?

סע שלענגלען זיך די שניצלעך, רייסן זיך אָפּ, טשעפּען זיך האָזעדיק איינס צום צווייטן, רינגלען מיט אַ פייערדיקן רינג דעם קאָפּ און פירן צו איין זאַך:

— איז דען ער, מאָטל, בילכער פון לענינען?

פאַרנאַכט דעם עלפטן מאַרט האָט אויפגעגליט דער אַרבעט-פּאַלעץ. ס'האָבן גע-רעדט אַלטע גווארדיסטן-באָלשעוויקעס. די רעדעס האָבן באַשפּריצט מיט לעבן די זיכרוי-נעס וועגן גראַטעס, וועגן פאַרשיקונג, ס'האָבן זיי מיט דורשט געטרונקען די יונגע מויכעס.

און פון אַלע עקן פון ראַכוועסדיקן זאַל האָבן געשטראָמט איבער קעפּ, זיך דורכגעזאַפּט דורך הענט ווייסע ריטשקעלעך קוויטלעך. סע זיינען געשטאַנען אין די קוויטלעך באַגריסונגען לענינען, וואונשן, איליטש זאָל גיכער פאַטער ווערן פון דער קרענק; אָנגעשריבן זיינען זיי געווען גוט און שלעכט, מעליצעדיק און פּראָסט, נאָר אַלע גלייך געשמעקט — מיט יונגע הענט, מיט שטייפע פינגער, מיט אַרבעט-שווייס.

און אַז מ'האָט איבערגעגעבן אין דער פּאַרטיי די אויסגעטיילטע קאָמיוגיסטן, און יעדערער פון זיי האָט זיך געמאַכט האַרץ, זיך דורכגעשטופּט צו דער בינע און גענומען דעם קאַנדידאַטן-בילעט, בוכאַרינס ביכל און דעם יובילעי-צייכנדל, — האָט זיך דער זאַל געריסן מיט דולן טאַנץ פון הענט, מיט געהילך פון געשרייען, מיט גע-קלאַנג פון די „זאָל לעבן", און דער אָרקעסטער האָט זיך געטונקט אין טיף פון די קונדייסישע געמבעס.

געוויכערט און געשרויפט האָט איבערן זאַל די שטורמישע היסלאָוועס. ס'איז שוין ניט געבליבן קיין מאָטלס, מישקעס, פּאַנקעס, יאַנעקס און מאַרוסיעס: איין טויזנטאויגיקער, הונדערטקעפּיקער, איין פרייד האָט געשפּילט באַ אים אין ברוסט, איין ליבע געפלאַקערט, איין טריישאַפט, איין ווילן צו קאַרבאַנעס.

און אַז זאָרעך איז אַרויס אויף דער טריבונע, האָט מאָטל זיך אונטערגעגעבן קוראַזש און אַ געשריי געטאָן — שיר ניט געפּלאַצט, די אויגן אזש פאַרמאַכט פון ווילדער אנשטרענגונג:

— זאָרעך, פאַרשעם ניט דעם קאָמיוג! גיי העלפן לענינען!

די אַרומיקע האָבן זיך ארומגעקוקט אויף מאָטלען און דערזען דאָס קליינע באַ-שפּעניש, וואָס האָט זיך געטרונקען אין פריידיקן וואַסערפאַל. און מאָטל האָט אַרויס-געכאַפּט פון קעשענע אַ ביכעלע, אַרויסגעריסן אַ בלעטל און אָנגעהויבן פיבערדיק שמירן דערויף מיט הויקערדיקן ציטערדיקן קסאַוו:

> ווידער איין מאָל בעטיך איבערגעבן אַ גערוס דעם ליבין פירער
> פון פּראָלעטאַריאַט: האבר ווולא. לנין מ. וו.
>
> פּאַבריקע „דריטע אינטערנאַציאָנאַל":

ווי אַ וויגעוודיק שיפעלע איז דורכגעשוואומען דאָס צעטל צום פּאָרזיצער. אָט האָט ער עס באַקומען, געעפנט, זיך צעשמייכלט:

— כאַווייריםֿ, ס'איז נאָך אַמאָל אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פּאָרשלאַג שיקן אַ באַגריסונג דעם טייערן כאַווער איליאיטש. ווער איז פאַר?

דער זאַל האָט געדונערט.

מ. דאַניעל

פּאַפּלאַווס טאַנצט *

דער קלוב, וואוהין בערטע איז אַריין, איז געווען זייער אַ נייער און ניט לאַנג געשאַפענער.

. . . .

אין צווייטן שכייניִשן צימער, וואו די סטעליע איז איבער ווענט געלעגן אַן אויסגעבויגענע, ווי אַן איבערגעקערטע ווייסע שיסל, זיינען שוין געשטאַנען געדעקט לאַנגע, שמאָלע טישן.

אַף קלאָר-ווייסע טישטעכער האָבן פאַרוואונדערט געפינקלט זילבערנע גראַווירטע טאַצן און טעלער, ווי זיי וואָלטן אַהער פון אַ ווייטער פאַרבלאָנדזשעטער וועלט געקומען.

שפּאָרעוודיק און אויסגערעכנט האָבן מיידלעך שטיקער וואורשט און הייסע בולקעס אַף די זילבערנע טאַצן געלייגט, א דורכזיכטיקע פּאַרע, ווי אַ פּאַרטאָגיקער טוי, האָט די זילבערנע פינקלדיקע טאַצן פאַרצויגן, זיי געמאַכט מאַט און גראָ, און ווייסע טישטעכער האָבן געבענקט נאָך רויטן ברויזיקן וויין, נאָך געוועזענער רייכקייט און לוקסוס...

און קיין רויטער ברויזיקער וויין איז ניט געווען.

און וואָס לאַנג צו עסן איז אויך ניט געווען, האָט מען די זילבערנע טאַצן און טעלער פאַרשעמט צוריק אין דעם דערבייאיקן רעסטאָראַן אַוועקגעשיקט, די טישן אָן אַ זייט און איינע אַף די אנדערע פאַרלייגט.

זיינען אָבער הערצער באַ רויטאַרמייער געווען צו אויפגערודערט און יאָנטעוודיקן, יונג בלוט אין אָדערן צו כוואַליעדיק און צעברויזט, — און פינקלדיקע אויגן האָבן געבענקט נאָך פרייד.

האָט עס דער עלטסטער אינם פרייוויליקן פּאָלק — סעריאָזשע דובינסקי—פאַרשטאַנען.

סעריאָזשע האָט דער ערשטער ניט זיכער פאַרצויגן א פּאָלקס-ליד, ווי ער וואָלט אַליין ניט וויסן, צי אין אַזאַ אָוונט פּאַסט אַזאַ זאַך.

דערביי איז נעבן אים אויסגעוואקסן דמיטרי מעדוועדיעוו, דעם פאַרצויגענעם באַקאנטן ניגן אונטערגעכאַפּט און ווייטער געטריבן. דער קאָלנער פון זיין כאַקי-העמדל איז געווען צעשפּיליעט, באוויזן אַ נידעריקן פעסטן האַלז, וואָס האָט

* פון בוך „אַפן שוועל”.

זיך אָן שאַרפֿע ווינקלען צונויפֿגעגאָסן מיט ברייט פֿאַנאַנדערגעוואָקסענע פּלייצעס. ער האָט סעריאָזשען אַרום האַלדז אַרומגענומען און אַזוי אַרומגענומענערהייט געשריִען:

— כעוורע, אין כאַר! ווער ס׳קאָן שרייען — אין כאַר!

אַף דמיטריעס רוף איז די ערשטע געקומען זעלדקע פֿון פּאָפּלאַוועס. דמיטרי האָט זי מיט דער צווייטער לײַדיקער האַנט אַרומגענומען, זעלדקע האָט זיך צו אים גאָר נאָענט צוגעטוליעט, און שוואַרצע אויפֿגעשטראַלטע אויגן האָבן פֿרייד פֿון דמיטריעס נאָענטקייט אַרויסגעשפּריצט. דערנאָך איז געקומען בערטע.

זעלדקע האָט זי אין צונויפֿגעפּלאָנטערטן כאַוועריִשן קראַנץ פֿאַרפֿלאָכטן.

אין עטלעכע רעגעס שפּעטער זײַנען שוין אַרום דמיטריען געשטאַנען אַ רעדל רויטאַרמייער, איבערגעוואָרפֿן הענט איבער העלזער, איבער רוקנס, געטריבן מיט זייערע שטימען לידער צו דער אויסגעבויגענער סטעליע פֿונם אַלטן מויער.

און לידער האָבן דאָס אויפֿגעברויזטע געמיט ניט געשטילט,— לידער זײַנען פּלוצים און פֿון זיך אַליין אַריבער אין אַ העפֿקערדיקן, צעוואַלגערטן טאַנץ.

דמיטרי האָט מיט גרויסע שטיוול אַ רוסישן טאַנץ אויסגעקלאַפּט. געטאַנצט האָט ער שווער און ערנסט, דעם קאָפּ געהאַלטן געבויגן צו די פֿיס, צום געפּאַרבטן דיל, און אַנטקעגן האָט זיך לײַכט און אַף די שפּיץ פֿינגער געטראָגן זעלדקע פֿון פּאָפּלאַוועס. שוואַרצע הענגלעך האָר זײַנען איר אַפֿן שטערן, אַף די פּאַרויטעלטע באַקן צעפֿאַלן, קינדערשע אויגן האָבן זיך געצונדן מיט פֿרייד און אימפּעט. איר דאַרער גוף האָט זיך, ווי אַ יונג בוימל אונטערן ווינט אין אַלע זײַטן געבויגן, און שלאַנקע פֿיס האָבן אין ציטערדיקע, לײַכטע באַוועגונגען דערציילט פֿון ערשטער אויפֿגעבליטער ליבע, פֿון זיבעצניאָריקע גלידער, אין וועלכע דמיטרי האָט ווײַבערישקייט און לײַדנשאַפֿט צעגאָסן... דמיטרי האָט איר שווער און אָן אויפֿהער נאָכגעיאָגט, און זעלדקע איז אַלץ פֿלינקער, ראַשיקער פֿון אים אַוועק, אַוועק און צוריקגעקומען, מיט אַרויסגעשטרעקטע, נאַקעטע הענט זיך צו אים געצויגן, שטום און נאָר מיט באַוועגונגען אים געוואַרעמט און געגלעט, געמאָנט און מיטגעשלעפּט. און ווען דמיטרי איז שוין נאָענט און האַרט נעבן איר געשטאַנען, איז זעלדקע שוין געווען ווײַט, ווײַט אין אַנדער עק זאַל, און האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן האָבן געלאַכט און געדרייצט, און שלאַנקע פֿיס האָבן דעם טאַנץ איבעראַנייס אָנגעהויבן — ביז דמיטרי איז אַ מידער און אַ פֿאַרשוויצטער געבליבן זיצן אין אַ ווינקל, און סעריאָזשקע דובינסקי האָט אים פֿאַרביטן. ווען סעריאָזשקע האָט שוין אַלע קויכעס אין שווינדלדיקן טאַנץ פֿאַרלאָרן און געבליבן ליגן פֿאַרמאַטערט נעבן דמיטריען, — איז זעלדקע נאָך אַלץ גרינג און פֿאַרשיקערט אומגעלאָפֿן אַף די שפּיץ פֿינגער, מיט אויפֿגעשטראַלטע אויגן אַרויסגערופֿן אַלץ נײַע רויטאַרמייער אין ראָד און שוין קיין קויעך ניט געהאַט די אייגענע פֿיס אָפּשטעלן. און פּלוצים איז געשען:

פֿונם רעדל וואָלענע פּאַטשיילעס, פֿון צווישן די רויטאַרמייאישע מאַמעס, וועלכע זײַנען די גאַנצע צײַט געשטאַנען אַביסל אָפּגערוקט און באַזונדער, — איז אַרויס עסטערקע פֿון פּאָפּלאַוועס, איר וואָלענע פּאַטשיילע אַף אַן איבערגעקערטן טיש אויפֿגעהאַנגען, די דאַרע, אָדערדיקע הענט אין די באָקעס פֿאַרלייגט און אַוועק אין אַ אידישער האָפּקע: האָפּ, האָפּ, האָפּ.

עסטערקע פון פּאָפּלאַוועס טאַנצט!
האָפּ, האָפּ, האָפּ.
עסטערקע פון פּאָפּלאַוועס טאַנצט!

דער גראָער קאָפּ האָר איז איר איבערן אויסגעדאַרטן פּאָנעם צעפּאַלן, דאָס מולטענע יאַקל איז שטייף צו איר לייב צוגעשטאַנען, און שווערע מענערישע קאַ־מאַשן האָבן אפגעפּאַרבטן דיל פונם שטיינערנעם מויער אָפּגעקלאַפּט מיט קויען פון טרעגערשע טאַטעס און זיידעס, מיט באַהאַלטענער פרייד פון אידישע פּאָר־שטעט. און דער טאַנץ איז וואָס פון רעגע געוואָרן הייסער, אימפּעטדיקער, צע־וואַלגערטער און שטאַרקער, דער יונגער אוילעם אַרום האָט געפּאַטשט אין דלאָניעס צוגעטופּעט מיט די שטיוול און אַלץ איר אונטערגעהעצקעט:

האָפּ, האָפּ, האָפּ,
עסטערקע פון פּאָפּלאַוועס טאַנצט!
האָפּ, האָפּ, האָפּ,
עסטערקע פון פּאָפּלאַוועס טאַנצט!

און די אַלטע עסטערקע האָט איבערגעשטיגן איר טאָכטער, עסטערקע האָט אַף אירע זעכציקיאָריקע פּלייצעס אויסגעהאַלטן א צענדליק הענט פון רויטארמייאישע מאַמעס, וועלכע זיינען אויך אין אידישן דריידל אַוועק, און קיינער וואָלט אַצינד ניט גלויבן, אַז עסטערקע — זעלדקעס מאַמע — האָט אַף איר לעבן צוועלף קינדער גע־באָרן און אויסגעהאָדעוועט, אַז דריי פון זיי: דאָווידן, בערלען און לייבן, האָבן פּוי־לישע לעגיאָנען פאַר אירע אויגן דערשאָסן...

די ראָד האָט זיך געשפּרייט אַלץ ברייטער, פלינקער. פאַרכאַפּט און צעמישט פּאָפּלאַווער מאַמעס, נאָוויגראַדער פּורמאַנעס, רויטארמייער. א טופּערײַ פון שווערע שטיוול האָט אָפּגעקלונגען ווייט, ווייט אין דער ווינטערדיקער נאַכט, אין דער איינ־געשלאָפענער גאַס. ווענט און אויסגעבויגענע סטעליע האָבן ליימיק שווער מיטגע־טאַנצט, געטרייסלט די עלעקטרישע לעמפּלעך, געקלאַפּט מיט די יאַפּאָנישע קורצע ביקסלעך און אַ שטויב פון דיל איז געשטאַנען געדיכט און אויפגעהויבן, זיך צעמישט מיט שווייס פון צעהיצטע לייבער, מיט געשריי און טופּעריי פון שווערע שטיוול...

האָפּ, האָפּ, האָפּ,
עסטערקע פון פּאָפּלאַוועס טאַנצט...

א. באַבעל

זאַלץ

טייערער כאַווער רעדאַקטאָר! איך וויל אייך באַשרייבן די אומבאַוואוסטזיניקע שעדלעכע פרויען. איך פאַרהאָף אַף אייך, אַז ארומפאָרנדיק איבער די בירגערלעכע פראָנטן, וועלכע איר האָט גענומען אַף דער פען, האָט איר ניט אויסגעמיטן די פאַרלעגערטע סטאַנציע פאַסטאָוו, וואָס שטעקט אַף יענער זייט מידבאָריעס, אין ערגעץ א לאַנד, אין אַ פאַרוואָרפענעם קאַנט. איך בין דאָרט פאַרשטייט זיך געווען, סאַמאָהאָן — ביר געטרונקען, איבערן מויל האָט זיך געגאָסן, קיין טראָפן ניט גענאָסן.

וועגן דער אויבנדערמאָנטער סטאַנציע איז פאַראַן אַסאַך וואָס צו שרייבן, נאָר, ווי זאָגט מען אַף אונזער פראָסטן שטייגער, גאָטס טיבעף וועסטו זיך ניט דערראַמען. דעריבער וויל איך אייך באַשרייבן ניט מער ווי דאָס, וואָס מיינע אייגענע אויגן האָבן געזען.

ס'איז געווען אַ שטיל וואויל נעכטל מיט זיבן טעג צוריק, ווען אונזער אָנגעזעענער צוג פון דער רויטער אַרמיי האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָרטן, געלאָדן מיט קריגס-לייט. אַלע מיר האָבן געברענט מיטצואווירקן די אַלגעמיינע זאַך און געהאַלטן די ריכטונג אַף באַרדיטשעוו. נאָר דאָ עפּעס באַמערקן מיר, אַז אונזער צוג רירט זיך ניט פון אָרט, גאַוורילקע אונזערער דרייט ניט און די קריגס-לייט האָבן גענומען וואַקלען זיך, איבערריידנדיק — אין וואָס קאָן דאָ זיין די מעניע. און אין דער ווירקלעכקייט, אַ מעניע פאַר דער אַלגעמיינער זאַך איז דאָ ארויסגעקומען אַן ערנסטע, מאַכמעס די מעשאָטשניקעס, אָט די בייזע סאָנים, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געפונען אָן אַ צאָל מאַכנעס פון ווייבערשן געשלעכט, האָבן אַף א כוצפּעדיקן אויפן זיך באַגאַנגען מיט דער אייזנבאַן-מאַכט. אָן שום מוירע האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט אין די פּאַרענטשן, זיך אַוועקגעלאָזט לויפנדיק איבער די אייזערנע דעכער, גערודערט, געטומלט, און אין אַלעמענס הענט האָט פיגורירט די באַרימטע זאַלץ, דערגייענדיק ביז פינף פוד אין אַ זעקל.

נאָר ניט לאַנג האָט געדויערט דער זיג פון קאַפּיטאַל פון די מעשאָטשניקעס. די איניציאַטיוו פון די קריגס-לייט, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון וואַגאָן האָט געגעבן הילף דער באַליידיקטער מאַכט פון די אייזנבאַנער אָפּצועטעמען מיט פולער ברוסט, נאָר דער ווייבערשער געשלעכט מיט זיינע טאָרבעס איז נאָך פאַרבליבן אין דעם אַרומיקן געגנט. האָבנדיק מיטלייד האָבן די קריגס-לייט, אייניקע ווייבער אַריינגעזעצט אין די וואַגאָנעס און אייניקע ניט אַריינגעזעצט.

אויך אין אונזער וואַגאָן פון צווייטן ווזוואָד האָבן זיך אַרויסבאַוויזן צוויי מיידלעך, און געבנדיק דעם צווייטן קלונג, גייט צו צו אונז עפּעס איינע א פרוי און בעט זיך:

— לאָזט מיך אַריין, קאָזאַקלעך ליבינקע, די גאַנצע מילכאָמע מאַטער איך זיך אַף די וואָקזאַלן מיט אַ זויג-קינד אַף די הענט, און איצטער וויל איך זיך זעען מיט מיין מאַן. מיט די אייזנבאַנען איז גאָר ניט מעגלעך צו פאָרן. ניט שוין האָב איך עס באַ אייך קאָזאַקלעך ניט פאַרדינט?

— אַגעוו — זאָג איך — פרויענצימער, ווי ס'וועט זיין דער ווילן פונם ווזוואָד, אַזוי וועט אויסקומען אייער מאַזל.

און ווענדנדיק זיך צום ווזוואָד, דערווייז איך זיי, אַז א פרוי בעט זיך פאָרן צו איר מאַן אַף איר געהעריקן אָרט און דאָס קינד געפינט זיך ווירקלעך באַ איר, און ווי וועט זיין אייער ווילן — אַריינלאָזן אָדער ניין?

— לאָז אַריין — שרייען כעוורע — נאָך אונז וועט זי שוין דעם מאַן ניט וועלן.

— ניין — זאָג איך דער כעוורע גאַנץ איידל — איך נויג זיך פאַר אייך, ווזוואָד, נאָר מיר כידעשט צו הערן פון אייך אַזאַ כאַמעוואַטישקייט.

דערמאָנט זיך, ווזוואָד, אייער לעבן, און ווי איר אַליין זייט געווען קינדער באַ אייערע מאַמעס, וועט איר אַליין פאַרשטיין, אַז ס'טויג עפּעס ניט אַזוי צו ריידן.

און די קאָזאַקן, איבעררייידנדיק, וואָס פאַר א מין, הייסט עס, איבערצייגנדיקער ער איז, באַלמאַשאָוו, האָט גענומען אַריינגלאָזן די פרוי אין וואַגאָן, און זי מיט דאַנקבאַרקייט קריכט, און יעדער איינער, צעהיצט פון מיין עמעס, זעצט זי אונטער, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנדערן.

— זעצט זיך, ווייבעלע, אין אַ ווינקעלע, גלעט אייער קינד, ווי עס פירט זיך באַ די מוטערס, קיינער וועט אייך אין ווינקל ניט רירן, און איר וועט קומען א ניט גערירטע צו אייער מאַן, ווי איר באַגערט, און מיר פאַרלאָזן זיך אַף אייער געוויסן, אַז איר וועט אונז אויסכאָוועון אַ פאַרבייט, ווייל דאָס אַלטע עלטערט זיך און יונג-וואַרג זעט מען ווינציק. ביטערניש האָבן מיר פאַרזוכט, ווייבעלע, אי אַף דער ווירקלעכער דינסט, אי אַף דער איבערטערמיניקער, הונגער האָט אונז צוגעשטיקט, קעלט האָט אונז אָפּגעבריט. און איר זיצט און האָט קיין צווייפל ניט.

און געבנדיק דעם דריטן קלונג, האָט דער צוג זיך גערירט. און א וואַויל נעכטל האָט צעוואָרפן איר געצעלט. און אין יענעם געצעלט זיינען געווען שטערן — קאַנעצן און די קריגס-לייט האָבן זיך דערמאָנט אין דער קובאַנער נאַכט, אָן דעם גרינעם קובאַנער שטערן. און די מאַכשאָווע איז אַוועקגעפלויגן ווי אַ פויגל, און די רעדער טראַכקען, טראַכקען.

נאָכן פאַרלויף פון צייטן, ווען די נאַכט האָט זיך געביטן פון איר פאַסט און די רויטע פייקלער האָבן אויפגעשפילט דעם וועקרוף אַף זייערע רויטע באַראַבאַנען, זיינען צוגעשטאַנען צו מיר די קאָזאַקן, זעענדיק, אַז איך זיץ און שלאָף ניט און מיר איז אומעטיק ביז גאָר.

— באַלמאַשאָוו — ריידן צו מיר די קאָזאַקן — פאַרוואָס ביסטו אַזאַ טרויעריקער און זיצסט אָן שלאָף?

— כ׳נויג זיך נידעריק פאַר אייך, קריגס-לייט, און איך בעט אַ קליינינקע מעכילע.

ניט מער, דערלויבט מיר איבערעדן מיט דעם בירגערן אַ פּאָר ווערטער, און ציטערנדיק מיט מיין גאַנצן קערפּער הויב איך זיך אויף פון געלעגער, פון וועלכן דער שלאָף איז געלאָפן, ווי אַ וואָלף פון אַ טיטשקע ביינע הינט, און איך גיי צו און נעם באַ איר פון די הענט דאָס קינד, און רייס פון דעם די ווינדעלעך און שמאַטעס, און זע אונטער די ווינדעלעך אַ גוטן פוד זאַלץ.

— אָט אַן אינטערעסנע קינד, כאַווייִרים, וואָס קיין ברוסט בעט עס ניט, אפן קלייד נעצט עס ניט און קיין מענטשן פון שלאָף וועקט עס ניט.

— האָט קיין פאַריבל ניט, ליבע קאָזאַקלעך — שטעלט זיך אַריין די פרוי גאַנץ קאַלטבלוטיק אין אונזערע רייד — ניט איך האָב אָפּגענאַרט, מיינע צאָרעס האָבן אָפּגענאַרט.

— באַלמאַשאָוו וועט דיר מויכל זיין פאַר דיינע צאָרעס — ענטפער איך דער פרוי — באַלמאַשאָוון קאָסט עס ווינציק, באַלמאַשאָוו, ווי ער האָט געקויפט, אַזוי פאַרקויפט ער.

נאָר דו טו זיך אַ קער צו די קאָזאַקן, וואָס האָבן דיך דערהויבן ווי אַן אַר־בעטנדיקע מוטער אין דער רעפּובליקע. דו טו זיך אַ קער צו אָט די צוויי מיידלעך, וואָס וויינען באַ איצטיקער צייט, ווי געליטענע פון אונז אין דער נאַכט. דו טו זיך אַ קער צו אונזערע ווייבער אין דער וויצענער קובאַן, וואָס גייען אויס מיט זייערע ווייבערשע קויכעס אָן די מענער און יענע, ווידער דאָס אייגענע, עלנטע איבערן ביטערן גוירל פאַרגוואַלטיקן זיי מיידלעך, דורכגייענדיקע אין זייער לעבן און דיך האָט מען ניט גערירט, כאָטש דאַפקע דיך, אומווירדיקע, האָט מען געדאַרפט רירן.

טו זיך אַ קער צו ראַסיי. דער צעטראָטעטענער פון ווייטיק.

און זי צו מיר:

— כ׳האָב מיין זאַלץ פאַרלאָרן, כ׳האָב פאַרן עמעס קיין מוירע ניט. ניט וועגן ראַסיי טראַכט איר, איר באַשיצט די זשידעס, לענין און טראָצקי.

— וועגן זשידעס גייט איצט קיין רייד ניט, שעדלעכע בירגערן.

זשידעס זיינען אַהער ניט שאַיעך. אַגעוו, כ׳וועל ניט זאָגן וועגן לענינען, אָבער טראָצקי איז אַליין אַ זון אַ ביטערער, דעם טאַמבאָווער גובערנאַטאָרס, און ער האָט זיך איינגעשטעלט, כאָטש פון אַן אַנדער שטאַנד פאַרן אַרבעטנדיקן קלאַס, די פאַר־מישפּעטע קאַטאָרזשאַנער, שלעפּן זיי אונז אַרויס — לענין און טראָצקי — אַף דעם פרייען וועג פון לעבן. אָבער איר, פאַרהאַסטע בירגערן, איר זייט מער אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערקע, ווי יענער ווייסער גענעראַל, וואָס מיט דער שאַרפער סאַבלי זיי־נער סטראַשעט ער אונז אַף זיין טויזנטרובלדיקן פערד.

אים זעט מען אָן, יענעם גענעראַל, פון אַלע וועגן, און דער אַרבעט-מאַן האָט זיין געדאַנק, זיין כאָלעם, אים צו פאַרשניידן, אָבער אייך, אומערלעכע בירגערן, מיט אייערע אינטערעסנע קינדער, וואָס קיין ברויט בעטן זיי ניט און אַף דער לופט

גייען זיי ניט — אייך זעט מען ניט אָן, ווי אַ פלייי, און איר טאָטשעט און טאָטשעט און טאָטשעט.

און איך בין זיך עמעס מוידע, אַז איך האָב אַרויסגעוואָרפן די בירגערן אין גאַנג פונם צוג, נאָר זי, ווי אַ גראָבע זאַך, איז אַ ווייילע געזעסן, האָט אַ פּאָך געטאָן מיט די קליידלעך און איז אַוועק מיט איר כאַמערייזלדיקן שטעגעלע.

און אַז איך האָב דערזען אָט די ניט געשעדיקטע פרוי און די אָנבאַשרייבלעכע ראַסייע, אַרום און אַרום אין די פויערשע פעלדער אָן איין זאַנג, און די פאַרשעמטע מיידלעך, און די כאַוויירים, וואָס אַפּן פּראַנט פּאָרן פיל, נאָר ווינציק קערן זיך אום צוריק, האָב איך געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון וואַגאָן און אָדער מיט זיך אַן עק מאַכן, אָדער מיט איר אַ סאָף.

נאָר די קאָזאקן האָבן געהאַט מיטלייד מיט מיר און האָבן געזאָגט: — דערלאַנג איר פון דיין ביקס.

און אַראָפּנעמענדיק פון דער וואַנט מיין געטרייע ביקס, האָב איך אָפּגעווישט די שאַנד פון דער אַרבעטער-ערד און פון דער רעספּובליקע.

און מיר, די קריגסלייט פון צווייטן ווזוואָד, מיר שווערן פאַר אייך, טייערער באַוועער רעדאַקטאָר, און פאַר אייך, טייערע כאַוויירים פון רעדאַקציע, אָנראַכמאָנעסדיק זיך באַגיין מיט אַלע פאַרעטער, וואָס שלעפּן אונז אין גרוב און ווילן דאָס טייכעלע פאַרקערעוון אַפּצוריק און אויסבעטן ראַסיי מיט באַרמענענס און מיט טויטע „גראָז".

פאַר אַלע קריגס-לייט פון צווייטן ווזוואָד

ניקיטע באַלמאַשאָוו
סאָלדאַט פון דער רעוואָלוציע

ש. גאָדינער

אַן אַקאָרע מיט אַ קינד אַף די הענט*

אין איינעם אַ האַרבסט-טאָג האָב איך אַף א מאָסקווער גאַס געטראָפן אַ ראַ־האַטשעווער אידענע מיט א פיצל קינד אַף די הענט. זי האָט זיך באַ מיר נאָכגעפרעגט, וואו עס געפינט זיך דער „דעטציק", — זי האָט זהין אַ וויכטיקן איניען, צו קאַליני־נען, מע זאָגט, ער נעמט אויף קינד און קייט, ווער עס ווענדט זיך נאָר צו אים, און גיט יעדערן אַ ריכטיקע אייצע, און העלפט יעדן, ווי ווייט אַ מענטש קאָן נאָר העלפן.

די אידענע איז געווען אַלט אַרום אַן אכט און פערציק יאָר און דאָס קינד, וואָס איז באַ איר אַף די האַנט געווען, איז געווען אַ פלאַקס-האָריקס, אַ בלוי-אויגיקס, מיט אַ פיצינק פאַריסן נעזעלע און שמאָלע ליפן, — אַ „גויאיש קינד" לויטן קאָם־פלעקס שטריכן אַפן פעניטל, און אַלט איז עס געווען סאַכאַקל אַ יאָר צוויי.

די אידענע, וואָס איז איינע אליין דאָ אין דער צעוואָרפענער מאָסקווע, האָט מיך גערירט, נאָר איך האָב די דירעניש אין זיך דערשטיקט און קינדערש מיטן קינד זיך אַ שפיל געטאָן, אַ פרעג געטאָן אַף רוסיש:

— ווי רופט מען דיך, אָקטיאַברל?

— ער פאַרשטייט ניט קיין רוסיש, — האָט מיך די אידענע איבערגעשלאָגן, — אידיש קאָנט איר? פרעגט אַף אידיש, וועט ער אייך ענטפערן.

— ס'איז אייערס אַן אייניקל?

— וואָס איז דען די נאַפקע מינע? אַ גלאָז מילך קאָן מען דאָ ערגעץ פאַר אים קריגן?

איך האָב זי אַריינגעפירט אין א קיך. איך האָב געהייסן דערלאַנגען דעם קינד אַ גלאָז מילך און אַגעוו, אונז — מיטאָגן.

מיר האָבן געגעסן אונזערע שפייזן, און דאָס עסן צוזאַמען באַ איין טיש האָט אונז געוויס דערנעענטערט. פריער זיינען געפאַלן פון מיין מויל פאָרזיכטיקע פראַגן צו דער אידענע, ווער זי איז, פון וואַנען זי קומט, ווער איז דאָס קינד און פאַרוואָס דאַרף זי עפעס גאָר אַזש צו קאַלינינען אליין. דערנאָך האָט זי מיר אַליין דערציילט די גאַנצע געשיכטע אירע, וואָס האָט זי מיטן קינד אַהער קיין מאָסקווע געבראַכט צוטראָגן. צי זי האָט אַ מאַן? ווי זשע דען? געוויס האָט זי אַ מאַן. ניין, זי האָט

---

* געקירצט.

אים ניט. זי האָט געהאַט אַ מאַן. ניין. זי ווייס אַליין ניט, וואו האַלט זי איצטער אין דער ספּירע מיטן מאַן: צי זי האָט אים געהאַט, צי זי וועט אים ערשט האָבן. נאָר קיין סאַך וויל זי וועגן אים ניט ריידן, עס לוינט ניט. ניט דאָס איז איצט בײַ איר דער עיקר.

איר דאַרפט ניט קוקן אַזוי אַף איר. זי איז אַמאָל געווען אַ גאַנץ שיין מיידל,* זי האָט געהאַט אַנדערע מאַלעס אויך. קיין גרויסער נאָר איז זי קיינמאָל ניט געווען. זי האָט אויך ליב געהאַט אַמאָל אַ באָכער. ווי זשע דען? איצט? איצט האָט זי ליב אָט דאָס טרייפענע ביינדל, וואָס זשליאָקעט די מילך. איצט, דאַרף איך וויסן, איז זי שוין אַלט אַרום אַן אַכט און פערציק יאָר, און אַף דער עלטער האָט זי אַ בען־זקונים געפּאַקט. ניט געפּאַקט, ניט געמאָזלט, ניט דער בויך האָט איר וויי געטאָן, אָבער אַ זונדל האָט זי זיך אײַנגעשאַפּט — אַף איר אַזאַ יאָר.

דאָס קינד האָט זיין מילך געהאַט אויסגעטרונקען, און איצט האָט עס געקוקט מיט גייציקע אייגעלעך אַף די טישלעך און אַף די מענטשן בײַ די טישלעך, און געצויגן זיך מיט די הענטלעך צו אונזערע טעלער. איך האָב עס אָנגעקוקט, דאָס קינד — אַ וואויל קינד, נאָר נעבן דער ראָהאַטשעווער אידענע האָט עס אויסגעזען, ווי אַ גע־גאַנוועטס, כאָטש עס האָט אַזוי קינדעריש־כײַנעוודיק געפּלאַפּלט:

מאַ־אַ־מע גי מי־י אַ טייונק.

אַיאַ, עס פּאַסט זיך צו איר, עס וועט זיך שוין פּאַסן. זי האָט שוין גוט אַלץ אויסגעשמעקט, זי האָט זיך שוין געשטעלט קאַפּויר, ווי אַלע מענטשן איצט, וועט איר גרינגער זיין צו לעבן.

פון אַמאָל איז ניטאָ וואָס צו דערציילן, זי — די אַמאָליקע — איז שוין גע־שטאָרבן. איך מוז עס אויסהערן: זי איז מיט אַ שטיקל צייט צוריק געוואָרן אַ קאָ־מוניסטקע. קיין „טשלען” איז זי ניט, נאָר די נעשאָמע אירע געהערט די קאָ־מוניסטן. מיסטאָמע קומט עס זיי. זייער מאַנאָפּאָל אַף קאָשערע און ערלעכע נע־שאָמעס.

איר מאַן איז אַ זייגערמאַכער און אַ גאָלדשמיד. מיט אַ יאָר פינף און צוואַנ־ציק צוריק, ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען, האָט איר גלייך אין קאָפּ אַ קלאַפּ געטאָן: אָט דאָס איז ער! זי איז דעמאָלט אַלט געווען דריי און צוואַנציק יאָר. ער — איין און צוואַנציק. זיי האָבן כאַסענע געהאַט און געלעבט אַ יאָר צוואַנציק.

ווי געלעבט? ווי זאָל זי עס מיר אויסדריקן? זי האָט געלעבט מיט איר מאַן און אַף גאָרניט ניט פאַרטראַכט זיך. ער איז געווען אַ נאַרישעוואַטער און פאַרבליבן אַ נאַרישעוואַטער ביז היינטיקן טאָג. זי האָט אים געהיט, ווי אַן אויג אין קאָפּ, מאַכמעס זי האָט אים ליב געהאַט, ווי אַ דערוואַקסן קינד, נאָר קיין קינדער האָבן זיך בײַ זיי ניט געהאַלטן. זי האָט זיך ערשט אין די לעצטע יאָרן געכאַפּט: איינמאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר מאַכן, ווער איז שולדיק דערין, וואָס קיין קינדער האַלטן זיך ניט. זי איז אויסגעוועזן אַ וועלט. בײַ אַלע באַרימטע פּראָפעסאָרן איז זי געווען; און אַלע אין איין קאָל שרייען, אַז זי איז געווען אַ פרוי ווי אַלע פרויען און האָט געקאָנט האָבן געזונטע קינדער. דער מאַן, ווייזט אויס, איז מיט עפּעס אַ מום. איצט, פאַרשטייט זיך, איז שוין שפּעט, פאַרפאַלן!

ווי זאָל זי עס מיר איבערגעבן ? א רעוואָלוציע האָט זיך בא איר אין האַרצן געעפנט. זי איז געוואָרן אויס מענטש. פריער האָט זי צום מאַן געהאַט אַ ווייכע באַציאונג, מאַכמעס אויסער ליבע האָט זי נאָך אָף אים ראַכמאָנעס געהאַט, וואָס ער מוז צוליב איר זיך אָפּזאָגן פון א קינד. איצט, האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז זי איז גאָר דער קאָרבן און ער איז דער קויהען-גאָדל, וואָס האָט זי צוואַנציק יאָר אזוי מיעס גענאַרט. איך דאַרף זיך שטאַרק ניט נאָכפרעגן אָף דעם אלעמען. אַ געפערלעכער עלטער בא איר געווען דעמאָלט. נאָר עס האָט איר גאָרניט ניט געהאָלפן. האָט זי זיך אַביסל „אוספּאָקאָיעט" און באַשלאָסן צו לעבן מיט דער יערושע. וואָס האָט זי געיארשנט? איר אייגענעם באַנעמען זיך מיט אים, מיטן מאַן. זי האָט ליב געהאַט פאַר אים צו לעבן. קאָן זיין, אַז עס איז געווען אַ מעשוגאַעס, אָבער אַז עס איז ליב, טוט מען אַ מעשוגאַעס אויך. האָט זי אים גערופן אין אַ נייער שטאָט וואוינען. די דאָקטוירים האָבן איר געהייסן פאָרן קיין קרים, די נערוון באַרואיקן. אין לאַנד איז נאָר וואָס שטיל געוואָרן. די ווייסע האָט מען אויסגעראָטן ביזן לעצטן. אין קרים איז ווי נאָך אַ שלאַקס-רעגן. פאַרוויסט און כאָרעוו, אָבער זון און יאָם איז פאַראן און זי האָט זיך געפילט, ווי אין אַ נייער הויט. האָט זי אים גערופן אַהער וואוינען.

און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די עמעסע מאַיסע.

ער איז געקומען צו איר קיין קרים. זיי האָבן זיך געדונגען צוויי צימערלעך אָף צו וואוינען, און א ביידל אָף א ראָג-גאַס פאַר אים אָף צו ארבעטן. זי האָט געהאַט פארהיט איר ביסל צירונג, האָט זי עס פאַרקויפט און געקויפט זיך אַ שטוב. דעמאָלט האָט מען גאַנץ ביליק געקאָנט קריגן צו קויפן אַ שטוב. זי האָט אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. ער האָט געאַרבעט און ניט שלעכט פארדינט, און ניט זייער שלעכט איז זיי געווען. קיין בורזשויען זיינען זיי קיינמאָל ניט געווען, און איצט האָט ער געהאַט אַ טיטל: „קוסטאַר-אָדינאָטשקע". ס'איז אי א בורזשוי, אי א פראָלעטאַריער, ווי דו ווילסט, אזוי רעכן זיך. קיין גרויסער אינטערעס אין לעבן איז ניטאָ, נאָר א ביכל אין שטוב וואָלגערט זיך. לייענט מען אַמאָל און מע דערוויסט זיך פון פרעמדע צאָרעס, ווערט זיך אַביסל בעסער: ניט פון די ערגסטע ביסטו, טראַכט זיך דיר. נאָר זי האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט צו טרעפן אין ציל. פינף און צוואַנציק יאָר האָט זי געשאָסן גוט, און געלעבט מיטן מאַן פיין, און אפן זעקסאון צוואַנציקסטן האָט ער אָנגעהויבן פון שטוב פארפאַלן צו ווערן. אָף טעג און אָף נעכט. ס'האָט בא איר דאָס האַרץ ווידער אָנגעהויבן פלאַצן. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז נאָך גאָר א יונגער, פוצט זיך, ווי א כאָסן-באָכער, און ראַזירט זיך איבער א טאָג, און דאָס אַלץ — גאָרניט פון אירעט וועגן.

און דערנאָך איז עס אַרויסגעשפּרונגען. ער האָט זיך אָפּגעשניטן אַ האַלבע שטוב און געבראַכט אַהין אַ צווייטע און דרייסיק יעריקע. ס'איז שוין איצט ניטאָ אָף וואָס זיך נאָכצופרעגן. זי קאָן זיך נעמען אַ שטעקעלע מיט אַ טאָרבע און אַוועק איבער דער וועלט. אַן אַנדערע איז געקומען. ראַמען און וואַשן און קאָכן קאָן אַ דינסט-מיידל אויך, און אַ ווייב באַדאַרף זיין אַ יונגע און אַ שיינע. שיין? יענע האָט אַ „נאַכאַלנע" צורע, און אירע איז פינצטער, ווי די ערד. וואָס האָט זי געהאַט

מיט יענער צו ריידן? עס וועט אַמאָל קומען איר ביטערער מאזל צו איר צו גאַסט.

דערווייל איז זי אַפּן פערד. און דאָס פערד שווייגט. דאָרט, מיט איר, אין דער צווייטער האַלבע שטוב קלינגט זייער „נאַכאַלנע“ געלעכטערל, און אַז ער קומט צו איר אַמאָל אַריין, איז ער פינצטער און נאַריש, אַז עס ווילט זיך אים אַזש אַרויסטרייבן. נאָר איינמאָל האָט זי מיטן פערד גערעדט. זי האָט אים געגעבן צו דערקלערן, אַז זי פאַרשטייט אַלץ, אַז זי האָט גאָרניט צו אים, אַז זי וויל נאָר זיך פאַנאַנדערגיין. זי וועט אַליין איר שטעטל באַשטיין. די שטוב מיט די זאַכן זיינען אירע. פאַר איר צידונג געקויפט. זאָל ער זיך בויען אַ נייעם ביניען, וויבאַלד ער איז אַ יונגער כאָסן-באָכער געוואָרן. ער שווייגט. כאַדאָשים שווייגט ער. און אַז זי שטופּט אים צו צו דער וואַנט, ענטפערט ער, אַז ער קאָן ניט. וואָס קאָן ער ניט? פאַנאַנדערגיין זיך מיט איר קאָן ער ניט. פאַרוואָס? ווייל ער קאָן ניט. וואָס זשע דרייט ער זיך אַרום מיט דער יונגער קליאַטשע? די געדאַנקען האָבן זיך באַ אים צעמישט.

גוט. טראַכט זי — זי וועט אים אַנטקעגן גיין. זי וועט אים העלפן די געדאַנקען אין אָרדענונג ברענגען. איז איינמאָל, ווען דאָס יונגע פּאָר איז אַוועק צום יאַם שפּאַצירן, און עפּשער אין קינאָ, האָט זי זייערע שמאַטעס אַפּן גאַניק אַרויסגעהאַנגען און דיביידע העלפטן פון דער שטוב פאַרשלאָסן, איינע פון דרויסן, די צווייטע פון אינעווייניק און געלייגט זיך שלאָפן. דאָס האָט געהאָלפן אַף אַ העלפט. זיי האָבן איבערגעגעכטיקט אַפּן גאַניק. און אינדערפרי זיינען זיי ביידע אַוועק, געדונגען זיך אַ דירע און געלעבט אַ כאַדאָשים ניין צי צען. און זי האָט זיך דערווייל אַ פּראָפּעסיע געשאַפן. עס איז איר צונוץ געקומען דער פּאַנסיאָן אירער: זי האָט אָנגעהויבן טשיפּקעלעך מיט סאַראַפאַנען נייען פאַר די קוראָרט-דאַמעלעך און עסט דערפון איר שטיקל ברויט.

ס'איז צום לאַכן און צום וויינען, ווי די גאַנצע מאַיסע האָט זיך פאַרענדיקט. יענע איז טראָגעדיק געוואָרן. געהאַט אַ קינד. דאָס שוטפּעסדיקע פערד אונזערס איז אַפּן זיבעטן הימל געווען. וואָס ער האָט געקאָנט, האָט ער פון שטוב אַרויסגעשלעפּט — אַלץ פאַר איר. זיין געשטעל — רואינירט. לעבט און קוועלט אָן פון איר מיטן קינד. ניט אין אַ פריילעכן טאָג, עס קומען צו פאָרן צו איר צוויי קינדער — איינס דרייצן יאָר אַלט, דאָס צווייטע — אַכט. און יעדעס קינד האָט זיך זיין טאַטן און זי איז זייער מאַמע: זיי לעבן אַפּ זאַלבעזעקסט אין דער איינער שטאָט, ווי זעקס קעץ אין איין זאַק, און דאָס פיצל קינד איז אַ זיבעטעס אין דער פיינער מישפּאָכעלע. און די צוויי און דרייסיק יעריקע פאַלט נעבעך פון די פיס: אַלע טאָג מיט אַן אַנדער מאַן און מיט אַן אַנדער קינד, און מע דאַרף נאָך מאַכן אַזוי, אַז די דריי מענער זאָלן זיך צווישן זיך ניט באַגעגענען. באַשטימט זי זיי יעדערן זיין שאָ. יעדער געוועזענער מאַן אירער רופט זי, זי זאָל גיין מיט אים לעבן. אַן אויסכאַפּעניש! און פערד ניאַנטשעט זיך אַרום מיטן קינד, אַז עס איז אַזש אַ ביטערער ראַכמאָנעס אַף אים. עסן קומט ער צו איר, צו דער אַלטער. קינדערוועש וואַשט ער אויך באַ איר. און די געדאַנקען זיינען נאָך באַ אים אַלץ צעמישט.

ווי זשע האָט זיך עס פאַרענדיקט? אז דער סעזאָן האָט זיך געענדיקט, און עס איז „אָסיען" אָנגעקומען, זיינען זיי זיך אלע צעפאָרן, און די קליאטשע איז מיט איינעם פון אירע מענער קיין קיעוו אוועק. פארן אוועקפאָרן האָט זי אים איבער־געלאָזט א בריוול מיט אן אדרעס, מיטן קינד. זי האָט אים געשריבן, אז ווי אן ערלעכער מענטש מוז זי אים אנטפלעקן דעם סאָד, אז זי האָט אים קיינמאָל ניט ליב געהאט, און דאָס, וואָס זי איז זיך מיט אים אף א ווײַלע צונויפגעגאנגען, איז עס געשען, מאכמעס עס איז איר דאָ איינער אליין, ווינטער, זייער אומעטיק גע־ווען, און זיין כאראקטער איז איר זייער שטארק געפעלן געוואָרן — אן איבערגעגע־בענער און גינציקער איז ער זייער. אין צוויי יאָר ארום וועט זי קומען נאָכן קינד. דערווייל לאָזט זי אים איבער אן אדרעס, ער זאָל איר בריוועלעך שרייבן וועגן זיין געזונט און וועגן דעם קינדס געזונט. דאָס קינד זאָל ער זיך נעמען און היטן עס. קאָרמענען מיט דער ברוסט דארף מען עס שוין ניט. עס איז שוין אנטווינט, זיי, — אן אלט פּאָר פאָלק, וואָס האָט סיי ווי סיי קיין קינדער ניט, וועלן דערווייל האָבן א שטיקל נאכעס אף דער עלטער. און זי ראט אים טאקע זיך אומקערן צו דער אלטער, מאכמעס קיין בעסערע העלפט פאר זיך וועט ער אף דער וועלט ניט געפינען.

ווי זאָל זי עס מיר אויסברענגען? דער ליכטיקער מאן אירער האָט זיך ארומגעדרייט מיט א פינצטערער צורע איינער אליין א כאדאָשים צוויי, און די גע־דאנקען זיינען נאָך בא אים, אפּאָנים, אלץ געווען שטארק צעמישט. מיטן קינד ניאנטשעט ער זיך דאָרט בא זיך אין די צוויי צימערלעך, און צו איר קומט ער מיטן קינד מיטאָג עסן און דאָס ביסל קינדער־וועש אויסוואשן.

איז דאָס נאָך אלץ ניט אזויפיל. עס קאָן זיין נאָך מער. עס האָט גאָר קיין שיר ניט צו דער מאיסע. איינמאָל אין א טאָג באקומט זיך א בריוול אפן אדרעס פונם זייגערמאכערס צוויי צימערלעך. א בריוול פון ראסטאָוו. פון איינעם א באָכער א בעלאָצערקאָווסקי, צו איר, צו דער צוויי און דרייסיק יעריקער, אז אויב זי וויל קאָן זי קומען צו אים קיין ראָסטאָוו מיט זייער קינד, נאָר זי דארף מיט זיך מיט־ברענגען א צימער מיט פארנאָסע, פון וועלכער זיי זאָלן קאָנען אין דרייען לעבן, מאכמעס ער איז, ווי זי ווייס, א סטודענט, איז הויל ווי א קאטויל און האָט נאָך צו לערנען אין אוניווערסיטעט דריי יאָר צייט. דאָס נעפעשל, ווייזט זיך ארויס, איז גאָרניט דעם זייגערמאכערס, דער טאטע זיינער איז דער סטודענט בעלאצערקאָווסקי.

א פיינער קער! דער זייגערמאָכער גאנוועט זיך ארויס פון דער שטאָט און אנטלויפט צו דער קליאטשע, קיין קיעוו. און דאָס קינד ווארפט ער אריין צו איר.

ווי זי האָט אויפגענומען דאָס קינד, איז ניט שאיעך צו דערציילן. וואָס איז דאָס קינד שולדיק? זי קומט אזוי איינמאָל פון שטאָט מיט די טשיפּקעלעך און סאראפאנעס אף די הענט און דערהערט א יונג קעלעכל פון דער צווייטער העלפט שטוב. עס קוויטשעט און עס לאכט און עס ווײנט — עס טוט זיך! זי גייט אהין אריין און טרעפט דאָס נעפעשל ליגן אין א נעץ און מיט די פיסלעך ווארפט עס און שפּילט זיך מיט א קאָלירט פּילקעלע, וואָס מע האָט איבער זיין געלעגערל אויפגעהאנגען. זי האָט אים אונטערגעלייגט א טרוקענעם ליילעך. זי האָט אומגערן

פארשעפעט דאָס פּילקעלע, און דאָס קינד האָט זיך דערפון צעלאכט מיט אלע אייווריםלעך. עס האָט זיך בא איר דאָס הארץ קאפויר איבערגעקערט. זי האָט עס ביגנייווע א קוש געטאָן און פארשעמט זיך פאר זיך אליין. זי איז פון אים אוועק און צוריק צו אים זיך אומגעקערט.

בא איר אליין האָבן זיך די געדאנקען אירע צעמישט. וואָס זאָל זי טאָן מיטן קינד? עס האָט בא איר אביסל צייט גענומען, ביז זי איז צום סייכל געקומען, אז אויב דער סטודענט מיט דער קליאטשע האָבן עפּעס א כיילעק אינם נעפעשל, קאָן זי האָבן אין אים דעם גרעסטן כיילעק. זי האָט זיך גענוג אָנגעמוטשעט מיטן קינד. עס איז געווען א גאנץ פריילעך קינד, נאר זי האָט עס אין קאדאָכעס געוואָרפן: דאָ האָט זי עס מעשוגענערווייז געקושט, דאָ האָט זי זיך אליין מיט די פויסטן אין די שלייפן געהאקט און געוויינט פון קאַעס, וואָס זי דארף מיט זיך אליין מילכאָמע האלטן. עס האָט אביסל צייט גענומען, ביז זי האָט זיך צום קינד צוגעוואוינט. אף שכייניס קוקט זי ניט. פון מענטשן האלט זי ניט זייער שטארק. מענטשן פון איר גראד זיינען מייכסטנס ווי בעהיימעס, וואָס קאָנען לאכן, זאָלן זיי לאכן. זיי באנעמען דען עפּעס?

נאָר אָט איז שוין אוועק אכצן כאדאָשים, ווי זי איז אליין מיטן קינד. איצט איז שוין עפּעס אנדערש. איצט דאכט זיך איר אויס, אז זי האָט עס אליין געבוירן, אליין פון איר ברוסט זויגן געגעבן. איצט וועט זי פריער די אייגענע נעשאָמע אירע אוועקגעבן, איידער זי וועט דאָס קינד עמ'צן אוועקגעבן. זי רעדט דערמיט אומישנע אף אידיש. זי האָט אים אומישנע א נאָמען געגעבן „זונדל". זי דארף אים נאָר אין „זאגס" פארשרייבן. און „זאגס" וויל ניט. עס שיקט זיך ניט פארן זאגסישן סייכל, אז זי מעג זיין די מאמע פון אזא מין נעפעשל. זי איז בא יוריסטן געווען. זי איז באם פראָקוראָר געווען. זי וועט גיין ווייטער. זי איז געקומען צו קאלינינען: זאָל ער בא איר קוואטער זיין — עס מעג אים אָנשטיין, געשניטן האָט זי אים ניט. זי שטייט שוין איצט ווי אלע מענטשן שטייען — לייטן-גלייך. זי וועט זיך אויסציען אף אלע פיר, אויב מע וועט וועלן דאָס קינד צונעמען בא איר. זי איז אן ערלעכע „קוסטאַרקע אדינאָטשקע", און די „סאָוועטסקע וולאסט" טאָר זי ניט טרייבן צום טייך, ווייל דאָס איז א האָרעפּאשנע מעלוכע.

די מאיסע איז פארענדיקט. די אויגן בא דער ראָהאטשאָווער אידענע לייכטן. איצט קוקט זי אף מיר אליין ווי אף א פאָרטרעט. זי שטעכט מיך מיט אירע גרינע אויגן. איך מוז איר זאָגן: האָט זי ריכטיק געהאנדלט? האָט זי געקאָנט עפּעס אנדערש טאָן? א קאמפּלעטע פאריקט איז זי, די ראָהאטשאָווער אידענע, אָבער דאָס איז בלויז פון פאכעד, אז מע קאָן בא איר דאָס קינד צונעמען.

דאָוויד בערגלסאָן

א צעגרובלדיקער *

.1

דער פרעמד - שוואַרצער פּויזנדיקער פלעק — דאָס איז דער שויכעט אינם נייעם, ניט גאָר פאַרענדיקטן, נאָר בלאַנק-ווייסן אידישן אישעוו.

פאַר יאָמנעראָים האָט ער פאַר ניט-פרומקייט געזאָגט מוסער לעבן יעדן סטעפּיקן באַראַק און אַפילע לעבן די עקסטע געציילטע שטיבלעך, פון וואַנען מע זעט שוין אַרויס די בערג. באַם קאָלאָניסט גערשן יאראָשעווער, וואו וואָס צו שעכטן איז ניט געווען, האָט ער געדאַווענט זייער לאַנג און זייער פרום — אַף צו-לאָכעס, ווי א בייזער מעכוטן.

ערעוו ראָשעשאָנע האָט באַ גערשן יאראָשעווער, ווי צונויפגערעדט מיטן שויכעט, אַוועקגעבלאָנקעט פון שטוב אין סטעפּ אריין די „פרומע-פריצע" — אַזוי האָט מען גערופן זיין רויטע צוויי-מיט-אַהאלביאָריקע טעלעצע, וואָס מיט די ווייסע פלעקן אַפן האַלז, אַפן שטערן און לעבן די האָרטע שוואַרצע ליפּן — אָוועקגעבלאָנקעט צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט און אָן צו מיכדסטן „זיי געזונט", ווי א בע-הימע קאָן. טייטשן האָט מען עס געקאָנט:

— גערעכט דער שויכעט... איך וויל באַ אייך ניט זיין...

גערשן יאראָשעווער האָט אַקעגן א פּנאַר מינוט זיך געקראַצט מיטן נאָגל צווישן די לינקע ריפּן. ער האָט ניט געוואוסט, וואו זאָל ער די טעלעצע זוכן און באַ וועמען זאָל ער אַף איר פרעגן — פאַר אים האָבן דאָ אין סטעפּ פון ערשטן טאָג אָן אַלע פּעגימער זיך צונויפגעגאָסן אין איינעם, כאָטש אים האָבן דאָ קימאַט אַלע געקענט: אַ פעסטער, אַ האָריקער האָרעפּאַשניק מיט לאַנגע וויעס, מיט אַ גע-דיכטער געקרייזלטער באָרד, ווי באַ אַ ציגיינערשן אַטאַמאַן און מיט אַ גערויך פון אַ פריש-געפּנט פּעקעלע קאָרינצעס. דער גערויך גייט פון זיין גאָרגל. פון זיין גלאַנ-ציק-שוואַרצער באָרד, פון זיינע האָריקע הענט, פון זיין גאַנצן לייַב און אַפילע פון זיין קאָל. ריידן רעדט ער קנאַפּ, מיט אייגענע ווערטער. אַף געלט זאָגט ער:

— קלינגערס.

אַז ער דאַרף עפּעס טאָן אַף גיך, ריירט ער זיך אַפילע אַף קיין האָר ניט גי-כער, ער כוט נאָר געשווינד אַ פאָנפע:

---

* געקירצט.

— איינס און צוויי און אין דאַם אַרײַן...

באַוועצט האָט ער זיך דאָ אין סטעפּ פיל פּאַמעלעכער און פיל פעסטער איידער אַנדערע שכיינים — אָט אַזוי ווי אַ מידער שווער-מענטש נאָך לאַנגן ארומלויפן טוט זיך אַ זעץ מיטן שווערן געזעס אַף אַ באַנק און עס איז קענטיק, אַז ניט אזוי גיך וועט ער זיך פון אָרט אויפהויבן. קיין אייצעס האָט ער קיינמאָל ניט געפרעגט און האָט' דערויף קיין כּפּראָטע ניט. שמייען, פילדערן האָט ער פיינט. נאָר איצט, קראַצנדיק זייער נידעריק די ליטקע, האָט ער געדענקט דאָס מיעסע שעפּטשען פונם שויכעט, און האָט געפילט אַ טיפן קרעל אין האַרצן.

גערשן איז געווען אויסער זיך.

כּוץ דעם, וואָס דער קלאַפּ וועט זיין זייער גרויס, אויב די טעלעצע וועט פּאַרפאַלן ווערן, דאַרף זיך דאָס נאָך טרעפן פונקט ערעוו ראָשעשאָנע. נאָכדעם ווי זיין ווייב איז מיט אַן אומעטיק-צעבראָכענעם טענצל אין פרומער ראָשעשאָנעדיקער איילעניש אַוועקפאָרן מיט שכיינים אין שטאָט אַריין און נאָכדעם, ווי ער — פון מאָמיד אָן ניט קיין פרומער — האָט פּלוצים ווי פאַרגעסן דעם נאָמען פונם נאָענטן אידישן אישעוו, וואו דער שויכעט איז אויך כאַזן. און האָט איר, דער אידענע זיינער, פויל, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אָפּגעפּאָנפעט דעם ליגן:

— פאָר, פאָר... איך וועל שוין דאָ צולויפן אַ דזוון טאָן אַהין... אין ווי אַזוי רופט מען עס... און געהאַלטן האָט ער דעמאָלט סאַמע אין רעכטן מיטן. ער האָט געריייניקט די לעצטע פּודן האָבער אַף דער געליענער פוך-מאַשין —ביילקע, זיין פערצניאָריק מיידעלע, האָט געדרייט די קאָרבע. גערשן האָט געשאָטן אויבן פונם מעסטל.

— איז אָט... האָסטו דיר... אַ דאַנק פאַר אַ בסורע...

געווען איז דאָס באַ זון-זעצן-זיך.

ער מיט ביילקען זיינען ביידע פאַרשטויבטערהייט גלייך אַוועק אין צוויי זייט פון סטעפּ זוכן די „פרומע פריצע" — אַוועק טשוואַליאָם, מיט געפּלעטע קעפּ, מיט פינצטערניש אין די אויגן. באַ ביידן זיינען די קערפּערס באַשטאַנען ווי דורכויס פון לויפנדיקע פיס.

ביידע האָבן ביז טיפער טונקעלניש געבלאָנדזשעט אין פעלד מיט פאַנאַנדערגענומענע פאַכנדיקע הענט, ווי צוויי יעסוימים, וואָס אָט-אָט וועלן זיי זיך אַ לאָז טאָן שווימען און שרייען:

— סטעפּ!.. גיב אָפּ!.. גיב אָפּ!..

און ביידע האָבן זיך אומגעקערט מיט גאָרנישט: די ערשטע נאַכט פון טישרע — אַ פריע, אָן אַ לעוואָנע — איז דאָ אין פרייען סטעפּ צוגעפאַלן בלינד, שטיל און נאָך מיט מער איילעניש, איידער אין אַלטן שטעטל, וואו מע איז פרום און מע האָט פאַר איר מוירע און מע פאַרשרייט אָט די מוירע מיט געוויינען און מיט זיפצן באַ פיל ליכט אין די שולן.

מיד, אויסגעמאַטערט פון אומזיסטיקן זוכן, איז ביילקע אַריינגעקומען אין שטוב זייער שטיל, ווי מוירע-האָבנדיק פאַר פעטש; באַקומען נאָך גרעסערע ליפּן, ווי טאָמיד. איר קורץ געזל האָט זיך אויסגעצויגן, די אויגן האָבן זיך אויסגעגלייזט. זי

האָט זיך ניט אָפּגעוואַשן, זיך ניט צוגערירט צום ברויט, געשטאַנען לעבן טיש גרוי, ווי דער שטויב, וואָס דער האָרעפּאַשנער טאָג האָט אַף איר אָנגעטרייסלט, געקוקט, געקוקט אין דער שיין פון קליינעם לעמפּל, באַקומען נאָך און נאָך גרעסערע ליפּן און מיטן-דרינען — פון האַרצווייטעק, פון בענקשאַפט צו דער פאַרשוואונדענער טעלעצע, אַ פּאָך געטאָן אין גרויס ייעש מיט ביידע געקרויזטע שטויביקע צעפּלעך, אָנגעבויגן דעם קאָפּ זייער נידעריק, ווי אַף צו צוואָגן זיך און זיך פאַנאַנדערגעכליפּעט אַף אַ קאָל.

קראַצנדיק אין אַ זייט די פאַרפאָראַשעטע באָרד האָט גערשן אַף איר אָנגעשטעלט בייז-קוקנדיקע באָלעכעס. איר געוויין האָט אים דערמאָנט אָנם מיעסן שעפּטשען פונם שויכעט אין זיין ווייבערש-וויינענדיקן בענטשן...

— שאַ!.. דו! האָט ער אַף איר אָנגעשריען, — צו זיין קאָפּ!

און אַליין איז ער נאָכדעם זייער שווער, בייז און עפּעס ווי אין איין אויגנבליק איבערגעשלאָפן די נאַכט, זיך אויפגעכאַפּט קאַיאָר, ווען די פליגן האָבן אָנגעהויבן זיכערער צו זשומען, געזעסן אַ רעגעלע אָפן געלעגער פול-אָנגעגאָסן מיט דרעמלדיקער כאַראָטע.

— געדאַרפט אים אויסשיטן פון שטוב, אָט דעם פּאַסקודנעם שויכעט... זאָל ער ברעכן האַלז-און-נאַקן...

און ניט אָפּגעוואַשן, ניט אָפּגעגעסן געלאָזט זיך זוכן די „פרומע פריצע". ער האָט געטעטעמט דורך דער נאָז שווער און בייז, ווי שווער און בייז ער איז איבערגעשלאָפן די נאַכט, און ווי טאָמיד, בעאייס אים שטייט פאַר די סאַקאָנע עפּעס אָנצואווערן, געטראַכט מיט אייגענע ווערטער:

— באַשערט אַ לאָדעניש... באַאַנשער-וואָס?

— פּ-פּ-פאַרפאַלן די קו מיטן שטריק!

— אַן אַווירע די קלינגערס.

און נאָך האָט ער געטראַכט:

— נאַ-דיר ראָשעשאָנע...

— אייסעך-וואָס... סע גאָרנישט. אָט גיי איך אַצינד אַרויס און געפין זי, די „פרומע פריצע".

— איינס און צוויי און אין דאָם אַריין...

2

פאַרשלאָפענערהייט איז ער אַזוי אָפּגעגאַנגען אַ שאָ אָנדערהאַלבן, ניט פילנדיק, אַז ער גייט, ניט געדענקענדיק, אַז זיינע אויגן מאָנען באַם סטעפּ די „פרומע פריצע". דערנאָך האָט ער זיך עפּעס, ווי גלאַט אַזוי אָפּגעשטעלט, זיך דערמאָנט אָן נעכטיקן אָוונט, אָן דער שווערער קורץ-אָפּגעשלאָפענער נאַכט, זיך איינגעקוקט אין דעם אומענדלעך-פוסטן אַרום און אַרום. און פלוצים האָט ער דערפילט אַ בענקשאַפט אונטער דער גאַנצער ברייט פון זיין נאָגנדיקער ברוסט — בענקשאַפט נאָך דער אַוועקגעבלאָנקעטער טעלעצע, נאָך די ווייסע פלעקן, וואָס אַף איר שטערן און אַף איר האַלז; אַ בענקשאַפט נאָך דער האַרטקייט פון אירע שוואַרצע ליפּן, נאָך יעדן

פינטעלע אַף איר גלאַטן, שטײפן, בסולעדיק—יונגן לײב און איבערהויפּט — אַ בענק־שאַפט נאָך איר זעלטן־שײנעם, ליבן שלײער.

— מאַני!.. מממא־אַ־ני!!! האָט ער זי אָנגעהויבן צו מאָנען באַם אַרומיקן אומענדלעכן סטעפּ.

און דאָס קאָל, וואָס האָט זיך באַ אים דאָ אין מיטן סטעפּ אַרויסגעריסן, איז געקומען זײער טיף פון דער ברוסט־אַרויס, אָפּגעקלונגען מאַט און נאָגנדיק, ווי דאָס קאָל פון אַ בענקענדיקער, פריש־אָפּגעקעלבטער מילך־געבערן — אַ רוף, וואָס האָט יעדנפאַלס גאָרנישט צו טאָן מיטן רוף פון אַ מענטשן. דאָס האַרץ האָט ווי אַ דאַוון געטאָן, אַ װײן־געגעבן און איז זיך פאַרגאַנגען מיט אַ לאַנגן, לאַנגן נאָגן צו דער „פרומער פריצע":

— ממממאַ־אַני!.. מאַ־אַני!!!

אויב באַ גערשענען וועט דאָ אין סטעפּ אַ מענטש פרעגן, ווער ער איז, וועט ער אים ענטפערן געהיט און טאַמעוואַטע:

— איז... ווער איך בין?

ער וועט אָן גלויבן באַקוקן דעם פרעגער פון קאָפּ ביז פיס, אויסשפּײען אין אַ זײט און וועט אויסלאָזן:

— אַ צענרובלדיקער.

נאָך אויב עס וועט קומען צו רײד וועגן דער רויטער טעלעצע, וועט ער אויסלײגן די געשיכטע פונם אָנהויב אָן:

— אָפּגעקויפט די „פרומע פריצע" אָט דאָ — פאַר צוויי יאָרן באַ אַ רײכן דײטש (יענער האָט אַלץ אויספאַרקויפט און איז אַוועק קײן קאַנאַדע); זי געהאָדעוועט די גאַנצע צײט מיט די הענט — ער, זײן ווײב און זײן בײלקע; זיך געוואונדערט ווי אַזוי „דאָס האָט שוין טײכל, האָט עס שוין": זעצט מען זיך נאָר צום טיש, אַזוי באַלד קומט זי און רוקט אַרײן די קלוגע מאָרדע אין אָפענעם פענצטער. פאַ־רעַן דאָ ניט ווײט אַ באַקאַנטער קאָלאָניסט, אַ קרעמענטשוגער — פון דערהײם אַ קאַצעוו און אַ בעהײמע־הענדלער — האָט ער ניט לאַנג, פאַרבײפאָרנדיק, די „פרומע פריצע" אַרומגעטאַפּט. דער רועך ווײסט אים פאַרוואָס ער האָט איר עפּעס אַרײַן־געדרוקט די האַנט טיף, טיף אין האַלז אַרײן, אַרויסגעשלעפּט באַ איר די גאַנצע לאַנגע צונג אינדרויסן, דאָס קאַלב האָט אַזש פאַרגלאָצט מיט די אויגן.

— אוי, ער מוטשעט זי... ער מוטשעט זי, האָט בײלקע פון דער זײט אָנגע־הויבן צו פּישטשען און האָט מעשוגעוואַטע און ווילד אַ טענצל געטאָן מיט די באָר־וועסע פיסלעך.

נאָך דער קרעמענטשוגער האָט ניט געהערט גאָרניט — ווי אַ טויבער; גע־שטאַנען לאַנג לעבן דער „פרומער פריצע", ניט געקאָנט אָפּרײסן די אויגן פון איר שײנעם שלײער:

— בעהײמעס! האָט ער געזאָגט, — איר ווײסט דען וואָס איר האָט?.. אַ ברונעם!.. זי וועט אײַך פאַרגיסן מיט מילך.

און נאָך האָט ער געזאָגט:

— סע ניט קיין טעלעצע... סע אַ גאַנצע באַלעבאָסטע!..

און מיטן אייגענעם לייבלעכן ברודער, מיט קאָפּלען — אַ קאָלאָניסט אין נאָענטן גרעסערן יישעוו — האָט גערשן איבער דער „פֿרומער פּריצע" ניט לאַנג איבעראַנייס זיך צעקריגט — ניט אַף קאַטאָוועס. איבער אַלע שכיינים איז אַוועק אַ קלאַנג:

— שוין ווידער זיך געמיימעסט, די יאַראָשעווער בראַטאָקעס, זיך צעהאַרגעט, זיך צעדאַמט.

דער עמעס איז, אַז באַ קלעפּ האָט דעמאָלט נאָר געהאַלטן. קאָפּל — פֿון טאָמיד אָן אַ „טרייפֿענער ביין", דער הייפּעך פֿון גערשענען, אַ לאַנגער, אַביינערדיקמאָגערער און אינגאַנצן אָן האָר, ווי אַ אידענע — „קאָפּעלע זאַדריי" האָט מען אים אינדערהיים גערופֿן.

טאָמיד, ווען קיינער האָט שוין גאָרניט, איז ער האָט נאָך און האָט. כוצדעם וואָס ער איז אַ קאָלאָניסט, ווי אַלע, האָט ער זיך שוין אַריינגעדרייט טאַקע דאָרט אין נאָענטן נייעם יישעוו אַף אַ שטיקל שטעלע צום „דזשאָינט".

— יאָ, איך גיב... האָט ער דאָ ניט לאַנג געוואָלט גערשענען פֿאַרדרייען, — דאַרפֿסט צוואַנציק קערבלעך, איז וואָס דאַרפֿסטו קומען צו מיר לייען? וואָס דאַרפֿסטו גאָר מיינע טרוועס?.. נאַ דיר צוואַנציק קערבלעך, נאָר גיב מיר די טעלעצע דיינע, גיב מיר.

דערויף האָט אים דאַן גערשן געענטפֿערט מיט מעסוקן-פֿאַרקוועטשטע ציין און מיט צוויי האַרטע פּאָכנדיקע פֿויסטן:

— נאַ!... „גיב מיר", „גיב מיר"... אָט דאָס-אָ... גיב איך דיר...

די ווייבער — זייַנע און קאָפּלס — זייַנען אַריין אין מיטן און האָבן „צענומען", נאָר נאָכדעם האָבן די ווייבער אַליין גלייך אָנגעהויבן זיך קריגן, גראַבלען מיט נעגל, צעראָפּרייסן די שלייערס — קאָפּל האָט אַ אידענע, אַ ברען. פֿון דעמאָלט אָן האָט מען אויפֿגעהערט צו ריידן איין מישפּאָכע מיט דער אַנדערער. איצטער וועלן זיי ווידער האָבן אַ נעקאָמע — ער, דער „טרייפֿענער ביין" מיט זיין קאָפּעלעכע... און עפּשער האָבן זיי טאַקע אַליין אונטערגעפּיצקעט... ניט מיט די אייגענע הענט, נאָר אַזוי זיך, פֿון דער זייט... אונטערגעשיקט אַ טאָטער... אַן אייגענער ברודער, וואָס?

— אַ כּכּאַליערע אין די געדערים!...

3

גערשן האָט אַ שמיך געטאָן פֿון זיך דאָס רעקל אַפֿן גראָז, געבליבן אין צעכראַסטעטן העמד און פֿאַרצויגן אַף די הויזן דער גאַרטל זייער געשווינד און זייער ענג, אונטערשפּרינגענדיק און מיט קראַפּט, ווי מע טוט דאָס איידער מע טרעט-צו צו געבן עמיצן קלעפּ. דערנאָך האָט ער זיין אַוועקגעוואָרפֿן רעקל צוריק אַרויפֿגעוואָרפֿן אַף דער האַנט און האָט אַוועקגעשפּאַנט ווייטער — באָרוועס, מיט דער האָריקער ברוסט אינדרויסן.

פֿון אַלע קנייטשעלעך, וואָס אַרום די שמאָל-פֿאַרצויגענע אויגן האָט געטריפֿט דער שווייס און זיך צערונען איבער אַלע ריטשקעלעך און גריבעלעך, וואָס אַפֿן האָריקן פֿאַרקוילט—ברוינעם פּאָנים. די זון האָט שטאַרק געברענט דעם האָריקן האַלז-און

נאַקן און די לינקע קרום-פאַרקנייטשטע באַק אין אָפּן-געבליבענעם מויל האָט אויס-געטריקנט דער לעצטער טראָפּן שפּייעכץ. אונטער דער גאַנצער ברייט פון ברוסט האָט געגאָסן דער ווייטעק. דער פאַרשאַרפטער קאָרינצעס-רייעך האָט אַלץ מער פאַרכלינעט דאָס ניכטערע האַרץ, נאָר די אויגן-שפּאַלטן — פאַרקנייטשט פון צופיל זון — האָבן ניט אויפגעהערט צו מאָנען בײַ גאָר דער אַרומיקער סטעפּיקער ווײַט, מאָנען כאָטש אַ שאָליעך, וואָס זאָל אָנזאָגן די בסורע. די פּיס האָבן זיך געהויבן מער שמייַדיק, ווי טאָמיד, גרינג, ווי אין די קינדער-יאָרן, און אונטער דעם שוויס-טריפנדיקן שטערן איז די היץ געווען נאָך גרעסער, ווי אַרום — דאָרט האָט געברענט און געבראָטן דאָס פייער:

— ניטאָ טאַקע...

— זי — די „פרומע פריצע"...

— פּפּאַרפאַלן!

פון שטוב פלעגט זי ניט וועלן אַוועקגיין אַפילע אַף קיין טריט. פיר זי אָפּ כאָטש אַף צוויי וויאָרסט און לאָז זי איבער אַף דער בעסטער פּאַשע, וועט זי זיך דיר באַלד אומקערן אַהיים, איידער דו וועסט זיך אומקוקן:

— האַ-אַ! זי איז שוין דאָ.

און פלוצים — נאַ! אָן אַ „זיי געזונט"... ער, גערשן, האָט געמיינט: ער וועט אַף ראָשעשאָנע אָפּשיקן די אידענע אין שטאָט אַריין, ער וועט בלײַבן אַליין, וועלן בײַ אים ניט גיין אין דער ערד אַרײַן קיין צוויי טעג — ער וועט אַ רייניק-טאָן דעם ווייץ, ווייל געגעבן האָט מען אים די פּוך-מאַשין נאָר אַף איבעררייניקן דעם האָבער, גאַנץ פרי נאָך ראָשעשאָנע קומט מען און מע נעמט זי בײַ אים צו... איז אָט האָס-טו דיר אַן אומגליק... אַ שויכעט איז דיר אַהער אָנגעשיקט געוואָרן... און עפּשער שטראָפט טאַקע גאָט דעריבער — דערפאַר וואָס, בעאייס ער האָט נעכטן געזאָגט צו זיין אידענע: „פּאַר, פּאַר... איך וועל שוין דאָ צולויפן א דאַוון-טאָן אַהין... אין ווי רופט מען עס..." האָט ער אַפילע ניט געדאַכט אַהין צו לויפן — ער האָט געמיינט רייניקן אום ראָשעשאָנע דעם ווייץ, האָט ער געמיינט — איז, הייסט עס, אַזוי גאָר זאָל עס זיין:

— האַ?.. גאָט שטראָפט דערפאַר, צי ניין?...

— פון איין זייט איז קלאָר...

אַ קלײנער גלויבער איז ער געווען נאָך פון דערהיים. גערשן דערמאָנט זיך:

— וואָס גאָט האָט זיך שוין אָנגעהאט פון מיין דאַוונען, מעג מען דאָס פאַר-גינען אַ פּאָריק אַף וועטשערע...

יאָמנעראָים פלעגט ער, ווי אַ פּוסט-און-פּאַסטניק זיך אַרומדרייען מיטן טאַ-לעס אַף די אַקסלען צווישן ווייסע-כעוורע אין פּאַליש, פּאָנפּענדיק אַ פּאָר ווערטער — אַ נאַש בײַ עמיצן אין אַ מאַכזער און ניט פילנדיק אין זיי קיין שום טאַם, ווי אין קייען אַ שטרוי. דאָ אין סטעפּ איז ער שוין מער ווי דריי יאָר. פאַראַיאָרן ראָ-שעשאָנע און פאַר צוויי יאָרן, איידער זיין אידענע איז אַהער אָנגעקומען, האָט ער אַפילע קיין שמעק ניט געגעבן אַהין, וואו אידן דאַוונען, פונדעסטוועגן איז דאָס אים אָפּגעגאַנגען גלאַט איןביידע ראָשעשאָנעס, און אָט איצטער:

— מיצקעדרינען נאַ!.. אָט האָסטו דיר...

איצט האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט דער ווייטעק און די בענקשאַפט נאָך דער פאַרשוואונדענער „פרומע פריצע". די הויפט-זאַך — די שטילע פאַרטראַכטע נאָגעניש פון וועלן וויסן:

— גאָט שטראָפט דערפאַר, צי ניין?

און ניט אַזוי צוליב גאָט האָט זיך דאָס געוואָלט וויסן, ווי טאַקע צוליב זיך גערשן יאַראָשעווער אַליין, צוליב אַ צווייטן מאָל; ווייל אויב גאָט איז טאַקע איינציקער מיט אָט דעם שוכעט און איז שוין יאָ אַזעלכער, דאַרף מען דאָס טאַקע אין זינען האָבן און ניט דערלאָזן, ער זאָל איבעראַיאָר ראָשעשאָנע אַוועקפאַקן אַ צווייטע טעלעצע...

אין ביטערן אַנגסט איז ער אַזוי צוגעגאַנגען אַ גוטע איבעריקע פאָר וואָכן צו דעם היפשן וויייט-צעשפרייטן הירטל שאָף, וואָס זיין אויג האָט ענדלעך אויסגעלויזט באַם סטעפ. — שוין גלאַט אַזוי אַהין געגאַנגען. צוקומענדיק האָט ער דערזען: אַ קליין, אייביק-זיצנדיק שייגעצל שוויצט אונטער זיין וואַטאָווע שמוטסענעם מיצל. דאָס שייגעצל איז אַזוינס, וואָס ווייס ניט פון גאָרניט, הערט ניט פון גאָרניט און פאַרשטייט ניט גאָרניט.

— ניט געזען אַ רויטע טעלעצע מיט ווייסע פלעקן... אַ שיינעם שלייער?

די האַנט האָט זיך געהויבן צום שטערן אַף צו העלפן די אויגן זיך איינקוקן. רעכטס, זייער וויים פון די שאָף האָט גערשן דערזען אָפגעפליקטע קיקורוזע-פעלדער, נאָך ווייטער — עפעס ווי אַ קליין בערגל מיט שוואַרצע רירעוודיקע פינטעלעך. אַף זיין האָריקן פאָנים, צווישן די ריטשקעלעך, אין וועלכע עס רינט דער שווייס, האָבן די פאַרקנייטשטע אויגן זיך נאָך מער פאַרשמעלערט, זיך לאַנג איינגעקוקט און באַמערקט אין דעם בערגל די קאַנטן פון אַ הילצערנעם באַראַק. זיינע פיס האָבן ניט געפרעגט באַ אים קיין אייצע — זיי האָבן גלייך אַהין אַוועקגעשפאַנט.

לעבן באַראַק — אַ קליינער, שטייף איינגעטראָטענער שטיק פלאַץ.

אַפן פלאַץ אַרום אַ הויפן אָפגעריסענע סאָנעשניקעס זיינען קיילעכיק, ווי אין אַ שייער, געזעסן אַ שטיק פופצן באָכערימלעך און מיידלעך, מיט קליינע שטעקעלעך אויסגעקלאַפט פון די שטאַרק טרוקענע סאָלנישניק-קעפלעך די יאָדערן. אַלע כעוורע — צעכראַכטעט, באָרוועס, מער אָדער ווייניקער אויסגעטאָן און ביז גאָר פאַרשטויבט די אומיסטן — זאָל זיין אַן ערגערער אויסזען ווי אינדערהיים, אַבי אַן אַנדערער.

הענט האָבן געאַרבעט גיך און פלייסיק, די קלאַפנדיקע שטעקעלעך האָבן באַ קיינעם ניט געפרעגט: „אויפהערן, צי ניין?" נאָר בליקן — פיל, פיל בליקן זיינען דאָרט געווען אָנגעשטעלט אַף אים, דעם צוקומענדיקן יאַראָשעווער. אַף וויפל ער האָט זיך דערנעענטערט, אַף אַזויפיל איז דאָרט אַלץ געוואַקסן אין די אויגן דער וואונדער, זיך איינגעשטאָכן אין זיין וואָכעדיק-שוויביקן פאָנים און אין זיין באָרד.

עס געדויעדט אַזוי היפש. דער טאָג קלעקט, די פיס שפאַנען.

אָט האָט אייגער פון זיי, אַ באָרוועס-געלאַטעטער יאַטל פון אַ יאָר פערצן, פלוצים אויפגעהערט צו קלאַפן און אָנגעוויזן אַף אים מיטן שטעקעלע. זיינע ברעמעלעך האָבן זיך פאַריטן. דער יאַט האָט פאַרוואָרפן זיין קעפל מיטן דינעם העלזל

אַף צוריק און איז זיך פאַרגאַנגען ביז גאָר שמאָל, נאָר זייער קלינגענדיק, ווי אַ כיידער-אינגל:

— אָ! אָ! אָ!..

— אַ איד!.. אַ איד!..

— אום ראָשעשאָנע!!!

דעמאָלט האָבן דאָרט פיל, פיל אויסגעשטרעקט צו אים די שטעקעלעך. די ראָד האָט אים באַגעגנט מיט עפעס זייער אַ מאָדנעם וואונדערלעך-פריילעכן און וואונדערלעך-פילדערדיקן „אורראַ!" דער „אורראַ" האָט זיך אַוועקגעצויגן אַ פּאָר מינוט און מער, און מער, זיך אַלע מאָל פאַרשמעלערט, ווי אַף אויפצוהערן, און זיך באַנייט מיט פרישער, געשמאַקער קראַפט. דער לעצטער איז מיט זיין שמאָלן, דינעם און קלינגענדיקן קעלכל געבליבן הענגען אין דער לופט דער יונגסטער, דער פערצנ-יאָריקער:

— אורראַ! אורראַ!..

גערשן האָט דערפילט: אַ פריילעכער קאַבאָלעס-פּאָנים, אַ באָרעכצאַבע אַ מענטשן אַן אייגענעם, אַ גרייטקייט אים אַריינצונעמען אין דער קאָמפּאַניע, אים מאַכן אַ פּלאַץ אין ראָד און אים אויך געבן אַ שטעקעלע אין האַנט. ווי אים איז ניט געווען אָנגעזאָלצן אַפן ניכטערן האַרצן, האָט ער דאָך געטאָן אַ שמוך — ניט מיטן מויל, נאָר מיט אַ פאַרקרומטער האָריק-אָפּגעבדרענטער און שווייסיקער באַק. אין אויג האָט זיך באַ אים איינגאַנצן צוגעמאַכט, דאָס צווייטע האָט שעמעוודיק אויסגע-פּאָרשט ראָד-אַרום די גאַנצע כעוורע און צוזאַמען מיטן מויל שטיל אַ פרעג געגעבן באַ אַלע אינייִנעם און באַ איטלעכן באַזונדער:

— קאָמסאָמאָל... אַ?

עמיצער אין ראָד האָט ניט געקענט פאַרשווייגן:

— ווי דאָס האַרץ זאָגט אייך.

גערשן האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון זיין יישעוו. אַוועקלייגנדיק זיך אַפן בויך, האָט ער מיד און פאַרטראַכט געקוקט אינגם סטעפּס ווייטקייטן.

— פאַרפאַלן געוואָרן באַ מיר אַ טעלעצע, האָט ער אָפּגעזיפצט.

ער האָט געקייט די ווערטער צו שטיל פאַרן אַרומיקן ראַעש.

— אַ טעלעצע?

גערשן האָט גענומען אויסרעכענען אירע סימאָנים:

— אַ רויטע מיט ווייסע פלעקן... נעמט זי אין מיצקעדרינגען און ערעוו ראָשע-שאָנע און בלאָנקעט אַוועק פון שטוב.

און ער האָט פאַמעלעך אָנגעהויבן קייען פון אָנהויב קאָן די מאַיסע מיטן אַוועקגעפאָרענעם דייטש, מיט זיין ברודער קאַפלאַן און מיטן שויכעט.

געווען באַדאַרפט מיט זיין קאָפּ עפענען די טיר. אַ באָכער מיט אַ פריקרע-אונטערגעהאַקטן נעזל האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן ווייניקער קלאַפּן.

די איילי־פאַרקנייטשטע מוסקולן אַרום זיינע אויגן האָבן ניט געוואָלט פאַר-לירן קיין צייט:

— מאַכט מיר קלאָר: מיינט איר, אַז דער שויכעט האָט דער טעלעצע אָפּגע־שפּראָכן, אָדער ער האָט זי צוגעגאַנווערט?

— וואו? אַ כניאָק אַזאַ... ער איז גאָר אַ כאַזן אויך. טאַקע דאָרט אין יישעוו. ווען די טעלעצע איז אַוועק פון שטוב, האָט ער מיסטאַם גאָר זיך שוין געגאָרגלט... נאָר עפּשער... ווער ווייס?.. באַאשער וואָס — היינט איז ראָשעשאָנע, און איך האָב געאַרבעט...

נאָר דער באָכער האָט שוין מער ניט געהערט.

— כאַנע! האָט ער אויסגעשריען, — נאַ! האָסט נעכטן געבענקט נאָך אַן אַנטירעליגיעזע קאָמפּאַניע ווי פאַראַיאָרן. אָט האָסטו דאָ אָט דעם כאַווער... גיי גיב אים אַן אַגיטקע...

·4

ניין, וואַרט. די מאַיסע געפעלט מיר. גיב איר אַהער... אַנו, פעטער, זעצט זיך אַ ווײַלע לעבן מיר אָט דאָ אַפן גראָז.

געווען איז דאָס שפּעטער, באַ זונזעצן־זיך, ווען לעבן אָרט, וואו מע האָט פריער געקלאַפּט די סאַנ·שניק־קעפּלעך, האָט מען אין אַלטע טשאַוואונע טעפּ געזאָדן וואַסער אַף טיי. אונטערן וואָגן מיט גרויסן פאַס האָט מען, קונציק אונטערשפּרינגענ־דיק, געוואַשן די פּעני־מער, געוועצט און געריבן די פאַרשטויבטע נאַקנס. און ערגעץ ווייט — אין שטעטלעך ווייטע — האָט מען דאַן דערזאָגט אין אייל־עניש דעם ראָשע־שאָנעדיקן טילים אָדער געגאַנגען צו טאַשלעך.

זיצנדיק צו גערשענען מיט אַ זייט, ווי אַ פרוי אין אַ זאָטל, האָט דאָס מיידל אין רויען טשיפּיקל געטשיפּעט לעבן זיך גראָז מיט אימפּעט, ווי זי וואָלט פאַר עפּעס וועלן גו..., גוט אָנקנייפן די ערד. אירע שוואַרצע, ביז־גאָר־קיילעכיקע אויגן, האָבן אָפּט געכאַפּט אַ קוק אַף גערשענען פון אונטן אַרויף און באַ יעדן שנעלן אָטעם האָט זי אין אייגוועגס שוין דערווייל אויך אַפּגיך אַראָפּגעשלונגען. די ווערטער האָבן זיך אָפּגעריסן פון אירע ליפּן זייער גרינג און אַזוי קונציק, אַז קיין איינס פון זיי האָט זיך ניט פאַרטשעפּעט פאַר אירע ווייסע שאַרפע ציינדלעך:

— נו גוט. קומט נאָר אַהער. זאָגט איר אַליין: „איר זייט אַ צענרובלדיקער". היינט פרעג איך אייך: וואָס איז דאָס פאַר אַ גאָט, אַז ער ראָדעוועט זיך צונעמען באַ אַ צ·נרובלדיקן אַ טעלעצע? דערפאַר, און פאַרוואָס? וואָס אַ איד האָט אום ראָשעשאָנע ניט געדאַוונט. ווער איז ער, אָט דער גאָט? ווי אַזוי הייסט ער? גיט אים אַהערצו!.. איר ווייסט, פונוואַנען עס נעמט זיך ראָשעשאָנע?.. הערט מיט קאָפּ...

דאָס מיידל האָט גערעדט צו גערשנס קאָפּ, און באַ גערשענען איז איצט אַפילע דער קאָפּ שוין אויך געווען פול מיט האַרץ, און דאָס האַרץ האָט געבענקט נאָך דער „פרומער פריצע". וואָס מער דאָס מיידל האָט גערעדט, וואָס היימישער ער האָט זי דערפילט, אַלץ מער האָט דאָס האַרץ געבענקט:

— געווען איז זי אַ רויטע מיט ווייסע פלעקן אַפן האַלז און לעבן די האַרטע שוואַרצע ליפּן און מיט אַ שלייער אַ זעלטענעם — אַ שלייער, וואָס מע זעט אים ניט...

— און דער קרעמעסשוגער האָט וועגן איר געזאָגט: „סע ניט קיין טעלעצע, סע אַ גאַנצע באַלעבאָסטע". און נאָך האָט ער וועגן איר געזאָגט: „איר ווייסט דען וואָס איר האָט?.. אַ ברונעם!.. זי וועט אייך פאַרגיסן מיט מילך".

ער, גערשן, איז געווען זייער דאַנקבאַר דעם מיידל פאַר איר ריידן. ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער צו איר געזאָגט:

— האָט קיין פאַריבל ניט, וואָס איך שלאָג אייך איבער. עפּשער ווייסט איר?.. וויפל דאַרף היינט קאָסטן אַ קו?..

ביילקע: — אַ רועכל, ניט קיין קינד.

אַף דער ערד מעג אַראָפּפאַלן די דינגסטע נאָדל, אַ שרייפּעלע, גרויס ווי אַ שפּילקע-קעפּל. אַלע וועלן זיך אָנבויגן און וועלן זוכן, זוכן, און פון דער זייט וועט ביילקע פלוצים געבן אַ פרייליכן געשריי: — איך זע זי!.. אָט איז זי! ביילקע האָט באַטאָג געפונען די „פרומע פריצע" און אַזוי גרינג — סאַכאַקל צוויי וויאָרסט פון שטוב, אין דער באַלקע לעבן ברונעם, פון וואַנען מע פירט וואַסער.

עס איז אַ מאַיסע מיט אַ פּוסטער, האַלב איינגעפאַלענער שטוב, וואָס שטייט זיך טאַקע דאָרט, אַביסל העכער פון דער באַלקע. גערשן האָט שוין לאַנג געטראַכט וועגן דעם אומקומעניש:

— פאַרוואָס צענעמט מען זי ניט אַף איינציקע שטיינער, פאַרוואָס?

— ביילקע איז באַטאָג געגאַנגען אַהין נאָך וואַסער. זי טוט אַ קוק אין דער פּוסטער שטוב — די „רויטע פריצע"!..

פאַרטריבן ווי אין אַ שטאַל שטייט זי דאָרט, צוגעבונדן זייער ענג און זייער נידעריק מיטן צעפלאָכטענעם שטריקל, וואָס באָמבלט זיך שטענדיק אַף איר האַלז.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט גערשענען באַגעגנט אינדערהיים אַ רואיקע זאַטע פרייד.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָבן בלינדע פאַרהוילענע פידלער אָן טענער, אָן מינדסטן גערויש געשפּילט דעם סטעפּס שטיל-שווייגנד קן ניגן, זיך פאַרגאַנגען מיט אים, זיך פאַרכליגעט אַף לאַנגע שעען, אַף אַ גאַנצער נאַכט. אַ שטילקייט האָט זיך אַהער געגאָסן פון אַלע עקן וועלט. אַ שוואַרצער יאַם האָט געצוואונגען זיצן שטיל, זיך קיין ריר ניט געבן און פאַרגאַפט זיך איינהערן אין זיין בלינדן שווייגנדיקן ליד.

מיט לויכטנדיקן לעמפּל אין האַנט איז גערשן דאַן געשטאַנען אין דרויסן לעבן דער „פרומער פריצע", וואָס רוט ליגנדיק און מאַלע-גיירעט זייער פאַמעלעך מיט פאַרגלאָצטע אויגן — לאַנג, לאַנג לעבן איר געשטאַנען, און פון זיין טיפן אינעווייניק אַרויס האָט גערעדט צו איר אַ קאָל אָן אַ מינדסטן קלאַנג, פונקט ווי די בלינדע פידלער, וואָס שפּילן אויס דעם סטעפּס באַנאַכט ק-אומענדלעכן שטיל-שווייגן:

— אָדו!.. נאַר דו!.. די קאַפּאָרע זאָלן פאַר דיר ווערן זיי — אַלע, וואָס האָבן דיר אין דער פּוסטער שטוב געוואָלט שלעכטס טאָן...

עס איז ניט געווען קלאָר, אַף וועמען גליט מער דער קאַעס — אַף דעם שוי־בעטס „פּאַסקודנע שעפּטשען”, צי אַף קאָפּעלעס — דעם לייבלעכן ברודערס — אונטער, געשיקטן גאַנעוו, וואָס האָט געמיינט: אין דער ערשטער נאַכט זי אויסבאַהאַלטן, אין דער צווייטער — זי אַוועקפירן.

אַף מאָרגן האָט גערשן אַ גאַנצן טאָג גערייניקט דעם ווייץ — ביילקע האָט געדרייט די קאָרבע, ער האָט געשאָטן איבן פונם מעסטל.

און אַף איבערמאָרגן — אויס יאָנטעוו — זיין אידענע האָט זיך שוין געהאַט אומגעקערט פון דאַווגען ראָשעשאָנע אין שטאָט — האָט גערשן יאָנטעוודיק אָנגעטאָן די קורצע זייער אויסגעפּלעקטע קאַפּאָטע, וואָס איז פאַרבליבן פון אַמאָל, און פּאַמעלעך און יאָנטעוודיק צוועקגעשפּאַנט אינם נייעם נאָענטן יישעוו. איצטיקס מאָל איז ער אַהין געגאַנגען ניט דאַווגען, נאָר געבן פּעטש. וועמען ער וועט די פּעטש דאָרט געבן, האָט ער נאָך דערווייל ניט געוואוסט: עפּשער „דעם פּאַסקודנעם שויכעט”, און עפּשער זיין אייגענעם לייבלעכן ברודער קאָפּלען — אָט דעם, וואָס אַז קיינער האָט שוין גאָר גאָרניט, איז ער האָט נאָך און האָט. יעדנפאַלס וועט ער דאָרט אַריינגיין אין אידישן סאָוועט און וועט אויסלייגן די גאַנצע פון נהויב אָן:

— אָפּגעקויפט די „פרומע פריצע” אָט דאָ פאַר צוויי יאָרן באַ א רייכן דייטש...

גערשן איז געגאַנגען רואיק אין די האַרטע פּאַרוסינגע וואָכעדיקע געלאַטעטע הויזן און אין דער שוואַרצער אויסגעפּליקטער קאַפּאָטקע, וואָס זיצט אַף אים ביז גאָר ענג און האָט באַ די אַרבל געפּלאַצטע נעט. דער אויפגעהויבענער קאָפּ — אַביסל אָן אַ זייט און די אַקסלען אונטערגעהויבן.

ער איז געגאַנגען געבן פּעטש.

הומאָרעסקעס

עליע קאַהאַן

אַ האַרץ אַף װעסלעס

1. דער זרויספז ר

הילצערנע טשוועקעלעך, אַז מע פֿרעגלט זיי צו, קלאַפּן זיי זיך בעסער אַריין. אַז מע פֿרעגלט צו מיט אַ לידל, אַרבעט זיך בעסער.

כעווע-שוסטער קלאַפּן די צוגעפּרעגלטע טשוועקעלעך אין זויל אַריין, אַנדערע רייבן מיט גרויס קאַוואַנע די וואוקס פֿונם אָפּצאַס, און מע זינגט זיך — ווער הויך אפֿן קאָל, און ווער עס האמזעט אונטער דאָס לידל, וואָס מוישקע קאַפּילאָוו האָט אָפּגעדרוקט אין דער וואַנט-צייטונג פֿונם קאָלעקטיוו. עס איז געווידמעט דעם פּרויען-טאָג. אינגאַנצן איז עס וועגן ווייבער:

ניטאָ קיין שוואַכע און קיין „גלאַוונע"
ווייבער — פּונקט ווי מענער.
ווייבער זיינען „ראַוונאָפּראַוונע"
נאָר אַף אַ נומער קלענער.

אונזער לאָזונג — אַלע ווייבער,
זאָלן אין פּראָדוקציע זיין!
אַלע שוסטער האָבן ווייבער
און ווער עס האָט ניט, כאַפּט אַריין!

די לעצטע ווערטער פֿון דעם „צגיטקע" האָבן זיך טיף פֿאַרקליבן צו העניך פּאַטשורע אין די צויערן. העניך פּאַטשורע איז אַ שוסטער ווי אַלע, נאָר קיין ווייב האָט ער ניט. און קלערן קלערט ער, אַז אַ ווייב באַדאַרף מען טאַקע האָבן.

— אַ פּאָר שיך קאָסטן 12 רובל. וואָס איז ווערט זיין שון? אַ הילצער טשוועקל ניט ווערט! מע מוז האָבן אַ פּאָר! אַלע שוסטער גייען באָרוועס. האָט לעצטנס פּאַטשורע גענומען טאַקע אויסקוקן פֿאַר זיך אַ מיידל. דער מאַיסטער האָט דאָס דער ערשטער באַמערקט, האָט ער אים געגעבן אַן אייצע:

— אַ ווייב — זאָגט ער — דאַרף מען באַ איצטיקע יאָרן נעמען אַ פּלערע, אַף אַ פּאָר נומערן גרעסער, עס זאָל קלעקן באַ איר אַף אָפּקומען, ווייל אַז מע נעמט לעצטכילע אַן ענגן שוך, קוועטשט ער.

פּאַטשורע האָט די לעצטע צייט אָנגעהויבן אויסזען כּאָסנדיק. דאָס הייסט, די אויגן האָבן באַקומען עפּעס אַ גלאַנץ, ווי מע וואָלט זיי איבערגעבערשטלט מיט שוואוואָקס, און די האָר אַפן קאָפּ זיינען געווען צוגעקעמט, מיט אַ געהעריקן שרונט אינמיטן.

פּאַטשורע האָט לאַנג ניט געקליבן. סטאַשקע צוקלייבערן איז אַ גאַנץ קיילעכדיק מיידל. צוליב וואָס ציען ווי אַ דראַטווע? האָט ער איר דערקלערט זיין ליבע גאַנץ פּאָשעט:

— הער זיך איין, סטאַשקע, האָסט אַ ליבהאָבער?

— יאָ, האָט זיך אויסגעפּיינט סטאַשקע.

— אַ ליבהאָבער האָסטו?.. קאַדאָכעס האָסטו! לאָמיר בעסער זיך דורכגיין, סטאַשקעלע, אין זאַגס.

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. פּאַטשורע דאַרף אַ וואָרט מיטן שפּאַנדער ניט שלעפּן.

אין וואַרשטאַט האָט מען זיך גלייך דערוואוסט וועגן דעם נייעם פּאָר. מוישקע קאַפּילאָוו האָט געגרייט אַ לידל פאַר דער וואַנט-צייטונג. פאַר „פּאַטשורע" — אַ גראַם „צורע". און פאַר סטאַשקע?

אַלע לאַכן אונטער פון פּאַטשורען, נאָר פּאַטשורע לאַכט פון אַלעמען.

ער גייט מיט איר אין גאָרטן שפּאַצירן, און האַלט איר פּעסט אונטערן אָרעם. זיי גייען און קוקן אַף דער לעוואָנע, און פּאַטשורע קוויקט זיך:

— אַי, ס'אַראַ שיינע לעוואָנע היינט איז!

און די לעוואָנע איז טאַקע שיין און זעט היינט אויס ווי אַ קאַלע. רויט און פול, ווי סטאַשקע.

זיי האָבן זיך פאַרטיפט אין אַ געשפּרעך, און ניט באַמערקט אַפילע, ווי שוואַרצע וואָלקנס האָבן פאַרדעקט די קאַלע-לעוואָנע מיט אַ שוואַרצע כופּע-דעקטוך (לויטן אַלטן שטייגער, ווייל גאָט אין הימל וויל ניט וויסן פון קיין נייעס!).

זיי זיינען געבליבן זיצן אַף אַ באַנק. ער האָט זיך איינגעאָנצן אויסגערעדט און ניט געוואוסט וואָס צו ריידן ווייטער, איז אָבער עפּעס ניט גוט צו זיצן און שווייגן. אָט גייען פאַרבייגייער און זיי ריידן קעסיידער. באַ זיי, דוכט זיך, וועט זיך קיינמאָל ניט אויסנעמען קיין רייד.

ער דערמאָנט זיך אָן דער לעוואָנע.

— אַי, ס'אַראַ שיינע לעוואָנע איז היינט, סטאַשקע!

סטאַשקע האָט אַ קוק געטאָן אַפן הימל, אין די פאַרבייגייער, וואָס האָבן דאָס געהערט, אויך. שוואַרצע וואָלקנס אַפן הימל. ניטאָ קיין לעוואָנע.

די פאַרבייגייער האָבן אים מאָדנע באַטראַכט, און זיינען ווייטער אַוועק. באַ סטאַשקען איז אָבער געווען רעכט אַזוי אויך...

2. פּאַטשורעס האַרץ האָט וועסלעס

איידער סטאַשקע איז געוואָרן פּאַטשורעס ווייב, פלעגט ער זיך צוכאַפּן צו איר נאָך דער אַרבעט און שטאַרק אַ קיצל טאָן זי אין זייט. זי פלעגט זיך הויך צעהירזשען: „המ... איך לאַך פון דעם!"

איצטער אָבער — גייט ער נאָר צו איר צו, נעמט זי יענטשען... וואָס וויל זי, סטאַשקע?

— זי וויל צוגיין צו איר מאמען.

— און ווער לאָזט דיר ניט?

סטאַשקע האָט זיך שוין לאַנג געגומען בלאָזן. זי טאַינעט, אַז זי קאָן ניט צוגיין צו איר מאַמען, זי קאָן זיך ניט ווייזן פאַר אירע אויגן... די מאַמע אירע איז אַ זאַגערקע, אַ „וואוילגעלערנטע" אידענע. איז ניט געווען פון וואָס צו לעבן, האָט זי אָפּגעגעבן סטאַשקען אַף אַרבעט. נאָר איצטער, אַז סטאַשקע האָט זיך „פארשריבן" און ניט כאַסענע געהאַט, האָט זי איבערגעגעבן דורך אַ צווייטער אידענע:

— זאָגט איר, אַז איר טאָכטער איז ניט קיין קיסלאָמאָליעץ, מאָג ער מיט איר כאַסליערע האָבן, און ביז דאַן וויל איך אירע אויגאַנעס ניט אָנזען... איך בין ניט קיין דוואָסיע-יענטע, איך זאָל עס דורכלאָזן... ווי זאָגט מיין ברודער—דער ראָוו...

סטאַשקע איז געווען צוגעבונדן צו איר מאַמען מיט אַ קעלבערנער ליבע, ווי אַ קאַלב, וואָס האָט טאַקע פון אלץ קעלבערנע היספּאַיִלעס, נאָר מוז פילן די מאַמע היינטער זיך...

עס זאָל זיין אַ כאַסענע, האָט זי אָבער בעשום אופן ניט געקאָנט אויספירן, ווייל באַ פאַטשורען פלעגט טרעפן, אַז ער פלעגט מיטאַמאָל ווערן אַן אַקשן (דאָס פלעגט טרעפן זייער זעלטן), און אַז ער האָט אויסגערעדט אַ וואָרט, האָט ער ניט געוואָלט אָפּטרעטן.

אזוי איז געווען מיט כאַסענע. ער האָט ניט געוואָלט שטעלן קיין כופּע... מע וועט דאָך לאַכן פון אים... דער שוסטער-קאָלעקטיוו... די וואַנט-צייטונג.

אָבער ער איז געווען, ווי אַ זויל. לעכאַטכילע איז ער האַרט. מע דאַרף אים נאָר אָנווייקן, שמידט ער זיך... נאָך דער כאַסענע איז ער שטענדיק געווען אָנגעווייקט, און געלעגן באַ סטאַשקען אין די הענט.

פאַטשורעס פאָטער — פייטל פּענכער איז געווען אַ איד אַ גאַזלען. ער פלעגט שלאָגן „אַף וואָס די וועלט שטייט". הענעך האָט געדאַרפט אויספילן פּינקטלעך זיינע באַפעלן און קאַפּריזן... אזוי איז ער אויסגעוואקסן אָן אַן אייגענעם ווילן. און ניט האָבנדיק קיין ווילן, האָבן צוויי וועסלעס געקערעוועט זיין וואַסערדיק האַרץ, מיט איינער האָט געדרודערט דער שוסטער-קאָלעקטיוו (מיט דער וואַנט-צייטונג), און אַף דער צווייטער סטאַשקע און דער טאַטע... אַן אנדערש מאָל פלעגט ער מעקנענע זיין זיינע כאַווירים, ש.סטער-קאָמיוגיסטן. באַ זיי איז אַ מאָטאָר אין האַרצן, וואָס אַרבעט גלייכמעסיק און רוערט...

באַ אים איז אבער צוויי וועסלעס. און אַף איינער — דער טאַטע מיט סטאַשקען, די טראָגעדיקע סטאַשקע אין די הויכע כאַדאָשים, וואָס האָט גענומען איצטער אורלויב און וואָס לאָזט ניט זיין וועסלדיק האַרץ שווימען מיטן שטראָם...

זי האָט איצט פארפירט מיט אים אַ שמועס.

— אז זי וועט האָבן א אינגל, וועט זי אים געוויס מאָל זיין, דאָס וועט זי שוין ניט דורכלאָזן.

אז ער האָט געפּרוּווט זאָגן, אז ער וועט ניט לאָזן מאַכן אַ בּרית, האָט סטאַשקע געענטפערט אַנטשלאָסן:

— ווען איך איינגאַנצן ניט האָבּן.

נאָך אַ גרויסער פּויזע האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט:

— סטאַשקע, קענסט דאָך נאָך גאָר האָבּן אַ מיידל...

סטאַשקע האָט זיך אַ וויש געטאָן די אויגן:

— נו... טאַקע!

פּאַטשורע האָט זיך פאַרקלערט. גוט איז צו האָבּן אַ אינגל, אָבּער אַזאַ פאַר־דרייעניש וועט זיין. ניין: שוין בּעסער אַ מיידל. בּעסער זאָל אַראָפּ פון דער מאָס. מיט אַ נומער קלענער — און עס ווערט אַ מיידל.

דעם אָוונט, וואָס סטאַשקע האָט געדאַרפט האָבּן, איז ער אַנטלאָפן פונדערהיים. ער קאָן ניט אויסהאַלטן די ווייבּער, וואָס פילן זיך בּאַ אים אין שטוב היימיש און דרייען זיך הין און הער. ער איז געזעסן אין קלוב, געשפּילט אין דאָמינאָ, און גע־קלערט, וואָס פאַר אַ פּאַטשורקעלע וועט זיך דאָס ווייזן — אַ מיידל צי אַ אינגל? וואָלט ער זיך פריער בּאַקלערט, אַז סטאַשקע וועט מאַכן אַ טומל, וואָלט ער גאָרניט דערלאָזן דערצו, וואָלט ער גאָר די בּאַשטעלונג ניט געמאַכט... אָבּער איצטער איז פאַרפאַלן...

און דערגייענדיק אַהיים האָט ער האַסטיק געעפנט די טיר און האַסטיק גע־פרעגט:

— אַ אינגל צי אַ מיידל?...

— אַ אינגל, — האָט מען אים צוגעבּאָמבּעט.

געהאַט אַ ליאַלקע אַ אינגעלע, אַ אינגעלע מיט צווייי בּעקעלעך.

סטאַשקע האָט גענומען זיך אָנלייגן אַף איר ווערלע... און סטאַשקעס ווערלע האָט פאַרקערעוועט פּאַטשורעס האַרץ. ער האָט נאָכגעגעבּן, ווייל ער האָט ניט גע־קאָנט זיך קעגנשטעלן. דורכגעווייקט האָט זיך דער לעדער פון זיין האַרץ. האָבּן זיי געמאַכט אַ בּאַראַטונג און בּאַשטימט: — מאָרגן, דינסטיק, מאַכן אַ הוליאַנקע — פאַרן קאָלעקטיוו און דערנאָך, בּעסאָד, — אַ בּרית.

3. פריילעך, לעבּעדיק טרינקען מיר בּיר

בּאַ פּאַטשורען איז היינט פריילעך. ווייל אַ כעוורע שוסטער קאָנען זיין פריי־לעך. ווייל אַ נעשאָמע איז דאָ איינע. אַ פּילפּיסיקע נעשאָמע. אַף הילצערנע טשוועק־לעך געקלאַפּטע. אַ שוסטערשע. און זי איז צאַפּלדיק, בּאַוועגלעך, זי איז מיט וואַקס בּאַשמירט. נאָר איינער איז דאָ ניט קיין שוסטער: נויעך בּאַנדורע, וואָס שפּילט גאָר אַף אַ פידל.

ער ציט דעם סמיק, דאַכט זיך, ניט שווער. און קרימט דאָס פּאָנעם, דאַכט זיך, זייער שווער. טאַקע שווער! ער ציט מיטן סמיק די פּילפּיסיקע שוסטערשע נעשאָמע — אַ שווער שטיקל אַרבּעט; נאָר די איין נעשאָמע זינגט מיט פאַרשיידענע קוילעס, און יעדער קאָל האָט זיין פאַרבּ, און יעדע פאַרבּ האָט איר גלאַנץ.

כעוורע שוסטער שרייען, זינגען:

אײן בוטל ביר, צוויי בוטל ביר,
דרדריי בוטל, בוטל ב־י־י־ר
פריילעך, לעבעדיק, טרינקען מיר ביר;

סטאַשקע פון קולטקאָם באַם קאָלעקטיוו האָט צוגעגרייט אַ גרויסע רעדע, וועגן דעם נייעם שטייגער, וועגן דעם קליין פאַטשורקעלע און נאָך און נאָך. ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז פאַטשורע האָט זייער אַ גרויסע זאַך אויפגעטאָן, ברענגענדיק אויף דער וועלט א נייעם קעמפער. נאָר אין קאָפּ זיינען געווים פאַראַן קליינע לעכעלעך, מיט דינע אָלן דורכגעשטאָכענע. אַלע געדאַנקען זיינען דורכגעפלאָסן דורך זיי.

באַנדורע האָט געשפּילט, און מוישקע קאַפּילאָוו האָט געזונגען דאָס ספּעציעל צוגעגרייטע לידל לעקאָוועד דעם קליינעם פאַטשורקעלע מיט זיין גרויסן קאָפּ:

עך, פאַטשורע, אוי, פאַטשורע,
טשורע טשורע טשוראַראַ
האָט געווין גרויסע גוואורע
טשורע טשורע טשוראַרא.
טשורע טשורע טשוראַראַ
טשורע טשורע טשוראַרא.
געהאַט אַ יאַטל ביט אַ צורע,
טשורע טשורע טשוראַרא.

ניט פאַרגעסן האָט זיך נאָר פאַטשורע אליין. עס פּיקט אים אין מויעך... אים שטייט נאָך פאָר אַ פאַרדרייעניש. אַ ברים.

און ווייל באַנדורע איז אַ קלעזמער און דערצו נאָך אַ קאָרעוו, איז ער צוגע־גאַנגען און אַריינגערוימט אים אין אויער. באַנדורע האָט געמאַכט אַ פריילעכע מינע און האָט אונטערגעזאָגט:

— כ'וועל קומע ... ווי זשע?

באַנדורע שפּילט ווייטער און הייסט פריילעך זיין, ווייל — זאָגט ער — אין אונ־זערע צייטן האָט מען ניט קיין יאַטל אַלע צוויי וואָכן. דאָס וועט עפּשער זיין, אַז די פּראָדוקציע וועט זיך הויבן.

סטאַשקע האָט געהאַט אַ מאַמע — און די מאַמע האָט געהאַט אַ ברודער. טאַקע דערזעלבער, וואָס סטאַשקעס מאַמע דערמאָנט אים זייער אָפט „ווי זאָגט מיין ברו־דער, דער ראָוו...”

דער ראָוו האָט אָ־געשטעלט אַ פּאָר כיטרע אויגן:

— און אַף דער כאַסענע האָט איר מיך געררופן?

און סטאַשקע האָט אים נעבעך ווייטער געגומען דערציילן די מאַיסע פון אָנהויב, אי אַזוי און אזוי, אז קיין כאַסענע איז ניט געווען, אַז ער, דער מאַן, זאָל געזונט זיין, האָט זיך איינגעאַקשנט כאָטש קיין קאָמיוניסט איז ער ניט...

דער ראָוו האָט אָנגעשטאָפּט טאַבאַק אין נאָז און האָט אָנגעצויגן צווישן די וואָנצן אַ שמירל פון אַן אַלטן שמייכל.

— מאָנעפּשעך, ווילסטו מאַכן אַ בּריס, מאַך אַ כאַסענע אויך, עלע וואָס, קיין כאַסענע ניט, איז צוליב וואָס אַ בּריס? וויל ער אָבּער אַ בּריס, וועט ער וועלן אַ כאַסענע אויך.

דער ראָוו האָט נאָך מער זיך צעשמייכלט און אריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס, און אַ טרייסל געטאָן זיי אַזוי, אַז די קעשענעס האָבּן זיך אויך צעשמייכלט. סטאַשקע האָט אָפּקערנדיק דעם קאָפּ, אים אַריינגעשטעקט אַ מאַטבּייע אין האַנט.

שפּעט איז צו מאָרגן געשלאָפן סאַשקע פון קולטקאָם. נאָר אויפכאַפּן זיך האָט ער געמוזט, ווייל די זונען שטראַלן האָבּן געשטאָכן פּונקט ווי כאַזער-האָר. אָנטאָנ-דיק זיך, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט זיין רעדע ניט געהאַלטן. פון גרויס סימכע פאַרגעסן... יאָ, פון סימכע פאַרגעסט מען אַלץ.

וואָס האָט מען נאָך פאַרגעסן?... יאָ... מאַטאָנעס האָט מען פאַרגעסן צוטראָגן... מאַטאָנעס דעם קליינעם פּאַטשורקעלע. האַיטאָכן, ניט צוטראָגן מאַטאָנעס בּאַ אַזאַ פאַל?!

אין וואַרשטאַט האָט זיך סאַשקע צונויפגערעדט מיט די שוסטער, און איז גע-קומען צו אַן אויספיר, אַז מאַטאָנעס איז ניט קיין „דרינגענדיק באַשטעלונג", מע פאַרשפּעטיקט דאָס קיינמאָל ניט. מע קאָן נאָך היינט צוטראָגן, וואָס מע דאַרף. אַ מאַטאָנע האָט ער צוגעקלערט זייער אַ גוטע און אַ שיינע (און ניט קיין טייערע). מע וועט צוטראָגן דער קליינעם פּאַטשורקעלע — אַ ביכעלע, אַז ער איז אַ מיטגליד פונם קוסטאַרן-פאַריין. בּאַ שוסטער ווערן קיין אייזערנע טשוועקלעך ניט פאַרלוירן מיטן מאַגניט קלייבּט מען זיי שטענדיק צונויף. אַנטקעגן וואָס זאָג איך דאָס? אַנט קעגן דעם, וואָס אַ רעדע ווערט ניט פאַרפאַלן. סאַשקע וועט נאָך זיין דראָשע האַלטן.

4. בּריס — כאסענע — געט

און אַז דער ראָוו מיטן מויעל זיינען געקומען, איז געווען שוין אַ מיניען.

פּאַטשורע האָט גלייך צוגעטראָגן דאָס קינד צום מויעל:

רעבּע, שניידט!

נאָר דער ראָוו האָט זיך ניט געאיילט. ער האָט זיך געשושקעט מיטן מויעל.

— וואָס איילט איר זיך יונגערמאַן?.. מאַזלטאָוו אייך: געבּענטש געוואָרן מיט אַ בּענזאָכער, זאָל געזונט זיין? — ער מאַכט זיין כיטרע מינע — נאָכן ווייפלטן כוידעש איז דאָס? שוין לאַנג געווען בּאַ אייך די כאַסענע? איר׳ט אזוי גוט זיין ווייזן מיר די קסובּע.

— וואָסער קסובּע, רעבּע? דאָס איז דאָך ניט קיין כאַסענע. מע דאַרף דאָ שניידן, מאַכן אַ בּריס...

— אָבּער — דריידלט דער ראָוו זיין כיטרע שמייכל — מיר דאַרפן וויסן וועגן דער כאַסענע... דאָס האָט אַ שאַיכעס צום איניען.

— וואָס איז שאַיעך איינס צום אַנדערן? — זאָגט פּאַטשורע — דאָס האָט אַ שאַיכעס, ווי אַ פולער ראָנט צו אַ קינדערשן שוך, ווי הילצערנע אָפּצאָסן צו לאַפּ-טיעס... ווי...

פּאַטשורע וואָלט נאָך אַסאַך אָנגערעדט, וואָרום אונזער פּאָלק שוסטער איז ווי אַ שוך: נעמט. ער דורכנעצן, נעצט ער... נאָר דער ראָוו האָט אַ שטאַרקן נאָס געטאָן. אַ גאַנצער זייל טאַבאַק איז אַרויסגעפלויגן פון זיין נאָז, און זיין רויעך איז אַזש דערלאָפן צו פּאַטשורעס נאָז. איז פּאַטשורע עפּעס מעוואולוול געוואָרן. דער ראָוו האָט אַ בורטשע געטאָן דעם מויעל אין אויער און אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל: פאַר דער כאַסענע קאָן מען קיין בריס ניט מאַכן, מע דאַרף שטעלן כופּע.

פּאַטשורע האָט אַלץ ניט באַנומען, וואָס איז שאַיעך אײנס צום אַנדערן. ער האָט זיך צעשריען: — רעבע, מע הייסט אייך שניידן. שניידט, ניט אייער אייסעק, ניט אייך קוועטשט ער שוך...

שטיל... עס הערט זיך נאָר ווי סטאַשקע וויינט. ווייל באַ איר — סטאַשקען — איז ער רעכט די מינוט — זי אַרט ניט, וואָס די וואַנט-צייטונג וועט שרייבן.

פּאַטשורע איז געשטאַנען מיט אַ פאַרשטיינערטן פּאָנים. אַ הילצערן טשוועקל — האָט ער געקלערט — פאַרקלאַפּט מען מיט צוויי קלעפּ. אפשר אַ קלענערער, דער־נאָך אַ גרעסערער. אים האָט אויך אַזוי געטראָפן — נאָר דער צווייטער, דער אײַזער־קער, איז נאָך גרעסער. די קלעפּ האָבן געטראָפן אין האַרצן. דאָרטן האָט געהאַמערט.

ער איז פאַרפאָרן אינמיטן יאַם מיט זיינע וועסלעס, און איצט ווייסט ער ניט, וואוהין צו קערן זיך.

אַ ווינט איז פאַרלאָפן אין האַרצן, און דער ווינט האָט אים פאַרשמיסן. געשען איז עס מיטאַמאָל, ווי אַ גוואַלדריס. האָט ער גוואַלדריטיק אויסגעשריען:

— רעבע, צעשטעלט די פלאָקנס, נאָר אַפגיך.

באַנדורע איז אויך דאָ מיט ז נעם אַ יאַטל. ער שיקט אים אין שול נאָך דער כופּע און אַליין לאַכט ער. מע האָט געבראַכט פון שול די פלאָקנס, מע האָט פּאַ־טשורען אונטערגעשטעפּט אונטער דער כופּע, און דער ראָוו זאָגט אונטער: — האַרי... אַט...

פּאַטשורע שטעקט אונטער דער כופּע סטאַשקען דעם זילבערנעם האַלברובל און ברומט אונטער „פאַרליר עס נאָר ניט".

— פאַראַן אַן אָנגעבראָכענער טעלער! ברעכט! קלאַפּט! — עס הערט זיך אַ טעלער-געשריי. צעקלאַפּט די טעלער. נאָר וואָס קלאַפּט ווייטער?..

. . . .

דאָס האָט די טיר אָנגעקלאַפּט. סאַשקע מיט דער דעלעגאַציע איז דאָ. דאָס ביכעלע אין האַנט און די רעדע אַפן שפּיץ צונג. פּאַטשורע איז ווי מיט טאָלקעס באַ־שאָטן געוואָרן. פּויזע. דער ראָוו מיט מויעל זעען אויס ווי קעלבער פאַר דער שכיטע. זיי פילן זיך גאָר איבעריק, און עס דוכט זיך, אַז דער מויעל כאַלעשט אריינשפּאַרן זיינע אויגן אין דעם מעסער-שיידל.

די געסט זעען אויך נאַריש אויס, אָט פּונקט ווי די לעוואָנע אין אַ לעוואָנע־נאַכט (און באַנדורע לאַכט!).

סטאַשקע האָט אָנגעשטעלט אירע אויגן אַפן פּופּיקל פונם קליינעם פּאַטשור־קעלע און מער ווי אים האָט זי ניט געזען.

און פּאַטשורע? ער האָט איינגעצן אַראָפּגעלאָזן די אויגן, און ווי טשוועקעס האָט ער זיי אריינגעקלאַפּט אין דיל. אַ גרויסן ווינט האָט געבראַכט מיט זיך סאַשקע. אַ גרויסער שטורעם-ווינט איז איצט בײַ פּאַטשורען אין האַרצן, און ער האָט איינגעצן צעשמעטערט די ווענטלעך.

דער ערשטער האָט געעפנט דאָס מויל סאַשקע. ער האָט באַוויזן זיין שפּיץ צונג, נאָר פון אים איז ניט אַראָפּגעפאַלן די צוגעגרייטע רעדע. לעכאַטכילע איז דער צונג געבליבן שטעקן אין אָפענעם מויל אַ צונויפגעדרייטער, און האָט אויסגעזען ווי אַ דויטער פראַגע-צייכן. דערנאָך האָט זיך דער צונג אויסגעצויגן ווי אַ דויטער אויסרוף-צייכן, און גאָר אַן אַנדער רעדע האָט זיך ארויסגעגליטשט פון זיין צונג.

ער האָט אף קיינעם ניט געקוקט און גערעדט אָפּגעהאַקט. גערעדט וועגן באַלעבעסלדיקייט, וועגן דעם אַלטן שטייגער און וועגן דעם, אַז ס'ווייזט זיך אַרויס אַז פּאַטשורע איז אַ „שעדלעכער עלעמענט", און קעגן אַזעלכע מוז מען קעמפן.

פּאַטשורע האָט זיך דערווייל אַביסל אויסגעטשוכעט. ער האָט דערפילט זיין אָנמעכטיקייט אין דעם גרויסן שטורעם-ווינט פון אַ רודער, אין דער נויטיקייט, אַז ער מוז זיך אָן עפּעס אָנכאַפּן.

ער האָט גענומען שרייען ניט מיט זיין קאָל:

— דאָס איז זי שולדיק, סטאַשקע! איך האָב ניט געוואָלט מאַכן אַ בריס. זי... זי האָט מיט גוואַלד געמאַכט!

ער האָט זיך פאַנאַנדערגעשריען נאָך מאַרביטערטער: — זי! זי! צאַלק זי! איך וויל ניט, כ' סאַשקע! איך וויל מיט איר ניט לעבן! אַוועקוואַרפן וועל איך זי! איך קאָן מיט איר ניט לעבן!

נאָר סאַשקע האָט ניט געהערט. ער האָט געטאַינעט, אַז פּאַטשורע איז שולדיק, אַן אומבאַוואוסטזיניקער עלעמענט. נאָר פּאַטשורע האָט נאָך שטאַרקער געוועוועט:

— ניין! ניין! איך וויל ניט! איך זאָג זיך אָפּ פון איר אָפּ.

סאַשקע האָט פעסט געכאַפּט: דו ביסט שולדיק! דו! דו!

ניטאָ קיין ווענטלעך בײַ פּאַטשורען אין האַרצן. אַ האַרץ אָן ווענטלעך. קלאַפּט עס זיך אָן די ברעגן, ווייסט עס דען, וואו עס קאָן זיך צושפּאַרן?

פּאַטשורע איז האַסטיק צוגעלאָפן צום ראַוו:

— רעבע, הערט זיך איין, רעבע: שרייבט אָף גיך אַ געט.

באַנדורע האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער, בריס... כאַסענע... געט...

דער ראַוו האָט זיך געקווענקלט:

— לאָזט פריער מעסאַדער קדושן זיין...

— דערנאָך — שרייט פּאַטשורע — שרייבט אַ פריער אַ געט...

אַפריער אַ געט!

אַ געט!

פּ. בירמאַן

אַ מאַיסע מיט שמערלען, וועלכער רופט זיך זשאַק, און אַ קאָמיוגיסטקע ריוועטשקע פּיינבאַק

עס האָבן געוואוינט און געלעבט צוויי ברידער; איינעם האָט מען גערופן בערל און דעם צווייטן שמערל.

בערל איז געווען אַ קאָמסאָמאָלעץ און שמערל אזוי זיך... אַן אומפּארטייאישער, נאָר האָט ליב טראָגן אַ „קים".

זאָגט אַמאָל שמערל צו בערלען:

— וואָס פרעסטו אזויפיל „פּאָליטיקע"? פון דעם קריגט מען דאָך ציינוויייטיק. אַז א שווענק טאָן די האַלז אין אַ בירעלע קען מען ניט, טאַנצן טאָר מען ניט, און אַ צופ טאָן אַ מיידל פּאַסט ניט.

איז דאָס אַ לעבן?

דאָס איז דאָך אַן ענגער שוך אָף אַן אגניאָטקע.

היינט זיצונגען: מאָנטיק — אַ זיצונג, דינסטיק—אַ פּאַרזאַמלונג, מיטוואָך — אַ באַראַטונג, דאָנערשטיק — אַ פּראקציע, פרייטיק—אַ קרייז, שאַבעס — אַ לעקציע און זונטיק אַלץ צוזאַמען.

איז דאָס אַ לעבן? א מיספאַרשטייעניש נאָר, אַ געקוילעטער הערינג אף אַ טעלער, א ווינטמיל אין אַ קעשענע, אַ דיענזנאַק פון 21-טן יאָר. און אויב אזוי, פארשטעק זיך, בערל, מיטן קאָמסאָמאָל אינײנעם, ניט פאר אונז האָט מען אַזוינע פרוכטן פארזייט.

ווערט בערל אין קאַעס, קלייבט צונויף זיין רעדנער-טאַלאַנט און ענטפערט מיט היץ:

און אַ בעזפּארטאָשקע איז א פייג אָן פינגער, אַן עק אָן א פערד, אַ גאָרניט שעבעגאָרניט, אַ פליי...

ווער איז עס באַ דיר אַזאַ?

— דו!

— איך, זאָגסטו? קיין קאָמסמאַרקאַטש בין איך ניט, אין אייער פיזקולטור טאַנץ איך ניט, נאָר אַ האַנט מיט פינף פינגער האָב איך און איך קען דיר שטעלן אַ כסימע אַף דער באַק... פארשטייסט, פון „טערפעניע" זאָלסטו מיר ניט ארויספירן... פארשטייסט?

— אַ פייג אונטער א דעכעלע האָסטו געזען?

— וואָ-אָס??!

— אַ פייג מיט פוטער, פרעג איך, האָסטו געזען?

— נאַ-נאַ-נאַ!!! געפּאַקט אין באַק??!

* *
*

פארנאכטלעך, אז די זון זעצט זיך אין אַ קאַלאָש, נעמט שמערל בינדן זיין האַלזטוך. בינדט אהער, בינדט אַהין, דרייט זיך אין שפּיגל, טוט אָן אַ מאַנישקע, גיסט זיך מיט פארפיום, נעמט א שטעקעלע און גייט אין אַ פּאָר שיך מיט לאַנגע שפּיצן. אין אַ האַלב שאָ ארום קאָן מען שוין ניט דערקענען, אז דאָס איז שמערל דער קירזשנער. מע מיינט, אז דאָס איז אַן אויסלענדער.

און דאַן רופט זיך שמערל אָן ניט שמערל, נאָר זשאַק.

אז ער איז אָנגעטאָן און ער רופט זיך אָן זשאַק, גייט ער ארויס שפּאַצירן און זשמורעט מיט די אויגן צו יעדן קליידל. אין דער „פּרויען-פראַגע" איז שמערל אַ גרויסער „ספּעץ". ער פירט אפילו א בוכהאַלטעריע. אַ ביכעלע אַזאַ האָט ער, וואו ער רעגיסטרירט: וואו און ווען ער האָט זיך מיט דער מיידל באַקאָנט, וויפל געשפּאַצירט, וויפל געקושט, ווען געוואָרפן און אַפילע אַזוינע זאַכן, וואָס, איידער די צענזור זאָל דאָס פארבאָטן צו דערמאָנען, וועלן מיר עס בעסער דיפּלאָמאַטיש פארשווייגן.

שמערל ווייס זיין אַרבעט, ער האָט זיין צוגאנג צו דער „פרויען-פראַגע"; צו אַן אינטעלעגענטנער מיידל גייט ער צו און פרעגט:

— פריילין, פּאַרדאָן... איר קענט מיר ניט זאָגן, דאָס הייסט, זיין אַזוי גוט און זאָגן, וואו געפינט זיך דאָ די מוזיקאַליש-דיפּלאָמאַטישע אויסשטעלונג.

אז די מיידל קוקט אים אָן פארוואונדערט, זעצט ער פּאָר:

— כ'מיין, די קאָנקרעטע פּאָליטישע... מעלוכע-אנשטאַלטן?

און אז דאָס העלפט אויך ניט, גיט ער א שטרעק אויס די האנט:

— פריילין, „בודטע זנאַקאָמי".

און ווייטער אזוי און אביסל אנדערש.

צו אן ארבעטער מיידל האָט ער אן אנדער צוגאַנג.

— אַי, כאַווערטע, האָסט שוין געגעסן רויע קארטאָפל?

זי קוקט אים אָן פארוואונדערט, זעצט ער פּאָר:

— מאך ניט קיין אָנשטעל, קום שפּאַצירן.

און שמערל ווייס, וואָס ער טוט. שמערל האָט דערפאָלג. שמערל האָט אַ אַ גאַנצן ביכעלע.

* *
*

טרעפט זיך אַמאָל א מאַיסע, און אף א מאַיסע פרעגט מען קיין קאַשעס ניט. שמערל איז אריין אין קאָמסאָמאָלישן קלוב.

זעט ער: אַ קרייז פון לעניניזם לערנט זיך—זאָלן זיי זיך אליין דרייען די קעפּ.

הערט ער: אַ כאָר זינגט—זאָלן זיי רייסן די העלזער.

ווייטער—אַן אָרקעסטער, דאָס איז שוין אַביסל פריילעכער.

צום סאָף—א דראַמקרייז.

— אָ! אָט דאָס איז אַ זאַך.

אריין אין צימער. געזען, געהערט און שפּעטער אביסל באגלייט א מיידל אַהיים. אַף מאָרגן איז שמערל געווען אויס מענטש. בײַ דער ארבעט האָט ער גע־כאָלעמט, געגייט ניט דאָס, וואס ס'ע דאַרף, פארשטאָכן די פינגער און דער מײַ־סטער האָט אים עטלעכע באַמערקונגען געמאַכט.

קוים האָט שמערל געענדיקט די ארבעט, איז ער געלאָפן אין קלוב. אין קלוב איז געווען אַ מאגנעט וואָס האָט געצויגן, געשלעפּט און גערופן אין קלוב. געקומען אין קלוב—דער מאגנעט איז דאָ. די נעכטיקע קאָמסאָמאָלקע ריוועטשקע פיינבאַק, וועלכע ער האָט באַגלייט אַהיים.

— אַי, ריוועטשקע, האָסטו שוין געגעסן רויע קארטאָפל?

זי לאַכט—לאַכט ער אויך. שמייכלען זיי ביידע.

קושט ער—קושט זי אויך, קושן זיי זיך ביידע.

פון דעמאָלט אָן פירן זיי ביידע אַן אונטערערדישע ליבע.

שמערל איז אַלע טאָג געווען אין קלוב. אין דראַמקרייז זיך פארשריבן. נאָכ־דעם דערוויסט ער זיך, אַז ריווקע איז אין קרייז פון לעניניזם—ער אויך. זי לייענט עסטערן—ער בוכאַרינען. אָפּשטיין וועט ער ניט. וואָס דען? זי וועט אַלץ קלאַפּן קאָ־מוניזם, מאַטעריאַליזם, קאפּיטאַליזם און ער וועט קוקן ווי דער בלינדער פערד אינדערפינצטער? ניין! שמערל איז ניט פון די.

און ס'איז אוועק א גאַנג.

* *
*

אַמאָל אין א פארנאכט זאָגט ריווע:

— זע, דו ביסט דאָך קיין קאָמסאָמאָלעץ ניט!

כ'ווייס... דאָס הייסט... קימאַט אָן פינף מינוט אַ קאָמסאָמאָלעץ.

— וואָס אַזוי שפּעט?

— געווען פארנומען, געפּאָרן, געלאָפן, געטאָן, געמאכט, בע, מע,—טע-טע-טע...

— זע נאָר, א פארנומענער מאַנספּארשוין.

— שאַ, איך קאָן איצטער ווערן אַ קאָמסאָמאָלעץ.

* *
*

— לאָמיר טאַקע זען.

אַף מאָרגן איז שמערל געווען אין ראַיקאָם.

— וואָס, ברודערל?

— אין קאָמסאָמאָל וויל איך.

שמערל האָט באַקומען אַן אנקעטע.

— ווי איז דיין פאמיליע?

פייפמאַן.

— און דער נאָמען?

— שמערל.

— שמערל פייפמאַן — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט.

דער סעקרעטאַר האָט געקוקט אַ ווײַלע אף אים, געזשמורעט די אויגן און אים אַ פרעג געטאָן:

— זאָג נאָר, וואָס האָט דיר געשטויסן אַרײַנגיין אין קאָמסאָמאָל?

שמערל האָט אים אַרײַנגעקוקט גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן, ווי ער וואָלט פון דאָרטן אויסלייענען די פראגן זײַנע און אים אָפּגעענטפערט קורץ און שארף, ווי אַ פּאַראָל:

— ריוועטשקע פיינבאַק האָט אַרײַנגעיאָגט אין קאָמסאָמאָל.

„איציק שפּיציק"

די גרויסע בעהאָלע

(אַ מאַיסע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין שטעטל פּיפּידאָווקע)

I. מאָטל קאַסאָקער און טשעמבערלען

מאָטל קאַסאָקער האָט אַ פּאָר קורצע הענט און פיס און אַ קוויטשעריש—ווײַבעריש קאָל. כּוך דעם איז ער נאָך סעקרעטאַר פון פּיפּידאָווקער קעמערל פון קאָמיוג.

פון די אַלע מעלאָכעס, וואָס לייגן זיך ווי אַ האָרב אַף די פּילגעליטענע פּלייצעס פון יעדן סעקרעטאַר, האָט ער באַזונדערס ליב איינע—האַלטן אַ רעדע. „אויב אַ רעדע—איז לאָזט מיך!" און מיט גרויס מעסיקעס לייגט ער אַריין די הענט אין די קעשענעס, אַזוי ווי פון דאָרט וואָלט ער אַרויסקראַצן זיין גאַנצן קויעך-האַדיבער, דעם גאַנצן אוצער פון באַפליגלטע ווערטער...

„די אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע", „די אימפּעריאַליסטישע עקדעשן"—דאָס זייַנען זיינע שטענדיקע באַגלייטער, וואָס אָן זיי קאָן ער זיך בעשום אויפן אין דער מינדסטער רעדע ניט באַגיין.

אַזוי איז אויך געווען דאָס מאָל, אַף דער אָפענער קעמערל-פאַרזאַמלונג אין צוזאַמענהאַנג מיט טשעמבערלענס נאָטע וועגן צערייסן די באַציאונגען צווישן ענגלאַנד און סאָוועטנפאַרבאַנד.

הייַנט האָט זיך מאָטל קאַסאָקער געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. ווייל ווען נאָך אַזוי, ווי הייַנט קאָן מען אַוועקלייגן אַ גוואַלדיקע דראָשע וועגן טשעמבערלעבען און אויסגיסן אַלדי ווייסטע כאַלוימעס צו די קאַפּיטאַליסטישע קעפּ?

דער גרויסער זאַל פון סעלבוד (אַ געוועזענער שטאַל פון פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע) איז געווען איבערפולט—מיט ליידיקע בענק. נאָר אַף די פאָדערשטע בענקלעך זייַנען געזעסן די אַנדערהאַלבן קאָמיוגיסטן פון שטעטל.

אָבער פאַר מאָטלס אויגן האָט געכוואַליעט אַ טויזנטקעפּיקע מאַסע, צו זייַנע אויערן האָט זיך דערטראָגן דער רויש פון הונדערטער קוילעס...

שטעלט איר זיך פאָר, ווי ער האָט גערעדט?! אָ, פאַרוואָס סטענאָגראַפירט מען די רעדעס פון בוכאַרינען, ריקאָוון, און אין פּיפּידאָווקע איז ניטאָ קיין איין סטענאָגראַפיסטקע, אַף אַ רעפּוע ניט? פאַרוואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן פאַר דער געשיכטע פון דער מענטשהייט—מאָטל קאַסאָקערס רעדע?!

שטעלט איר זיך שוין פאָר, ווי ער האָט גערעדט!..

די פּאַרזאַמלונג איז געווען אַזוי גערירט פון דערדאָזיקער רעדע, אַז מע האָט גלייך איינשטימיק באַשלאָסן אַרויסגיין אַף דער גאַס און ווייזן פּיפּידאָווקע און דער גאַנצער וועלט די קאַמפּגרייטקייט און העלדישקייט פון פּיפּידאָווקער קאָמיוג.

באַלד האָט מען געקאָנט זעען אַף דער גאַס אַ קופּקעלע כעווריי, וואָס האָט האָפּערדיק מאַרשירט, באַוואָפּנט מיט צוויי ביקסן, גענומענע אַף באָרג אין מיליציע.

די פּיפּידאָווקער גאַס איז פּוסט געווען. די זון מיט איר בראָטנדיקן שטראַלן-בעזעם האָט פּאַריאָגט קינד און קייט אין די הייזער אַריין. נאָר אַ פּאָר מיידלעך מיט עמערס וואַסער און כאָנע דעם פּאָטאָגראַפּטשיק קודלאַטע הינטל האָבן אויפגענומען דעם הערלעכן פּאַראַד.

איבער דער אויסגעבעזעמטער גאַס האָבן מאַרשירט אונזערע קאָמיוגישע גיבורים און זייער געשריי האָט געהילכט אין אַרום:

— אַ טויט טשעמבערלענען!

II. כאָנע פּאָטאָגראַפּטשיק און דער ערשטער שפּאַלט

אַף מאָרגן האָט קאַסאָקער געגעבן צו וויסן אַלע קאָמיוגיסטן, אַז אין אָרדענונג פון פּאַרבאַנד-דיסציפּלין זיינען זיי אַלע מעכויעוו קומען פּונקט דריי אַזייגער באַטאָג צו כאָנע דעם פּאָטאָגראַפּטשיק, אַף אָפּצופּאָרטרעטלען דאָס גאַנצע קעמערל, — ערשטנס, קעדיי צו פּאַצייכענען דערמיט די וויכטיקייט פון די קומענדיקע טעג און, צווייטנס, קעדיי די געשטאַלטן פון פּיפּידאָווקער קעמערל זאָלן ניט פּאַרפּאַלן גיין פּאַר דער געשיכטע, פּאַר די קומענדיקע דוירעס.

אַזייגער פיר האָט זיך מאָטל קאַסאָקער באַוויזן בײַם פּאָטאָגראַפּטשיקס גאַנעק. ער האָט געקענט זיינע כעוורע, ווי די פינף פינגער, און איז שוין לאַנג געקומען צום אויספיר, אַז אַ סעקרעטאַר פּאַסט ניט צו וואַרטן אַף דער מאַסע. און ער איז געווען גערעכט.

אָבער דאָס מאָל, ווען ער האָט דערזען אַפן גאַנעק דאָס גאַנצע קעמערל אין פולן באַשטאַנד, — אַכוץ די צוויי קאָמיוגיסטקעס, ביילקע און ציפּע — איז ער ווי אַ טיגער אַרויפגעשפּרונגען אַפן גאַנעק.

— וואו זיינען ביילקע און ציפּע?!

אַ טויטע שטילקייט האָט אים געענטפערט, כעוורע האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פּאַרשולדיקטע אויגן, נאָר קיינער האָט ניט געוואָלט זיין אַ זאָגער פון דער שלעכטער בסורע...

אָבער דאָ האָט דער קליינער שימעלע, וואָס פלעגט אַלע מאָל האַלטן אַ פול מויל מיט וואַסער, מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און אַרויסגעשטאַמלט, מיט טרערן, ווי באָב, אין די אויגן:

— ס׳איז געקומען ביילקעס פעטער פון שטאָט... זאָגט ער, אַז די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן... אַז מאָרגן וועלן די פּאָליאַקן שוין קומען אַהער... און ווער ס׳וועט זיין אַף קאָמוניסטישעסקע פּאָטאָגראַפּיעס... וועלן זיי אָפּהאַקן אַ האַלבן צונג... האָט מען ביילקען פּאַרשפּאַרט אינדערהיים... און ציפּען אויך... און איך... וויל אויך

בלייבן מיט אַ גאַנצן צונג... דאָ האָט זיך דער קליינער שימעלע צעכליפּעט אַפן קאָל, אַזוי אַז ס'האָט טאַקע אָנגענומען באַם האַרצן... מאָטל קאַסאָקער האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן און טרויעריק אַרויסגערעדט:

— שווערע ציַיטן קומען פאַר אונז... וואַקלונג און פאַראַט נעמען דאָס וואָרט... די פאָטאָגראַפיע ווערט אַנולירט!..

כעוורע זיינען זיך מיט לייכטע הערצער צעגאַנגען אַהיים, און כאָנע פאָטאָגראַפטשיק האָט זיי לאַנג פאַרכידעשט נאָכגעקוקט, מיט די טונקל-בלויע ברילן פאַרוקט אַפן שטערן...

אַזוי האָט זיך באַוויזן דער ערשטער שפּאַלט אין דער פעלזנפעסטער קאָמפּגרייטקייט פון פּיפּידאָווקער קאָמיוג.

III. אַ בייזער כאָלעם מיט קעלבערנע ציִנגער

מאָטל קאַסאָקער איז אַרומגעגאַנגען, ווי אַ נעכטיקער. אין קעשענע האָט אים געברענט אַ פּירקאַנטיק שטיקל פּאַפּיר, וואו ס'איז קורץ און שאַרף געווען אָנגעשריבן:

„אין פּיפּידאָווקער קאָמסאָמאָל

אַ זאַיאַוולעניע

אַזוי ווי קאָמסאָמאָלצעס ווען די פּאָליאַקן הענגען פאַר די ציִנגער און איך בין דער אייַנציקער זון בא מיינע אָרעמע טאַטע-מאַמע, אַכוץ מיר זיינען פאַראַן נאָך זיבן מיידלעך, אָבער איך בין דער אייַנציקער קאַדיש איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, דעריבער בעט איך מיך אויסשליסן פון קאָמסאָמאָל, אויב ניט אינגאַנצן, איז כאָטשבי אַף מילכאָמע-צייט.

מיט אומפּאַרטייאישן גרוס פון מיר שימעלע דראָפּ".

אַזאַ מין פּירקאַנטיק שטיקל פּאַפּיר האָט געברענט אין מאָטלס קעשענע. אָבער ווי קומט עס צו דער סריפּע, וואָס האָט געפלאַקערט בא אים אין קאָפּ?!

אַ גאַנצע נאַכט האָבן געברענט מאַכשאָוועס, איינע גליענדיקער פון דער אַנדערער:

— וואָס וועט עס זיין?! און עפּשער איז אַן עמעס, וואָס ביילקעס פעטער האָט דערציילט?

שימעלע שוויַיגט אַלעמאָל און ציטערט דאָך אַזוי איבער זיין שטיקל צונג... היינט, וואָס דאַרף שוין איך זאָגן, מאָטל קאַסאָקער, וואָס מיין צונג איז באַרופן צו שרייבן גאַנצע בלעטער אין דער מענטשלעכער געשיכטע?..

ערשט פאַרטאָג איז ער קוים אַנשלאָפן געוואָרן, און געכאָלעמט האָט זיך אים, ווי פּאָליאַקן האָבן אָנגעבונדן אַ שטריק צו זיין צונג און אַ גאַנצע ראָטע ציט פאַרן שטריק, און פון זיין מויל ציט זיך אַ צונג גאָר אָן אַן עק, אַ לאַנגע, ענדלאָזע, רויטע סטענגע צונג.

און אַלע קעלבער פון גאַנץ פּיפּידאָווקע טאַנצן אַרום אים אין אַ קאַראַהאָד און שטעקן אַרויס פּונקט אַזוינע לאַנגע, פּונקט אַזוינע רויטע קעלבערנע ציִנגער...

IV. וואָס איז געווען באַם גאַלעך אָפן בוידעם

אינדערפרי, ווי נאָר מאָטל איז ארויס אָפן גאַס, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז ביילקעס פעטער איז געווען גערעכט: איבערן סעלבוד האָט געפלאַטערט א שוואַרצע פאָן, און מיט איר מאָרעשכוירעדיקער צונג האָט זי גאָר ניט צוגעזאָגט קיין גוטס. און דער כאָלעם מיט די ציינגער האָט אַוואַדע קיין גוטס ניט צוגעזאָגט.

אצינד האָט שוין מאָטל פאַרשטאנען, וואָס ער האָט צו טאָן. ער איז אוועקגעלאָפן אַהיים, צונויפגענומען אלע פאפירן בא זיך אונטערן קישן, אפילע דעם לעצטן צירקוליאר פון ראיקאָם וועגן „וואָיענזיאציע”, צעריסן עס אף פיק-פיצלעך און ארייגעוואָרפן אין אויוון אריין.

דעם פאַרבאנד-בילעט האָט ער ארייגעלייגט אין קעשענע. דאָס וועט מען קאָנען פאַטערן אין דער לעצטער מינוט...

דאַן איז ער רואיק אַרויס אָפן גאַס. אָבער די גאַס איז רואיק ניט געווען. אומעטום זיינען געשטאַנען קופקעלעך אידן און געשמועסט פון די לעצטע נייס.

מאָטל קאסאָקער איז געגאַנגען פון איין קופקע צו דער אַנדערער, צוגעלייגט אַן אויער דאָ, דאָרטן און אַלץ זיך געפרואווט דערמאָנען, צי האָט ער כאַסוועשאָלעם ניט איבערגעלאָזט עפעס „טרייפס” אין שטוב? ניין, דאַכט זיך, אַלץ פאַרברענט, אַפילע דעם צעטל פון קעמערל-באַשטאַנד...

פלוצים דערהערט ער יעלאָלעס און געשרייען פון אַלע זייטן... אַלטע אידן לויפן מיט פאַרשאַרצטע קאַפאָטעס, ווייבער קוויטשן און איינע איז גאָר געפאַלן אין כאַלאָשעס אין מיטן גאַס... און איין לאַנגער ווייַנענדיקער קרעכץ האָט אינדערלופטן:

— אידן, ראַטעוועט זיך!.. באַנדעס גייען!..

מאָטל האָט פאַרשטעלט די אויגן פון דער זון און ווירקלעך דערזען: אָפן וועג פונם דערפל בא דער גרעניץ האָבן זיך געהויבן וואָלקנס שטויב, ווי ס'וואָלט געגאַנגען אַ גרויסע מאַכנע... פון דער ווייט האָבן זיך דערטראָגן עפעס מעשונעדיקע קוילעס און ווילדע קלאַנגען...

יאָ, דאָס זיינען זיי! באַנדעס פון דער פוילישער גרעניץ, און עפשער גאָר פויליש מיליטער...

אין איין אויגנבליק איז מאָטל געווען אָף דעם גאַלעכס בוידים... דאָס זיכערסטע אָרט... טיף זיך פאַרגראָבן אין היי... די קוילעס זיינען געוואָרן אַלץ נעענטער...

איצט איז די רעכטע צייט! דער קאָמיוגישער בילעט האָט שוין לאַנג געברענט אין קעשענע, אַרויסגעריסן דאָס זייטל מיטן נאָמען „דמיטרי קאַסאָקער” און אַריינגעשטופט זיך אין מויל. דעם בילעט אָן אַ נאָמען האָט ער טיף פאַרוקט אין היי אַריין...

ערשט איצט, קייענדיק דאָס פאַפירל, האָט ער זיך געכאַפט, אַז דער „קים”, וואָס איז פעסט אַריינגעשריפט אין העמדל, איז אים גאָר אַרויס פון זינען!..

מיט ציטעריקע פינגער פרואווט ער אָפשרויפן דעם צייכן, אָבער ווי אָף צעלאָכעס פאַראַקשנט זיך דער „קים”, און די פינגער פאָלגן ניט... אַזוי ווי דער קאָמיוגישער צייכן האָט בעשום אויפן ניט געוואָלט זיך שיידן מיט מאָטלס העלדישער ברוסט...

דאַן האָט מאָטל מיט פֿאַרקריצטע ציינער אַרויסגעריסן דעם „קים“ צוזאַמען מיטן „פֿלייש“. אַף דעם אָרט איז אין העמדל געבליבן אַ גרויסע ווינקנדיקע לאָך...

איצט האָט מאָטל געקאָנט אָפּעטעמען מיט אַ פֿול האַרץ און זיך צוהערן, וואָס סע טוט זיך אין שטעטל, און...

ער האָט ניט געגלויבט זיינע אויערן. פֿון גאַס האָבן זיך געטראָגן הילכיק און שווער די קלאַנגען פֿון... „אינטערנאַציאָנאַל“.

מאָטל האָט זיך געגעבן אַ קניפּ. ניין, ער שלאָפֿט ניט. וואָס זשע טוט זיך דאָ? פֿון גאַס האָבן זיך דערטראָגן קוילעס.

— לעבן זאָל די ראַטנמאַכט! אַ טויט די מערדער!

דאָ האָט שוין מאָטל באַשלאָסן ריזיקירן מיט זיין קאָפּ און אַרויסגערוקט זיי נאָז דורכן בוידעם-פֿענצטערל, און אָט וואָס ער האָט דערזען:

פֿאַר סעלבּוד איז געשטאַנען אַ היפּשער אוילעם פּויערים פֿון שכייניש דאָרף. אינמיטן, אַף אַ פֿעסל איז געשטאַנען דער מאָבּיליזירטער רויט-אַרמייער, וואַסקע קוליקאָוו, און געוואָרפֿן ווערטער, ווי ציגל, גלייכע און שווערע:

— די מערדער האָבן געהאַרגעט אונזער כאַווער וואַיקאָוו. זיי ווילן אונז פּראָוואָצירן אַף מילכאָמע. קיין מילכאָמע ווילן מיר ניט. אָבער גרייט דאַרפֿן מיר זיין, ווייל אויב זיי וועלן זיך אָנהויבן, איז טראַסצע איך מאַטערי, וועלן מיר זיי ווייזן, וואָס מיר קאָנען!

אַ גוטמוטיקער מורמל האָט זיך צעגאָסן צווישן אוילעם, און אַן אַלטער פּויער האָט אַ ציי געטאָן די פּיפּקע, אַ שפּיי געטאָן און געזאָגט:

— ער רעדט וואויל, וואַסקע...

איבער דעם אוילעם האָט זיך צעכוואַליעט מיט ווינט אַן אויפֿשריפּט, לייוונטדיק און פּראָסט:

— אַ טויט די מערדער פֿון כ' וואָיקאָוו!

— — — — — — — — — — — — — — — —

צוויי טעג איז מאָטל קאַסאָקער אָפּגעזעסן אַפֿן גאַלעכס בוידעם, באַהאַלטנדיק זיין צעפּליקטע לאָך אין העמדל און די מיעסע כאַרפּע אין האַרצן...

V. אַ קו איז געפֿלויגן איבערן דאַך...

אַזאַ מאַיסע איז זיך פֿאַרלאָפֿן אין שטעטל פּיפּידאָווקע.

— אַ מאַיסע ניט געשטויגן, ניט געפֿלויגן!

—און פּיפּידאָווקע איז בּיכלאַל אַף קיין שום קאַרטע ניטאָ!

אַ קו איז געפֿלויגן איבערן דאַך און געלייגט אַן איי!..

און דאָך, אויב דו ווערסט ערגעץ באַגעגענען אַ מאָטל קאַסאָקער, זאָלסטו זיך ניט שעמען באַווייזן די בּושע פֿאַר לייטן און אַרויסשלעפֿן אים בּימכילע, פֿאַר די אויערן, פֿון גאַלעכס בוידעם אַף דער ליכטיקער וועלט...

אָסקאַר

כאַווער סלופּ

כאַווער סלופּ איז דער פּאָרזיצער פונם טרעסט „קישן־קאָלדרע״. כאַווער סלופּ איז אַן ערנסטער מענטש, אַן אַרבעטזאַמער, אַ האָרעפּאַשניק, ער געדענקט שטענדיק אַפּילו אין שלאָף אַז ער איז פּאָרזיצער פונם טרעסט „קישן־קאָלדרע״ און אַז אויף אים פאַלט די גאַנצע אַכריעס.

כאַווער סלופּ איז אַן ערנסטער מענטש, עפּשער אַ טראָפּעלע צו־ערנסט, — אַזוי מיינט די שרייב־מאַשיניסטקע, ווען ער דיקטירט שאָענווייז זיינע טעזיסן, וואָס דאַרפן דערווייזן די וויכטיקייט און די באַדייטונג פון קישנס און קאָלדרעס פאַר דער סאָציאַליסטישער בויאונג.

כאַווער סלופּ שמייכלט קיינמאָל ניט — ער ווייס ניט, צו וואָס מע דאַרף עס. אַפּן אָוונט פון הומאָר און סאַטירע, וואו ער איז צופעליק אַריינגעפאַלן, איז ער געזעסן ערנסט און פאַרכמורעט. אַפילע דעמאָלט, ווען דער באַרימטער הומאָריסט מיכלסאָן האָט מיטן פייערווערק פון זיין שאַרפזין פאַרענדיקט לייענען זיין בעסטן ווערק, און דער עולם האָט מיט פאַרגעניגן געווישט די אויגן פון געלעכטער, אַפילע דעמאָלט איז כאַווער סלופּ געבליבן ערנסט. ער האָט נאָר געזאָגט:

— מע קאָן קאָנסטאַטירן, אַז דערדאָזיקער שרייבער שטייט אַף דער געהעריקער הויך...

כאַווער סלופּ לייענט קיין זאַך ניט, אויסער צירקולאַרן און רעזאָלוציעס, מעגן זיי זיין ניט פון זיין אייגענער שאַפונג. ער לייענט אויך פון צייט צו צייט דעם אָפּרייס־קאַלענדאַר, וואָס הענגט איבער זיין שרייב־טיש. עס אינטערעסירט אים די לענג פונם טאָג, דער זון־אויפגאַנג און זון־אונטערגאַנג. ער האָט אַפילע אַ געוויסע טעאָריע געשאַפן וועגן לועך, און אַז ער וואָלט געהאַט איבעריקע צייט, וואָלט ער אַפילע אָנגעשריבן ספּעציעלע טעזיסן דערצו, נאָר דערווייל לייגט ער דאָס אָפּ אַף אורלויב־צייט.

* *
*

כאַווער סלופּ האָט אַ דויק געטאָן דאָס קנעפּל פונם גלעקל. אין דער טיר האָט זיך באַוויזן דאָס פּאָנים פון דער קורירשע.

— גיט איבער אָט דאָס פּאַפּירל דעם סעקרעטאַר.

די קוריערשע האָט צוגענומען דאָס פּאַפּירל פון זיין האַנט, און מיט אַ לייכטן שמייכל האָט זי עס איבערגעגעבן דעם סעקרעטאַר, וואָס איז געזעסן פונקט אַנטקעגן דעם כאַווער סלופּ בא אַ צווייטן טיש.

דער סעקרעטאַר האָט פונקט אַזוי ערנסט, ווי דער כאַווער סלופּ, איבערגענומען דאָס פּאַפּירל און געלייענט:

„איך לייג אייך פאָר דרינגענדיק צונויפרופן די זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג פונם טרעסט „קישן-קאָלדרע" אַף מאָרגן פונקט 4 א האַלב אַזייגער.

פּאָרזיצער — סלופּ".

כאַווער סלופּס סעקרעטאַר האָט איבער די ברילן אַ קוק געטאָן אַף זיין פּאָרזיצער. דעם פּאָרזיצערס פּאָנים איז געווען, ווי געוויינלעך, ערנסט און פאַרכמורעט. דער סעקרעטאַר האָט פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף דאָס באַלד טאָן, און ער האָט טייקעף אָנגעשריבן צוויי מעלדונגען — איינע צום כ' סלופּ, די צווייטע צום סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג. די איבעריקע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג זיינען אַלע געווען אָפּגעפאָרן ווער אין אורלויב, ווער אין אַ שליכעס.

די מעלדונגען האָט דיזעלבע קוריערשע איבערגעגעבן דער מאַשיניסטקע. די מאַשיניסטקע האָט דידאָזיקע מעלדונגען איבערגעשריבן אַף דער מאַשינקע און דאָס איבערגעגעבן דער קוריערשע. די קוריערשע — דעם סעקרעטאַר. דער סעקרעטאַר — דעם פּאָרזיצער. און דער פּאָרזיצער האָט אַוועקגעלייגט זיין כסימע אַףביידע מעלדונגען: פּאָרזיצער — סלופּ, — מיט אַ קליין דריידעלע צום סאָף. דאָס דריידעלע האָט בעשום אויפן ניט געטאָרט פאַרכאַפּן די בוכשטאַבן פונם וואָרט סלופּ, נאָר עס האָט געדאַרפט גיין אונטערן וואָרט, אַזוי ווי אומגערן האָט די פעדער זיך ניט געקאָנט אָפּשטעלן און ס'האָט זיך באַקומען אַ דריידעלע. דער סעקרעטאַר האָט אונטערגעשריבן נאָכדעם, ווי די קוריערשע האָט עס אים איבערגעגעבן. ער האָט אונטער זיין פאַמיליע-נאָמען געמאַכט ניט קיין דריידעלע, נאָר אַן עקעלע.

די אונטערגעשריבענע מעלדונגען האָט די קוריערשע איבערגעגעבן דעם עקספּעדיטאָר. יענער האָט זיי אַריינגעלייגט אין קאָנווערטן, געוואָלט זיי לעכאַטכילע פאַרקלעפּן, נאָר ער האָט אַף זיכער ניט געוואוסט, צי מע דאַרף מעלדונגען פאַרקלעפּן אין די קאָנווערטן און ער האָט אָנגעפרעגט באַם קאַנצעליאַריע-פאַרוואַלטער. דער ענטפער איז געווען, אַז מע מעג פאַרקלעפּן אויך. דעמאָלט האָט דער עקספּעדיטאָר נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אַפן אַדרעס און אַף דער מעלדונג, און ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז איינע גייט צום כאַווער סלופּ און די צווייטע — צו זיין סעקרעטאַר, האָט ער באַשלאָסן צו פאַרקלעפּן, ווייל כאַווער סלופּ איז אַן ערנסטער מענטש. דער עקספּעדיטאָר האָט מיטן צונג גוט ארומגענעצט די קליי-ברעגעס פונם קאָנווערט, אויסגעשפּיגן און זיך באַלעקט. ביידע קאָנווערטן זיינען ווידער אַריבער צו דער קוריערשע.

אַף מאָרגן אינדערפֿרי האָט כּאוּוער סלוּפּ מיט ערנסט אויפֿגעריסן דעם קאָנ-ווערט און מיט ערנסט איבערגעלייענט:

„כּאָשעוּוער כּאוּוער סלוּפּ! איר ווערט איינגעלאַדן אַף הײַנט 4 א האַלב אזייגער צו דער זיצוּנג פֿון דער פֿאַרוואַלטוּנג פֿונעם טרעסט „קישן-קאָלדרע". ביטע ניט פֿאַרשפּעטיקן.

פֿאָרזיצער פֿון פֿאַרוואַלטוּנג — סלוּפּ".

כּאוּוער סלוּפּ האָט באַטראַכט דאָס דריידעלע פֿון זײַן כּסימע און זיך איבער צייגט, אַז דאָס מאָל האָט ער אַ ביסל נאָכלעסיק זיך אונטערגעשריבן, אזוי אַז דאָס דריידעלע האָט פֿאַרכאַפּט דעם בוכשטאַב „ל".

פּונקט 4 א האַלב אזייגער זײַנען כּאוּוער סלוּפּ און זײַן סעקרעטאַר שוין גע-זעסן אַף דער זיצוּנג פֿון דער פֿאַרוואַלטוּנג. מער איז קיינער ניט געווען. פֿאָרזיצער איז געווען כ' סלוּפּ. אָן באַזונדערע פֿאָרבאַרייטוּנגען האָט ער ערנסט דערקלערט די זיצוּנג פֿאַר אָפֿן. דאָס וואָרט באַקוּמט דער כּאוּוער סלוּפּ. ער ווערט באַהאַנדלט די פֿראַגע וועגן סטריגעווען די קאָלדרעס. ער זאָגט זיך אַרויס קעגן סטריגעווען מיט בלימע-לעך, ווײַל דאָס איז אַ באַשטימטער פֿאָרורטייל, וואָס איז פֿאַרבליבן פֿונעם צאַרישן רעזשים. סטריגעווען דאַרף מען אָדער אין קוואַדראַטן אָדער אין דרייקאַנטן. דער סעקרעטאַר איז מיט אים ניט אינגאַנצן מאַסקים. עס וועגדעט זיך וואָס פֿאַר אַ בלי-מעלעך, ניט אַלע בלומען זײַנען אַ פֿאָרורטייל.

— וועלן מיר אָפּשטימען. ווער איז קעגן בלימעלעך — בעט איך הייבן די האַנט.

קעגן שטימט נאָר דער כּאוּוער סלוּפּ, פֿאַר בלימעלעך מיט געוויסע באַגרענ-צונגען שטימט דער סעקרעטאַר.

די זיצוּנג איז געשלאָסן.

אַ שטילער ערנסט האָט געשוועבט איבערן קאַבינעט. נאָר פֿון דער וואַנט האָט אַיראָניש געשמייכלט לעניס פּאָרטרעט, כּאוּוער סלוּפּ האָט עס ניט באַמערקט.

פ. בערעזין

ווייבערשע געשעפטן

(א מאָנאָלאָג פון א מאַן)

— מיין ווייב, כאַוויירים, דאַרט איין, זי ווערט יעדן כוידעש דאַרער אַף צוואַנציק פונט. און זייער א פּאָשעטע זאַך. אַן ערנסטע געזעלשאַפטלעכע טוערן; אַזוי צו זאָגן, אַ פרויען-אָרגאַניזאַטאָרשע. ס'איז דאָ פון וואָס אַ טעל צו ווערן. גיט נאָר אַ טראַכט — דאַכט זיך אַזאַ פּאָשעטע זאַך, ווי באַשטימען אַ פרויען-פאַרזאַמלונג, אָבער אָפּשוויצן קומט אויס דערביי פאַר דריי פערד. קומט די פרוי אין פאַבקאָם — וועגן דעם טאָג פון דער פאַרזאַמלונג זיך צונויפריידן — און דאָ הויבט זיך אָן אַ סעדרע: — וועלכע פון די נאָענטסטע טעג קאָן מען אויסנוצן פאַר א פרויען-פאַרזאַמלונג.

— דעם נאָענטסטן, כאַווער, דעם נאָענטסטן...

— הייסט עס — מאָנטיק קען מען?

— נאָר ניט מאָנטיק — מאָנטיק איז א לימעד.

— נו און דינסטיק?

— דינסטיק איז אַ ביוראָ, לאָמיר בעסער אַן אנדער טאָג באַשטימען.

— נו און מיטוואָך ווי אזוי?

— פאַרשטייט זיך, אַז מ'קאָן, נאָר ס'איז דאָך עפּעס אַ פאַבזאַווקאָמסקער טאָג.

— הייסט עס קאָן מען ווייטער ניט?

— דאַן לאָמיר כאָטש דאָנערשטיק?

— ביסט מעשוגע צו כאָסער דייע? דאָנערשטיק איז דאָך א פאַרטיי-טאָג.

— נו איז פרייטיק?

— ס'איז קיין נאַפּקעמינע ניט. מ'קאָן פרייטיק, נאָר קיינער ט'דיר ניט קומען. פרייטיק אַרבעטן די קרייזן און די פּראָדוציר-באַראַטונגען.

— נו, גוט, זאָל שוין זיין שאַבעס.

— ערשטנס טאָר מען דעם שאַבעסדיקן טאָג ניט פאַרנעמען און צווייטנס, איז ער שוין סייווי פאַרנומען.

— בלייבט, הייסט עס, נאָר זונטיק?

— וואָס איז, כוץ אָט די טעג, איז שוין מער קיין טעג ניט פאַראַן אין דער וואָך? פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז ניט פאַראַן — וואס וועל איך עפּעס אַ מאָנטדינסטיק, אָדער שאַבפרייטיק צוקלערן, — צי וואָס?

— ווייסטו וואָס, כאַווערטע, — זאָל שוין בלייבן שאַבעס. ס'איז א זיכערע זאַך.

— אָבער שאַבעס איז מען דאָך פאַרנומען?

— שאַבעס נאָכן קאַלטן קוגל פלעגט מען דאָך אַמאָל פריי זיין.

רייסט מען שוין אַמאָל אַרויס אַ טאָג, לויפט די פרוי דאָ אַהער און דאָ אַהין און קריגט זיך און פאַרעדט די ציין ביז מע באַשטימט מיט מאַזל אַ פאַרזאַמלונג.

דאַן מעלדעט זי יעדערן באַזונדער און אַלעמען אײנײנעם און הענגט אויס מודעָעס און גיט דורכן טעלעפאָן צו וויסן און שיקט מעלדונגען און שטייט אַפילע אַליין באַם טויער, קעדיי צו פאַרהאַלטן די אומבאַוואוסטזיניקע פרויען.

— וואוהין לויפסטו כ׳טע קוגלמאַן? —

באַלד איז אַ פרויען-פאַרזאַמלונג.

— כ׳קאָן ניט קומען. באַ מיר קאָכט זיך דער וואַרמעס.

— און דו וואוהין, כ׳טע פוטערפליגל?

— היינט קאָן איך ניט זיין אַף דער פאַרזאַמלונג, כ׳האָב געלאָזן אינדערהיים אַ קינד.

וואָס פאַר אַ קינד? נעכטן נאָך ביסטו אַן אַקאָרע געווען.

— נעכטן אָט אַן אַקאָרע געוועז און היינט האָב איך שוין אַ קינד. יאַנקעלע רופט מען עס. איך וואָלט געגאַנגען אַף דער פאַרזאַמלונג, נאָר זי וועט וויינען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ זי, אַז ט׳הייסט יאַנקעלע?

— זעסט דאָך.

— און וויפל יאָר איז איר, דיין יאַנקעלען?

— 34, הייסט עס, טפו, וואָס רעד איך עס, נאַרישע אידענע? דריי יאָר — דאָס פינפטע.

— ער איז דאָך ערשט נעכטן געבוירן געוואָרן. עך, שיטסט זאַמד אין די אויגן...

— נו, און דו, כ׳טע מאַלקינע.

— כלויף וועגן אַ וויכטיקן איניען.

— עפשער וואָלסטו דיינע איניאָנים אַף שפּעטער געלאָזן... איצט דאַרף מען זיין אַף דער פאַרזאַמלונג.

— שפעטער וועט שוין שפעט זיין.

— וואָס פאַר אַ געשעפטן זיינען עס באַ דיר?

— אַרומוואשן וויל איך זיך, און אַ בילעט האָב איך אין טעאַטער אַף היינט כ׳קען אַפילע אַ צייגעניש פון אופראוודאָם ברענגען.

— און דו, וואוהין אַנטלויפסט, כ׳טע בערנקוואס.

— א? מיך מיינסטו?

— פאַרשטייט זיך, אַז דיך, אַף דער פרויען-פאַרזאַמלונג גיי.

— אַ פאַרזאַמלונג? וואָס פאַר אַ פאַרזאַמלונג?

— וואָס דרייסטו מיר אַ קאָפּ? איך האָב דיר דאָך צען מאָל געזאָגט.

— אָך, אַ פאַרזאַמלונג, יאָ, יאָ... כ׳געדענק, נאָר פאַרשטייסטו, באַ מיר איז אין בויך ניט אין אָרדענונג. עפּעס דער קאָפּ טוט וויי און ביכלאַל בין איך ניט געזונט׳ איז אָט אַזוי, בירגער און בירגערטעס טייערע. צוליב אַנדערע אומבאַוואוסטזיניקע דאַרף מיין ווייב ליידן און איר וואָג פאַרלירן. לעבן זאָלן טאַקע אַזוינע פרויען, נאָר האָט אַביסל איינזעעניש מיט מיין פרוי, א ניט וועט אין אַ דריי—פיר כאַדאָשים פון איר גאָרניט בלייבן.

וול. פעטריאק

ליידיקע פלעשלעך

זונטיק איז באַ מייערן אינדערהיים קיין ווארמעס ניט געווען.
האָט ער זיך א טראכט געטאָן:
— כ'וועל אַקאָרשט אַ גיי טאָן אין גאָרקיך געבן אַן עס.
וואָס וועל איך הונגערן אַ גאנצן טאָג, די קישקעס זאָלן מ'ר אויסדארן, צי וואָס?

ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אוועק גלייך אין גאָרקיך „ראי", וועלכע געפינט זיך לעבן ראיקאָם פון קאָמיוג. מייער האָט זיך אַוועקגעזעצט באַ א טישל, אַף וועלכן ס'זיינען געשטאַנען ליידיקע טעלער און ביר-פלעשלעך. דערווייל האָט מייער געכאַפּט א קוק אין גאַס אַריין. פאַרביי די פענצטער זיינען דורכגעגאַנגען פארשיידענע מענטשן. מייער האָט יעדערן באַטראכט און באַשטימט: צי דער מענטש האָט שוין געגעסן היינט ווארמעס צי ניט? דאָסזעלבע האָט ער געוואָלט א טראכט טאָן וועגן דעם יונגן יאַט מיטן פּאָרטפעל, און פּלוצים דערזעענדיק, אז דאָס איז דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם, האָט ער געכאַפּט א ציטער. דער סעקרעטאר האָט א קוק געגעבן אף מייערן און אַף די פלעשלעך, האָט א שמייכל געטאָן און איז אוועק. מייער האָט פון שרעק א שלונג געטאָן אַביסל שפייעכץ און א מורמל געטאָן—„זיך פיין אריינגעפּאקט".

דער סעקרעטאר איז פארשוואונדן פון די אויגן. מייער איז פארשטומט געבליבן און אלץ געקוקט צו דער גאס צו, נאָכדעם האָט ער א ווענדע געגעבן די אויגן צו די ליידיקע פלעשלעך און א טראכט געטאָן:

„נו, פארפאלן, ער וועט שוין איצט מיינען, אז איך האָב ביר געטרונקען".

מייער האָט זיך געוואָלט לאָזן דעריאָגן דעם סעקרעטאר, אים דערקלערן און ריינוואשן זיין ניט פארדינטע זינד. ער האָט ניט ווילנדיק אָפּגערוקט פון זיך די פלעשלעך און ווייטער געטראכט: „און עפּשער האָט ער ניט באמערקט?" און דאָ ל'ריפּט א צווייטער געדאנק און גיט אים א קלעם:

„ווען ער זאָל ניט געווען באמערקן, וואָלט ער ניט געווען געשמייכלט".

א דערשראָקענער האָט ער פארגעסן, אז ער עסט ווארמעס, פריער האָט ער אויפגעגעסן אינגאנצן דאָס ברויט, נאָכדעם אריינגעוואָרפן דאָס צווייטע געריכט אין באָרשטש אריין און אָן שום אַפּעטיט עס איינגעשלונגען.

אפן וועג אהיים האָט מייערן געמאַטערט א געדאנק, אז ער וועט איננאנצן זיין שטיקל אווטאָריטעט פארלירן אין די אויגן פונם סעקרעטאר פון ראיקאָם.

מ'וועט זאָגן: וואָס איז דאָס פאר א קאָמסאָמאָליעץ, וואָס פאר א קויעך איז ער פונם נייעם שטייגער, אז ער טרינקט גאָר ביר?

אף מאָרגן אינדערפרי איז מייער אויפגעשטאנען מיט א שווערן קאָפּ, פונקט ווי ער וואָלט אינדערעמעסן נעכטן געטרונקען.

א גאנצע נאכט האָבן אים געפּייניקט שלעכטע כאלוימעס.

אָט כאלעמט זיך אים, אז מ'האָט אים אין א זאק פארבונדן און מ'האָט אים אין א טייך אריינגעוואָרפן און אנשטאָט וואסער איז אין טייך ביר און אפן ברעג שטייט דער סעקרעטאר פון ראיקאָם און לאכט.

— ביר-ר-ר!...

„ניט אומזיסט כאָלעמט זיך אזא כאָלעם, ס'וועט זיך טרעפן עפּעס א צאָרע", האָט מייער א טראכט געטאָן אָנטוענדיק די גימנאסטיאָרקע אנשטאָט די הויזן.

ענדלעך, האָט ער פעסט באשלאָסן רייניקן זיך פון זיין פעלער. ער האָט אפילע ניט אָפּגעגעסן קיין פרישטיק און זיך געלאָזט אין ראיקאָם צום סעקרעטאר.

יענער איז געזעסן נידעריק איינגעבויגן איבערן טיש און עפּעס געשריבן.

מייער האָט זיך באגריסט און ניט דרייסט אָנגעהויבןריידן:

— דו מיינסט אוודע, אז איך גיי קעגן דעם נייעם שטייגער?.. ניין, איך האָב קיין ביר ניט געטרונקען! אין ביר-שענק בין איך צופעליק אריין...

פארשטייסט, אינדערהיים איז קיין ווארמעס ניט געווען... און איך גיי שטענדיק אף פארזאמלונגען און לערן פּאָליטגראמאָטע.

— הער אויף באָלבען! ס'איז נארישקייטן — האָט דער סעקרעטאר פול א זאָג געטאָן. מייער איז מישטוימעם געוואָרן.

„ער האלט פאר א קלייניקייט, וואָס איך באזוך פארזאמלונגען און לערן פּאָליטגראמאָטע... מ'דארף אים נאָך צוגעבן, אז איך האלט פארבינדונגען מיטן פלאָט. אניט איז פארפאלן". ער האָט געוואָלט זיך אָנטשעפּן אָן דעם, האָט מען דעם סעקרעטאר אוועקגערופן אין א צווייטן צימער און מייער איז געבליבן אליין.

ער איז געשטאנען בא א האלבע שאָ און פול פארביטערונג און צאָרעס איז ער ארויסגעגאנגען פון ראיקאָם. אין צווי טעג ארום האָט ער נאָכאמאָל באשטימט אריינגיין צום סעקרעטאר און זאָגן אים, אז ער איז אריינגעפאלן אין א גרויסן טאָעס.

דאָס מאָל האָט דער סעקרעטאר עפּעס מיט עמיצן גערעדט דורכן טעלעפאָן.

מייער האָט אָנגעהויבן דערקלערן: — דאָס זיינען ליידיקע פּלעשלעך געווען! און איך האָב קיין ביר ניט געטרונקען! דו מיין ניט, אז איך בין פון די שלעכטע קאָמיוגיסטן, איך צאָל רעגולירער מיטגליד-אָפּצאָל און האָב א פארבינדונג מיטן פלאָט...

— שטער ניט! כ'האָב שוין לאנג אלץ פארגעסן!.. כ'האָב קיין צייט ניט!.. האָט דער סעקרעטאר מיט א פארקרימט פּאָנים געזאָגט.

„פיין פארגעסן” און ווי האָט ער מיט די אויגן א בלישטשע געטאָן — האָט מייער זיך געטראכט — ניין, דו האָסט גאָרנישט ניט פארגעסן און ווילסט אין מיר נעקאָמע נעמען.

מיטאמאָל האָט דער סעקרעטאר גענומען נאָך שטארקער שרייען דורכן טע-לעפאָן.

— „זעסט, ווי ער בייזערט זיך”, האָט מייער געטראכט און איז א פארבי-טערטער ארויס פון ראיקאָם.

— „ניין, ער וועט אזוי גלאט די זאך ניט דורכלאָזן”.

מייער האָט זיך געאייצעט מיט כאווערים, ווי אזוי זיך נויהעג זיין און זיי האָבן אים געזאָגט:

— דו שווייג ניט אין דעם אייסעק, און ווען ס'וועט זיין א זיצונג פון ראי-קאָם, גיי און זאָג און דערצייל און זאָלן אלע וויסן, אַז דו ביסט ניט שולדיק.

מייער האָט אזוי באשטימט צו טאָן. דערוואַרטנדיק זיך אַף א זיצונג אין ראיקאָם, האָט ער זיך וואָס ערגער אָנגעטאָן און זיכער זיך געלאָזט גיין.

אין וועג האָט ער דורכגעטראכט איינגאנצן זיין רעדע.

— מ'דארף ציטירן מארקסן און שטיצן זיך אפן „וואָלכאָווברוי”, דאַן וועט מען זאָגן: אָט דאָס איז אַן עכטער קאָמיוניסט, און ער וועט זיך ניט פארגינען טרינקען.

אַף דער זיצונג איז געווען אָנגעקיכערט. ס'זיינען געגאנגען דעבאטן וועגן קאָמוניסטישער דערציאונג. מייער האָט געבעטן א וואָרט.

— כאווײרים! איך האָב שוין עטלעכע מאָל געשמועסט מיטן סעקרעטאר וועגן דער טעמע און ער בלייבט אלץ בא זיין מיינונג. אויב מיר וועלן א קוק טאָן, וואָס האָט מארקס געזאָגט, וועלן מיר זעען פאָלגנדעס:

„גאָר דער גרייזט ניט, וועלכער טוט גאָרנישט”. דער סעקרעטאר האָט זיך טויע געווען און איך וועל דערווייזן, אז דאָס זיינען געווען ניט מיינע ביר-פלעש-לעך, און אומזיסט מיינט איר, אז איך האָב געטרונקען. גייט פרעגט דעם אָפיציאַנט, וועט ער אייך זאָגן.

— וואָס מאָלט ער — האָט זיך דערהערט א געלעכטער.

— „אָט טייוולאָנים גלויבן ניט”, — האָט מייער געטראכט און פאַרגעזעצט.

— אז איך בין געקומען אין ביר-שענק האָב איך דעם סטאטוט און פראָגראם ניט פארגעסן...

דער סעקרעטאר איז אויפגעשפרונגען פון אָרט, א קוק געגעבן אַף מייערן און א געשריי געטאָן — טראָג זיך אָפּ צו אלדע רוכעס — גיי שלאָף זיך פריער אויס.

און מייער איז ווידער אוועק א פארביטערטער און א ניט פארשטאנענער.

נו, זאָגט אליין, ווי פארשטייט מען אים טאקע ניט?

פּ. סיטאַ

אַ קוטשמע

אַף דער רווישיקער יעקאַטערינאָסלאַווער גאַס האָט מיר אַ גאַסן-יאַטל אונטער-געשטעלט אַ פיסל.

— וואָס, דערקענסט ניט?

כ'האָב אים דערקענט, דאָס איז מיין כאַווער כאַיעמקע שוסטריק. אין די הונ-גער-יאָרן האָבן מיר ביידע ארומגעוואַנדערט אין די וואַגאָנען-אונטערקעסטלעך.

מיר זיינען געווען אין לאָזאָוואַיאַ און אין מאָסקווע, אין ריבינסק און אין קיעוו, אין כאַרקאָוו און אין טאַמבאָוו. וואָס געשנאָרעט — געטיילט זיך אַף דער העלפט. וואָס צוגעשלעפּט — איניינעם געהוליעט. קלעפּ אויך באַקומען צוזאַמען.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַ אַ גרויסער גאָרקיך און זיך אָנגעשפּאַרט אַף דער וויטרינע. אַפן דיקן גלאָז האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זיין שפּילעוודיקער פּאָנעם מיט די קליינע, קאָסע, כינעזישע אויגעלעך און די קוטשמע געקרייזלטע האָר. אַ קאָסטיום האָט ער געטראָגן אַן עקסצענטרישן.

אַף מיין פראַגע, ווי אזוי לעבט זיך אים, האָט ער אויסגעשאָסן:

— — אַ שליכע זאָל איך זיין, אייב סע מיר שלעכט! גאַנץ עסעסעריע בין איך אויסגעפאָרן. אַפילע באַ לעגינען אין מאַוואָליי געווען, וו-וואָאָ!

ער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן מיט ביידע הענט אין ביידע פּאַכוועס און אַ שפּיי געטאָן דורך די ציין אַן אַ וייט:

— מיינסטו, כ'עס אַוודע גאָרנישט? כ'האָב קיין גראָשן געלט נישט? פייגן דיר מיט מאָן, אָט! — אילוסטרירט זיינע רייד האָט ער מיט צונויפגעפלאָכטענע צוויי מיט אַ האַלבן פינגער און צוגעטראָגן מיר די מאַטאָנע צו דער נאָז — וו-וו-אָ-אָ!

אָבער באַלד האָט זיך אַף זיין פּאָנעם אויסגעגאָסן אַ טרויעריקע מינע, די שפּילעוודיקייט איז אָפּגעשוואומען. די אויגעלעך האָבן זיך אין דער ערד איינגע-גראָבן. כ'האָב דערפילט, אַז ער האָט מיר עפּעס געוואָלט איבערגעבן אַ טיפן איינ-דרוק פון זיין לעבן, וואָס האָט אים אַ שטיק צייט געשטיקט.

— אַזוי ווי מיין מוטער איז געשטאָרבן, איז, דאַכט זיך, קיין איין מענטש ניט געשטאָרבן, ווי זי. דאָס איז נאָך גאָרניט, וואָס פון הונגער — ווינציק מענטשן זיינען דען דאָן פון הונגער אויסגעגאַנגען? זי איז געשטאָרבן אַ פארשאָטענע פון קאָפּ ביז די פיס מיט ליין, ווי אַ וואָרצל פון אַ דעמב איז באַשאָטן מיט מוראַשקעס... און פון איר האָט געעקלט און געשטונקען, ווי פון אַ געפייגערטער קליאַטשע... און ווען

ס'זיינען געקומען די אַלטיטשקע טאַכויכים-נייערנס אין זייערע ווייסע טשיפּקעס, האָט זיך מיר דאַן געוואָלט אַ געשריי טאָן אַף זיי:

— היי, באָבעס, טשעפּעט ניט מיין מאמען! מע קאָן זי אַזאַ לייזיקע אָן ווייסע מאַטיעס אין גרוב אריינוואָרפן!..

— אַפן אַנדערן טאָג, געדענק איך, איז געקומען א מענטש אין אַ אָפּגעריבענער לעדערנער קורטקע, אַ כאַפּ געטאָן דעם לייזיקן מעס אַף די פּלייצעס, ווי אַ טרעגער א קאַסטן, און אריינגעוואָרפן אים אין אַ שליטן, וואו ס'זיינען געלעגן נאָך צענדליקער מייסים, באַדעקט מיט איין ראָגאָזשע. אַפן בעסוילעם האָט מען זיי אַלע אַריינגעוואָרפן אין איין גרויסער און טיפער גרוב...

און ווען ער האָט שוין מיר דערציילט דאָס סאַמע אָנגעווייטיקסטע פון זיין לעבן, האָט זיין פּאָנעם זיך ווידער צעשפּילט, די קאָסע אויגעלעך זיינען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן, און ער האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבער דער פּלייצע.

— ברענט עס אלץ אַפן פייער, וואָס געווען, וועט שוין, ברודערקע, מער ניט זיין! עמעס זאָג איך?

און ער האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן:

— זומער, ברודערקע, איז גוט! בעסער דאַרף איך ניט! איך לויף מיר אַרום איבערן מאַרק מיט מיין שטעקעלע און כ'ווייס פון גאָרניט. אַפן שפּיץ פון שטעקעלע האָב איך אַרויפגעקלאַפּט א דין צוועקל, קעדיי איך זאָל קאָנען אַראָפּציען פון די פורן און אפילע פון די טישלעך אויך... איך דאַרף זיך גאָר לאַנג ניט מאַטערן אַף דעם. ווי פיש כאַפּ איך עס, ניש ווי איך גאַנווע גאָר, ווו-ווו-אָ!

נאָר איינמאָל האָבן מיך הענדלערקעס געפּאַקט, ווען כ'האָב באַ איינער צוגעשלעפּט פון דער סקאָוואָראָדע א הייסן קאָטלעט פון פערדן-פלייש. האָבן זיי זיך אַלע אַרופגעוואָרפן אַף מיר און גענומען קנייפּן און שלאָגן מיט וואָס ס'איז נאָר צו דער האַנט געקומען. די הענדלערקע האָט אַרויסגעריסן באַ מיר דעם קאָטלעט און צעמאַזשעט מיר די גאַנצע צורע, אַזוי, אַז איך בין דערנאָך עטלעכע טעג אַרומגעגאַנגען מיט אַן אָפּגעבריטן פּאָנעם...

און אזוי יעדן טאָג: אין קעשענע קיין גראָשן געלט ניטאָ, און אפן לייב בלויע פּאַסן, און אונטער די אויגן—גרויסע „לאמטערנעס"...

האָב איך געביטן מיין „פּראָפעסיע" אַף א טרעגער. כ'פלעג אונטערטראָגן פון מאַרק די אידענעס זייערע קאָשיקעס מיט ציבעלעס, קאַרטאָפל און בוריקעס, און זיי פלעגן מיר זערפּאַר באַצאָלן. אייניקע פלעגן מיר נאָך אריינפירן צו זיך אין שטוב און געבן עפּעס אָפּעסן. פלעג איך זיי טאַקע באַדאַנקען דערפּאַר און טאָמיד עפּעס צושלעפּן אין פעדער-צימער...

אָבער איינער א אידענע בין איך זייער געפעלן געוואָרן. אָט, יאָלקי פּאַלקי! האָט זי מיר עס גענומען בעטן:

— קום אריין אָפטער, אינגעלע...

פלעג איך קומען צו איר „צו גאַסט" (דאָס הייסט אָפּאַכלען און אוועקגיין...)

זאָגט זי מיר איינמאָל:

— כאַימקע, אויפנייען דיר אַ פּאָר הויזן?

— נייט,—זאָג איך איר,—פאַרוואָס ניט? (עס קאָסט מיר עפּעס?) — נאָר אויב איך זייט שוין יאָ אַזאַ וואוילע מומע—מאַך איך צו איר (ווי געפעלט דיר די מומע, אָט, יאָלקי פּאַלקי!), — טאָ בעט איך אייך, נייט מיר שוין אויף א פּאָר „קליאָש“ מיט צוויי קעשענעס פון פאָרנט... האָט זי מיר טאַקע אויפגענייט. אָט, יאָלקי פּאַלקי! נאָר פון עפּעס אַן אַלטער קאָלדרע... בין איך מיר ארומגעגאַנגען אין מיינע נייע „קליאָש“, די הענט אין די קעשענעס, ווי א פּאַטראָס!

איינמאָל האָט זי מיר אַליין אין שטוב איבערגעלאָזט, כ'טו זיך א קוק ארום און כ'זע א שיינע ווינטערדיקע היטל אפן הייגער, א קוטשמע! איז וואָס? לאַנג קוקן, ווען נאָך די אויגן אָנהויבן ווי טאָן... האָב איך טאַקע לאַנג ניט געקוקט. אַ כאַפּ געטאָן די קוטשמע אין בוזים ארײַן און גענומען די פיס אף די פּלייצעס...

אין הויף האָט מיר באַגעגנט איר שאָכן און ליבלעך אָפּגעשטעלט.

— וואוהין לויפסטו עס אַזוי, כאַימקע?

— אַזוי...

עפּעס האָט ער אָנגעהויבן צופיל זשמורען מיט די אויגן און אויסגעגלאָצט אַף מיר זיינע פיר אויגאַנעס — (ער איז געגאַנגען אין ברילן).

— וואָס איז בא דיר אין בוזים, כאַימקע?

— ?! —

און פלינק הינטערן טויער, ווי אַ קאַץ, ווען שקאָצים יאָגן זיך נאָך איר און ווילן איר עפּעס אָפּטאָן א שפּיצל.

ער נאָך מיר:

— כאַפּט אים!!!

נו, מע האָט מיך טאַקע יאָ געכאַפּט. איז, מיינסטו, עפּעס געטאָן? זאָל נאָר עמעצער כאָטש מיט אַ פינגער פּרואוון אַ ריר טאָן... נאָר זי, די פּיראָזשיקע מאַלפּע, האָט מיך באַליידיקט ביזן טויט.

— כאַוועער מיליציאָנער, — מאַכט די מאַלפּע,—נעמט בא אים אָפּ די קוטשמע און טשעפּעט אים ניט, ווייל דאָס איז דאָך אַ קראַנק קינד, א דעפעקטיוועער. ער איז קראַנק אף קלעפּטאָמאַניע, איר פאַרשטייט? — און אויסגעגלאָצט זיינע פיר אויגאַנעס...

האָב איך עס אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיין און געטראָפן אין אַלע זיינע פיר אויגן.

— דו ביסט גיכער דעפעקטיוו, איידער איך, פּיראָזשיקע מאַלפּע...

קיינער האָט מיך ניט געכאַפּט. אָבער איך וועל אים יאָ כאַפּן. כ'וועל אים דער-האַרגענען אַפן אָרט! אַ שליוכע וועל איך זיין, אויב איך וועל אים ניט דערהרגע-נען! אַ קראַנק קינד... דעפעקטיוועער... אין זיין מאַמען אַריין...

כ'האָב ניט באַוויזן זיך ארומקוקן, איז שוין דער העלד פון מיין דערציילונג געזעסן אף א בופער פון טראַמוואַי, און ס'האָט אים געטראָגן צום רוישיקן וואָקזאַל...

יאשע זעלדין

אַ פישער-ליד

טראָג אים אָפּ צוריק אַהיים דעם גאָטעלע דעם דאַרן,
דעם פּליכעוואַטן קאַרליקל, דעם הייליקן מיקאָלקע.
ער וועט מיך ניט באַהיטן, ניט באַשיצן פון געפאַרן,
דער יאַם וועט אים ניט הערן מער, דער יאַם וועט אים ניט פאָלגן.

טראָג אים אָפּ אַהיים צוריק און זאָג דיין אַלטער מאַמען,
ניטאָ אים וואו צו לייגן און ניטאָ אים וואו צו שטעלן.
און טאָמער וואָלט נאָך זיין פאַר אים א ווינקל אַ גערעמער,
וועלן אים די ברידער פאַר אַ רייזנדער ניט וועלן.

טראָג אים אָפּ צוריק אַהיים און זאָג דיין אַלטן טאַטן,
מיקאָלקע איז קיין שטורמאַן ניט און איך בין ניט קיין יונגע...
און זאָל ער דאָרט ניט צאָרענען, וואָס איך האָב אים פאַרראַטן,
וואָס איך האָב מיין נעשאָמעלע דעם וואַסער-שעד פאַרדונגען.

טראָג אים אָפּ צוריק אַהיים אין פישער-דאָרף אין גרויען,
און זאָג די אַלטע פישער אָן און זאָג זיי זאָלן הערן.
אַז ווער עס וועט זיין שיפעלע דעם גאָטעלע פאַרטרויען,
דער וועט זיך אַהיים צוריק פון יאַם שוין מער ניט קערן.

א. סטרעליץ

אַ לעוואַיע

געשטאָרבן איז דאָס אַלטע —
„באָרוך דאַיאַן עמעט“
אַפילע קאָמפּרעסן קאַלטע
לייגן איז שוין שפּעט.

גייט נאָך דער לעוואַיע
אַן אוילאָם סאַמע פּניי —
דאָס מעלאַמעדל רעב שמאַיע
און דער שטאָט-גוויר לאַמצעדריי.

רעב מענדעלע דער גאַבע
ט׳געשאָנקען ליכט אַ פונט.
געשאָנקען אַדעראַבע —
נאָר העלפן — ווי דעם הונט.

און באַגראָבן אָן קאַטאָוועס
איז דאָס אַלטע טיף און שטאַרק;
ניט צדאָקע טאַצל מימאָוועס,
נאָר — אַראָפּ פון מאַרק.

אינסצעניר׳ונגען

רובינשטיין

לעבין

(ליטמאָנטאַזש)

(אַ פאַבריק. קיין דעקאָראַציעס ווערן ניט געמאַכט, די סצענע ווערט באַשטעלט מיט גרעסערע און קלענערע קאַסטנס, קעסטלעך, טרעפלעך און לייטערס. זיי שאַפן אַ גאַנצע ריי פלאַכן, העכער, נידעריק א. א. וו. אַלע אַקטיילנעמער זיינען אָנגעטאָן אין פּראָסטע אַרבעטער-קאָסטיומען. דער פוסטער-רוים ווערט פאַרפילט מיט שפּאַגאַט-איבערפלעכטונגען, וועלכע שאַפן דעם איינדריק פון דראָטן און טראַנסמיסיעס, ווייל דעריקער איז דאָ ניט די דעקאָראַציע, נאָר די דינאַמיק. באַם עפענען דעם פאָרהאַנג, ווערט באַוויזן די גאַנצע פאַבריק מיט אַלע אַרבעטער אין פולן גאַנג. קיין עמעסע מאַשינעס און אַרבעטער-מאַכשירים דאַרף מען ניט, יעדער אַרבעטער פילט אויס געוויסע פאָרמען פון אַרבעטס-פּראָצעסן: איינער שלאָגט מיטן האַמער, דער צווייטער דרייט די ראָד א. א. וו. אין מאַסן-אינסצעניר׳ונג איז זייער געוואונטשן און צוועקמעסיק אַריינפירן אַן עקראַן מיט אַ געהעריקן פּראָזשעקטאָר און ליכט-אַפּאַראַט, וואָס זאָל קאָנען אַרויסוואַרפן פון צייט צו צייט לאָזונגען, צייכענונגען און בילדער. דאָרט, וואו ס׳איז ניטאָ קיין ליכט-אַפּאַראַט, קאָן אויסגענוצט ווערן אַ פּראָסט-טאָוול, וואָס דרייט זיך ארום זיין אַקס. אַ כאַווער, וואָס איז באַהאַלטן אונטערן טאָוול הענגט אויף באַצייטנס און אומבאַמערקט לאָזונגען, דערנאָך ווערט איבערגעדרייט דער טאָוול, דער לאָזונג שווימט אַרויס פאַרן פובליקום. אין דער צייט ווערט אף דער פרייער זייט אָנגעהאָנגען אַ צווייטער לאָזונג, באַם ווייטערדיקן איבערדרייען דעם טאָוול דערזעט דאָס פובליקום אַ נייעם לאָזונג, דער כאַווער נעמט דערווייל אַראָפּ דעם אַלטן לאָזונג און הענגט אויף נאָך אַ נייעם א. א. וו.)

דער פאָרהאַנג עפנט זיך באַ דער רייך באַלויכטענער בינע, אַרבעטער אין מונטערער שטימונג אַרבעטן און זינגען:

„אין דער קוזניע באַ דעם פייער
שטייט אַ שמידער און ער שמידט,
ער קלאַפּט דאָס אייזן — פונקען פייער שפּריצן
און ער זינגט דערביי אַ ליד.

הינטער דער סצענע הויבט אָן וואַקסן אַ געמורמל פון אַ מאַסע; אַ פרייער טויב דערנאָכדעם העכער און שטאַרקער וואַקסט דער טומל ביז ס׳ברעכט אויס אַן אויסגעשריי פון אַן אָנגעקומענעם אַרבעטער:

— הערט! לענין איז געשטאָרבן!

די פאַבריק שטעלט זיך גלייך אָפּ. די אַרבעטער טוען זיך אַ וואָרף פון זייערע ערטער, ס׳ווערט פולשטענדיק פינצטער, אין דער פינצטער דערהערן זיך לאַנג-דויערנדיקע פאַבריק-פייפן (דאָס קאָן מען גרינג דער-

גרייכן דורך אַ דויערנדיקן אַקאָרד אַף א פּיסהאַרמאָניע). אויך אין דער פינצטער דערהערט זיך א שטאַרקער, הויכער און זיכערער קאָל:

— „צו דער פּאַרטיי! צו אַלע אַרבעטער!“

פון איצט אָן טראָגט זיך אַריבער די האַנדלונג פון בינע אין זאַל גופא. צווישן דעם אוילעם זיינען צעשאָטן אַסאַך אַרטיסטן, און יעדער האָט אויסגעלערנט זיין רעפּליקע. נאָר זיי זיצן דערווייל ווי צושוויער צווישן דעם אוילעם אַזוי, אַז יעדער כאַווער, וואָס שרייט אויס זיין רעפּליק, געפינט זיך זייער ווייט פון דעם כאַווער, וואָס האָט געזאָגט די פריערדיקע רעפּליק. אַזוי באַקומט זיך אַ קרייץ אויסגעשריי פון אַלע עקן זאַל. באַם אויסגעשריי שפּרינגט יעדער כאַווער אויף פון זיין אָרט, שטעלט זיך אפּן באַנק און ווענדט זיך צו דער גאַנצער אאודיטאָריע.

עס ווערט ליכטיק. אַף דער בינע שטייט אַן אַרבעטער און מעלדעט טרויעריק, נאָר שטאָלץ:

„דעם איינאונצוואַנציקסטן יאַנואַר 1924 י. האָט פאַרענדיקט זיין לעבנס-וועג כאַווער לענין. עס איז געשטאָרבן דער מענטש, וואָס האָט געגרינדעט אונזער שטאָלענע פּאַרטיי, וואָס האָט זי פון יאָר צו יאָר אויסגעבויט, וואָס האָט זי געפירט אונטער די קלעפּ פון צאַריזם, וואָס האָט זי געלערנט און פאַרהאַרטעוועט אין ביטערן קאַמף מיט די פּאַרטייען פון אַרבעטער-קלאַס, מיט די וואַקלדיקע, מיט די איבערלויפער.

אַ קאָל: (פון צווייטן עק זאַל שרייט אויס.)

עס איז געשטאָרבן דער מענטש, וואָס אונטער זיין אָנפירונג האָבן די אומצעברעכבאַרע רייען באַלשעוויקעס זיך געשלאָגן אין 1905 יאָר, זיינען אָפּגעטראָטן אין צייט פון רעאַקציע, האָבן ווידער אָנגעגריפן, זיינען געווען אין די ערשטע רייען קעמפער קעגן דער זעלבסטהערשונג, האָבן באַוויזן אָנטבלויזן, צעברעכן, אַראָפּוואַרפן די הערשאַפט פון די מענשעוויקעס און עסערן.

אַ קאָל: עס איז געשטאָרבן דער מענטש, וואָס אונטער זיין אָנפירונג האָט דער פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד אַראָפּגעוואָרפן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע און האָט גענומען די מאַכט אין זיינע אייגענע הענט.

אַ קאָל: עס איז געשטאָרבן דער גרינדער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל!

אַ קאָל: דער אָנפירער פון אַלוועלטלעכן קאָמוניזם!

אַ קאָל: די ליבע און שטאָלץ פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט!

אַ קאָל: די פאָן פון אונטערדריקטן מיזרעך!

אַ קאָל: דער פירער פון אַרבעטער-דיקטאַטור אין רוסלאַנד!

אַ קאָל: קיינמאָל האָט נאָך די געשיכטע פון דער גרויסער באַפרייאונג-באַוועגונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט ניט אַרויסגערוקט אַזאַ גיגאַנטישע פיגור, ווי אונזער פאַרשטאָרבענעם פירער, לערער און פריינט.

אַ קאָל: אומשרעקיקער מויעך.

אַ קאָל: אייזערנער איינגעשפּאַנטער ווילן!

אַ קאָל: הייליקער האַס!

אַ קאָל: האַס ביז טויט צו קנעכטשאַפט און אונטערדריקונג!

אַ קאָל: רעוואָלוציאָנערע ליידנשאַפט, וואָס באַוועגט בערג!

אַ קאָל: גוואַלדיקער אָרגאַניזיר-געני!

אַ קאָל: דאָס אַלץ האָט געפונען די שענסטע פאַרקערפּערונג אין לענינען, וואָס איז געוואָרן דער סימוואָל פון אַ נייער וועלט, פון מיזרעך ביז מײַרעוו, פון צאָפן ביז דאָרעם.

אַ קאָל: ס'איז ניט געוועזן און ס'איז ניט פאַראַן נאָך אַזאַ מענטש, וואָס זאָל אַזוי טיף זיין איבערגעגעבן זיין זאַך, ווי לענין, וואָס האָט זיין פּראַכטפול לעבן אַוועקגעגעבן דער פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט און דער קאָמוניסטישער רע-וואָלוציע.

אַ קאָל: ס'איז ניט געוועזן און ס'איז ניט פאַראַן נאָך אַזאַ מענטש, וואָס זאָל האָבן אַזאַ טיפסטן געפיל פון זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי ער.

אַ קאָל: דער אומענטשלעכער, ריזיקער דאָרשט צו אַרבעט, דער אומערמידלעכער קאַמף און דער אומראַכמאָנעסדיקער אויסבערענג פון ענערגיע האָבן אונטערגעבראָכן אָט דעם גיבער-אָרגאַניזם און פאַרלאָשן אַף אייביק דאָס לעבן פון געליבטסטן פון אונזערע ליבע — פון אונזער איליאיטש.

ס'ווערט פינצטער. אַף דער בינע ווערט באַלויכטן נאָר איין פּאָנעם פון אַ כאַווערטע, וואָס לייענט שטיל און טרויעריק דאָס ליד פון איזי כאריק:

„היינט וועט קיינער ניט פאַלן מיט קני צו דער ערד
פאַר נאָענטע, בלוטיקע טראָפּן.
יעדעס וואָרט ווי אַ שניט,
יעדער קרעכץ — ווי אַ שווערד
איבער שטעט און אַף קעפּ פון אייראָפּע.

וועט דורכגיין אַ טאָג און וועט דורכגיין אַ נאַכט
וועט דורכגיין אַ דאָר, אַ יאָרהונדערט —
און וועט מען דערציילן: אָט דאָ, אַף דער וואַך
האָט ער, אַזאַ שטאָלצער געדונערט.

איינאונצוואַנציקסטער יאַנוואַר, פיראונצוואַנציקסטער יאָר
אַ געשריי און אַ שניט איבער לענדער —
אַ שטרענגער, אַ בלוטיקער וואָר
פאַרגייט אין אַ העלער לעגענדע.

(די כאַ'ווערטע פאַרשווינדט אין דער פינצטער, ס'ווערט צוריק ליכטיק)

אַ קאָל: אָבער דער פיזישער טויט איז ניט דער טויט פון זיין זאַך.

אַ קאָל: לענין לעבט אין דער נעשאָמע פון איטלעכן מיטגליד פון אונזער פּאַרטיי.

אַ קאָל: איטלעכער מיטגליד פון אונזער פּאַרטיי איז אַ קליינער טייל פון לענינען.

אַ קאָל: אונזער גאַנצע קאָמוניסטישע מישפּאָכע איז די פאַרקערפּערונג פון לענינען.

אַלע אַרבעטער, וואָס זיינען אַף דער בינע: לענין לעבט אין האַרצן פון איט-לעכן אַרבעטער!

אַ קאָל: לענין לעבט אין האַרצן פון איטלעכן פּויער!

אַ קאָל: לענין לעבט אין די הערצער פון מיליאָנען קאָלאָניאַלע קנעכט!

אַ קאָל: אונזער פּאַרטיי וועט מיט אייזערנע טריט אַוועק פאָרויס, ווייל זי איז די לענינישע פּאַרטיי.

אַ קאָל: ווייל זי איז דערצויגן און פאַרהאַרטעוועט אין שלאַכטן.

אַ קאָל: ווייל אין אירע הענט געפינט זיך די צוואָע, וואָס כ׳ לענין האָט איבערגעלאָזן.

אַ קאָל: קעגן אַלוועלטלעכן בונד פון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן וועלן מיר בויען אונזער בונד פון אַרבעטער און פּויערים, דעם בונד פון אונטערדריקטע פעלקער.

אַ קאָל: מיט פעסטע פיס שטייען מיר אַף דער ערד. אונזער לאַנד אונטער דער מאַכט פון די אַרבעטער לעבט אויף און קוקט דרייסט אין דער צוקונפט.

אַ קאָל: אַרום אונזער פלאַמיקער פאָן קלייבן זיך מיליאָנען.

אַ קאָל: דער טויט פון אונזער לערער — אָט דער שווערער קלאַפּ וועט נאָך שטאַרקער באַהעפטן אונזערע רייען, מיר גייען אין מאַרש קעגן קאַפּיטאַל, און קיין שום קראַפט אין דער וועלט וועט ניט זיין בעקויעך צו שטערן אונזער ענדגילטיקן ניצאָכן.

דער כאָר-קרייז, וועלכער זיצט אויף זײן פּובליקום, הויבט אָן שטיל זינגען דעם טרויער-מאַרש: „אַ קאָרבן געפאַלן״. אַלע שטעלן זיך אויף. אויב ס׳איז דאָ אַן אָרקעסטער נעמט ער אויך אַן אנטייל.

דאָס גאַנצע פּובליקום שטייט אויף און זינגט מיט. ס׳ווערט באַלויכט דער טאָוול, וועלכער דרייט זיך אויס לאַנגזאַם — עס דערשייגט אַף א גרויסן פלאַקאַט דער בילד: לענין אין יאָרן. דער טאָוול ריירט זיך זייער לאַנגזאַם און צום ענדע ליד ווערט פאַרשוואונדן אויך דאָס בילד. מע זעצט זיך.

די אָנגעשטרענגטע שטילקייט רייסט איבער אַ מיליטערישער טרומייט, וואָס בלאָזט אַלאַרם זייער שטאַרק. עס באַווייזט זיך אַף דער סצענע א רויט-אַרמייער אין פולער אַמוניציע, ער האַלט אין איין האַנט א רופאָר, אין דער צווייטער האַנט האַלט ער דעם באַפעל פון רעוואָלוציאָנערן מיליטערישן ראַט. דורך דעם רופאָר לייענט ער לאַנגאַם און זיכער:

באַפעל

פון רעוואָלוציאָנערן מיליטערישן ראַט פון ראַטן-פאַרבאַנד

22-טער יאַנוואַר, 1924 יאָר, נום. 39.

היינט, דעם 22-טן יאַנוואַר 1924 יאָר, האָט דאָס ראַטן-לאַנד, די רויטעאַרמיי און פלאָט מיט גרויסן טרויער זיך דערוואוסט וועגן פּלוצלונגדיקן טויט פון פירער פון אַלוועלטלעכן קאָמוניזם — וולאַדימיר איליטש לענין.

די אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע האָט פאַרלאָרן איר געניאַלן פירער און די אַרבעטער און פּויערים מאַסע פון ראַטן-פאַרבאַנד — זייער בעסטן פריינט און כאַווער. שטייענדיק פאַר אָט דעם שווערסטן פאַרלוסט, ווענדעט זיך דער רעוואָלוציאָנערער מיליטערישער ראַט פון ראַטן-פאַרבאַנד צו דער גאַנצער אַרבעטער-פּויערשער רויטער-אַרמיי און רויטן-פלאָט מיטן רוף, מיט נאָך מער פעסטקייט און וואַקלדיקייט שטיין אַף דעם שווערן פּאָסט פון ערשטן באַשיצער פון די דעראָבערונגען פון דער גרויסער אָקטיאַבר-רעוואָליוציע. אַלע רויטאַרמייער, קאָמאַנדירן, קאָמיסאַרן און מיליטערישע יאַם-לייט באַפעלט דער

רעוואָלוציאָנערער מיליטערישער ראַט אָפּהיטן די רעוואָלוציאָנערע דיסציפּלין, מיט רעוואָלוציאָנערע מונטערקייט הויבן דעם מעכטיקן גייסט פון דער רויטער-אַרמיי און רויטן-פלאָט.

די רויטע-אַרמיי און רויטער-פלאָט בלייבנדיק געטריי די געבאָטן פון איליטשן, זיינען אַ מעכטיקער שטיצפּונקט פון דער ראַטן-מעלוכע און אַ דראָאונג פון די פילצאָליקע סאָנעם זיינע!

פון פּובליקום רייסט זיך אַרויס איינער אַף דער בינע און שרייט אויס:

— זאָל לעבן די רויטע-אַרמיי!

ס'לויפן אַרויף נאָך כאַווײַרים אַף דער בינע, הויבן אויף דעם רויטן-אַרמייער מיט אויסגעשרייען:

זאָל לעבן די רויטע אַרמיי—די שוץ פון דער ראַטן-רעפּובליק!

(דאָס גאַנצע פּובליקום נעמט אײנטײל אין דער אָוואַציע)

ס'לויפט אַרויס אַף דער בינע אַ כאַווער מיט אַ פלאַקאַט אין האַנט. דער פלאַקאַט איז ניט פון פּאַפּיר, נאָר פון פאַניער-האָלץ און זיצט אַף אַ הילצערנעם לאַנגן הענטל. ער שרייט אויס:

— פאַרלאָזנדיק אונז, האָט דער כאַווער לענין אונז פאַרזאָגט האַלטן הויך און אָפּהיטן ריין דעם גרויסן נאָמען פון אַ מיטגליד פון פאַרטיי. מיר שווערן, כאַווער לענין, אַז מיר וועלן ערלעך אויספילן דיין געבאָט. ענטפערן כאַווײַרים!

— מיר שווערן דיר, כאַווער לענין!

צום אָנהויב דאַרפן זיין עטלעכע איניציאַטאָרן פון פּובליקום, וועלכע ענטפערן, נאָכדעם ווערט שוין אַריינגעצויגן דער גאַנצער זאַל און באַ די ווייטערדיקע שוואוּעס נעמט אנטייל דאָס גאַנצע פּובליקום. אַף דעם פלאַקאַט, וואָס באַם כאַווער אין האַנט, און וועלכן ער האַלט פאַר זיך, איז אָנגעמאָלט אין סטיל פון פלאַקאַט דער אינהאַלט פון זיין שוואוּע, צום ביישפּיל: אַף דעם ערשטן פלאַקאַט איז אָנגעמאָלט אַן אַרבעטער מיט דער האַנט געהויבן, ווי באַ אַ שוואוּע. גלייך לויפט אַרויס אַ צווייטער כאַווער מיט אַ צווייטן פלאַקאַט, אַף וועלכן ס'איז אָנגעמאָלט, צום ביישפּיל, אַ פאַרטיי-בילעט. ער רופט אויס:

— פאַרלאָזנדיק אונז, האָט אונז דער כ' לענין פאַרזאָגט אָפּהיטן ווי די שוואַרצאַפּל פון אויג די איינִיקייט פון אונזער פאַרטיי. מיר שווערן דיר, כאַווער לענין, אַז מיר וועלן ערלעך אויספילן אויך דעמדאָזיקן געבאָט דיינעם. ענטפערט אַלע!

אַלע: מיר שווערן דיר, כאַווער לענין!

ס'לויפט אַרויס אַ דריטער. אַף זיין פלאַקאַט איז אָנגעמאָלט אַ שטאַרקע אַרבעטס-האַנט, וואָס האָט אַראָפּגעלאָזן אַ שווערן האַמער איבערן קאָפּ פון אַ בורזשוי:

— פאַרלאָזנדיק אונז, האָט כ' לענין אונז פאַרזאָגט אָפּהיטן און פאַרשטאַרקן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. מיר שווערן דיר, כ' לענין, אַז מיר וועלן אָפּגעבן אַלע אונזערע קויכעס און אָרנטלעך אויספילן אויך דעמדאָזיקן געבאָט דיינעם. ענטפערט, כאַווײַרים:

אַלע: מיר שווערן דיר, כאַווער לענין!

אַ פערטער לויפט אַרויס — אַף זיין פלאַקאַט — אַן אַרבעטער און פּויער גיבן איינער דעם צווייטן די האַנט אונטער אַ סערפּ און האַמער:

— פאַרלאָזנדיק אונז, האָט כ' לענין אונז פאַרזאָגט צו פאַרשטאַרקן מיט אַלע קויכעס דעם בונד פון אַרבעטער און פּויערים. מיר שווערן דיר, כאַווער לענין, אַז מיר וועלן ערלעך אויספילן דעמדאָזיקן געבאָט דיינעם. ענטפערט, כאַווײַרים!

אַלע: מיר שווערן דיר, כאַווער לענין!

דער פינפטער לויפט אַרויס מיט אַ פּלאַקאַט, אויף וועלכן ס׳זיינען אָנגעמאָלט די גרענעצן פון ס.ס.ס.ר.:

— פאַרלאָזנדיק אונז, האָט דער כ׳ לענין אונז פאַרזאָגט צו פאַרשטאַרקן און פאַרברייטערן דעם בונד פון די רעפּובליקן. מיר שווערן דיר, כאַווער לענין, אַז מיר וועלן אויך דעמדאָזיקן געבאָט דיינעם. ענטפערט, כאַוויירים!

אַלע: מיר שווערן דיר, כאַווער לענין!

דער זעקסטער (אויף פּלאַקאַט איז אָנגעמאָלט אַ רויט-אַרמייער מיט אַ ביקס):

— פאַרלאָזנדיק אונז, האָט כ׳ לענין אונז פאַרזאָגט, אַז מיר זאָלן פאַרשטאַרקן און אויסבעסערן דעם צושטאַנד פון דער רויטער-אַרמיי. מיר שווערן דיר, כ׳ לענין, אַז מיר וועלן אָפּגעבן אַלע אונזערע קויכעס און אויספילן דיין געבאָט. ענטפערט, כאַוויירים!

אַלע: מיר שווערן דיר, כאַווער לענין!

דער זיבעטער: (אויף פּלאַקאַט דער ערדקויל מיט פּענעמער פון פאַרשיידענע ראַסן, ווייסע, שוואַרצע, געלע):

— פאַרלאָזנדיק אונז, האָט דער כ׳ לענין געהייסן אונז געטריי זיין די פּרינציפּן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. מיר שווערן דיר, כאַווער לענין, אַז מיר וועלן אויסקלייגן דאָס לעבן און פאַרשטאַרקן און פאַרברייטערן דעם בונד פון די אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט — דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ענטפערט, כאַוויירים!

אַלע: מיר שווערן דיר, כאַווער לענין!

עס שטעלן זיך זיבן פּלאַקאַטן-טרעגער לענג אויס דער ראַמפּע מיטן פּאָנעם צום פּובליקום אין דער ריי, פאַר זיך האַלטן זיי אויף איין הויך אַלע זיבן פּלאַקאַטן, אַלע צוזאַמען זאָגן זיי די ווערטער:

— לענין איז געשטאָרבן, אָבער לעניניזם לעבט!

באַ דעם וואָרט „אָבער“ דרייען אַלע אויס איינצייטיק די פּלאַקאַטן און ס׳באַקומט זיך אַן אויפשריפט „לענין איז געשטאָרבן, אָבער לעניניזם לעבט!“ אויף דעם ערשטן פּלאַקאַט פון דער צווייטער זייט איז מיט גרויסע אויסעס אָנגעשריבן „לענין“, אויפן צווייטן „איז“, אויפן דריטן „געשטאָרבן“ א. א. וו. און אויפן זיבעטן דריי אויסגעשריי צייכנס אויף אזא אויפן:



אַלע זיבן פּלאַקאַטן-טרעגער טרעטן אָפּ אין הינטער-גרונט פון דער סצענע. ס׳דערהערט זיך ווידער אַמאָל אַ מיליטערישער טרומייט אין די הינטערשטע רייען. אין פּובליקום זיינען אויסגעזעצט פון פריער רויט-אַר-

מייער, זיי הויבן אָן זינגען אַ רויט-אַרמייאיש לידל און לאָזן זיך דורכן זאַל צו דער בינע אונטער אַפּלאָדיסמענטן פון גאַנצן זאַל. זיי שטעלן זיך אויס אױף דער בינע. פון פובליקום דאַרף ע מעצער אויכשרייען

— Здравствуйте, товарищи!

די רויטאַרמייער ענטפערן:

— Здравствуйте!

ס'דערהערט זיך אַ געקלאַנג פון פּיאָנערישן שאַלן. דורכן זאַל מאַרשירט דורך מיט דער פאָן און מיטן פּויַ דער דריאַד פון פּיאָנערן באַם ק'וב. זיי שטעלן זיך אויס אױף דער בינע. פון זאַל הערט זיך אַן אויסגע שריי: „פּיאָנערן, זייט גרייט!” די פּיאָנערן ענטפערן „שטענדיק גרייט!” פון הינטערגרוני פון דער סצענע, איבער די קעפּ פון אַלע, וואָס געפינען זיך אױף דער בינע, ווערט אויפגעהויבן אַ גרויסע מאָדעל פון כאַוועד לעניגס-מאַוזאָליי.

אויסגעשרייען פון אַרבעטער:

— פאָרויס צו דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע!

— פאָרויס צו גרויסע פאַרביטערטע קלאַסן-שלאַכטן!

— צו זיגערישע רעוואָלוציאָנערע שטורמען!

— צו דער מאַפּאַלע פון קאַפּיטאַליזם און זיג פון קאָמוניזם!

— צו שטורעמס, אין וועלכע ס'וועט אויפבליען דער פרימאָרגן פון פראָלעטאַרישן ניצחון!

דערהערט זיך דאָס זינגען, און אויב ס'איז דאָ אַן אָרקעסטער אויך דאָס שפּילן פון אינטערנאַציאָנאַל. דע אוילעם זינגט מיט. דער טאָוול, וואָס איז פון סאַמע אָנהויב געווען געשטעלט אױף דער בינע גאָר אינדע הויך, זעט זיך איצט איבער אַלעמענס קעפּ און וואַרפט אַרויס אַלץ נייע לאָזונגען:

— לענין איז דער וועגווייזער פון דער צוקונפט!

— לענין איז טויט, נאָר ס'לעבט די אַל. ק. פּ. (ב.)!

— לענינס זאַך וועט איבערלעבן דורות!

— לענין איז ניטאָ, נאָר ס'איז דאָ דער לעניניזם!

— לענין — די פאָן פון דער צוקונפט!

— לענינס האַרץ האָט געשלאָגן מיט ליבע צו אַלע אונטערדריקטע, מיט האַס — צו אַלע אונטערדריקער!

— פאָרויס צום זיג מ'ט לענינס וועג!

. יאָפע

פון כאַסלאַוויטש קיין כערסאָן

(איינאַקטער)

פערזאָנען: אַ באָבע ווי אַלע באָבעס, עטל, אַ אייניקל אַ קאָמיוגיסטקע, לייבל, אַ צווייטער אייניקל, אַ העכאַלוצניק, מאָטל דער שוואַרצער — אַ אידסעק פון צענטער, אַלטער ניט געזאָרגט — אַ שטעטלדיקער פויקער מיט אַ הויקער — אָרעם און פּריילעך, דער קאָנפּע־אַנסיע פון דער שפּיל, האָרעפּאַשניקעס, וואָס רעגיסטרירן זיך: ערשטער — אַ רעבע דאָן, צווייטער — מוישע ביילע מאַשעס, קוסטאַרן: ערשטע — אַן אַלטע מויד, צווייטער — אַ לוסטיקער שניידער מיט פּאַס און שער און בייזל אַף זיך מיט אַלע צען קינדערלעך, אַ באַלעגאָלע מיט אַ ווייב און דריי יאַטן מיט די פּיינע בייטשן אין די הענט און רייזן רעדט דער טאַטע, פּראָלעטאַריער — ערשטער האָנערדיק ווייס, וואָס עס שרייבט זיך אין די בלעטער, צווייטער — זיכער אין דער לאַגע, דריטער — אַ רוידעף־שאָלעם, מיט פּראָנזשינעס אין אַלע גלידער און פיל מיט פרייד, אַ באַלעבאַטיש קינד נאַאוו און כעגעוודיק, אַן אַרבעטלאָזער קאָלעקטיוו גייען אין פּראָנט מיט אַ פּאָרשטייער פּאָרויס. די האַנדלונג קומט פאָר אין דער באָבעס גרויסער שטוב, אַן אויוון, אַ פענצטער קוקט אין מאַרק אַריין, צוויי טירן באַ די זייטן און מיט דאָס גאַנצע קלאָפּער־געצייג פון אַ באָבעס שטוב.

ז טומל אַפן גאַס, אַ געלויף פאַרביי דעם פענצ־זער, עס דערטראָגן זיך איינציקע שטימען, אייליקע אָבער דייטלעכע ווערטער:

1 — אידן, וואוהין לויפט מען?

2 — ווייבע, וואָס קויפט מען און וואָס פאַרקויפט מען?

3 — וואו און ווען וועט מען זיך קלייבן?

4 — ווער און וועמען ט׳מען פאַר־שרייבן?

5 — זע: מע לויפט, ווי אַף אַ בייז־וואַנדער!

6 — אויסגעטראַכט אַ נייע גזיירע, לאָזן ווייבער דאָ מיט קינדער!

7 — אי, אידן, הערט נאָר ווערטער, אי, אידן, רירט זיך ניט פון די ער־טער, „איין מאָשיעך באָ“, ס׳איז נאָך ניט געקומען דער קעץ!

8 — אוי, ווער האָט זיך עס צעדאַ־בערט, א מאַגיד, צי אַ לעץ?

9 — פעטער, טראָגט אָפּ די ביינער, אַז ניט וועט איר כאַפּן טרוקענע קלעפּ מיט פייכטע פּעטש!

10 — זע, אָט גייט דער אידסעק!

11 — מאַכט אַ וואַרע, מאַכט אַ וואַרע, לאָזט אַ וועג!

12 — זע, מע האָט זיך נאָך אים געלאָזן מיט קוישן און זעק!

13 — אַ, יאָ, יאָ, דאָס גאַנצע שטעטל איז נאָך אים אַוועק.

14 — טאַטעע! מאַמעע!

(אין שטוב. באַם אויוון שטייט די באָבע אין פאר־לעגנהייט אַפן טומל)

די באָבע:

אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן
ווי פּעז ע־ן אין קישן
און ווייס ניט וואָס איז געוואָרן,
און וואָלט דאָך וועלן וויסן,
— וואָס טומלט עס אין שטעטל?
אָך, אַלטער דאָרן,
— מײלע שמייעט עטל,
וואוהין קלײבט ער זיך פאָרן?
כ׳מיין דאָס אים, מיין מוישען, זאָל געזונט זיין,
— האָט אויך אַ קראָם אין מאַרק פאַרלאָזן.
אַך, נײַע, נייע צייטן און נייע ווינטן בלאָזן.

העכאָלוצניק (פון גאַס אַריין):

— אַ גוט מאָרגן, באָבע, פאַרטיק עפּעס עסן?
— וואָס איז געווען אַמאָל, דאַרף מען הײנט פאַרגעסן, אזוי זאָגן די יעוו־סעקן, אויס פאַלעסטינע, אויס טוירע, היינט איז כערסאָן און קרים אַ סכוירע.

די באָבע (פאַרטאַראַמט באַם אויוון):

אָט, אָט, ווערט פאַרטיק עסן,
עס הייצט זיך שוין דער אויוון,
עפּעס רעדסטו ווערטער,
פּריסנע, ווי אָן הייוון.

(כאַפּט אַ בליק אין פענצטער, שפּרינגט אָפּ צע־טומלט)

— אָט זע איך לויפט שוין עטל,
ס׳וואַרפט מיך, ווי אין קאַדאָכעס,
אין אויוון וויל ניט ברענען,
זוי ווי אַף צעלאָכעס.
זי איז הונגעריק אַוואַדע,
זיינען רוי נאָך די קאַרטאָפל,
אַך, עס פאַלט מיר פון די הענט אַלץ,
פאַרלאָרן אַ פאַנטאָפל.

עטל (פון גאַס, צעפלאַמט. אין טיר הערט זיך שוין איר קאָל):

— באָבע, באָבע, עסן,
גיכער, גיכער עסן,
מע מעסט הײנט צייט מיט רענדלעך,
דער טאָג מיט נייס איז שוואַנגער.
אָבער בין איך זיך אָנגעלאָפן,
אז מיט וועמען ניט אָנגעזעען זיך,
און מיט וועמען ניט אָנגערעדט,
אַלע גלייך, ווי איינער,
גרייט צו גיין אַף ערד.
באָבע, צעריסן ט׳מען מיט הימל,
ווי מיט אַן אַלטער העמד,
ווי מיט שטעטלדיקן שימל,
קויכעס ט׳מען דערפילט,
מע גייט ניט אין דער פרעמד.
(באַגייסטערט)
— אַך ראַטן־לאנד, ביזט טייער,
ווי פאַרבן־שפּיל באגינען,
ביזט יעדערן א מאמע,
א פרישער קוואל, א ברונען.
ס׳האָט שטעטל דיך געזוכט,
ס׳האָט שטעטל דיך געפונען!
(קוקט אין פענצטער און בלייבט ווי פאַ־גאַפט)
— אָט זע איך אין פענצטער,
שלאָגט מיין האַרץ מיט האַמער,
דאָס שטעטל לויפט אים נאָך,
ווי אַ ביקל נאָך דער מאַמען,
קליין אין גרויס און אַלטע,
ברעקלעך באַ די שירצן:
— באָבע, זע אַ גדולע,
מע האָט זיך אויפגעהערט צו אירצן;
ס׳איז קלאָר, ס׳איז קלאָר געוואָרן,
אַזוי ווי אַף דער דלאָניע,
אז אַלע ווילן פאָרן
בויען אַ קאָלאָניע!

די באָבע (וואַרפט זיך צום אויוון):

— אין האַרץ ברענט, ווי אין אויוון,
עס זידט שוין ניט דער טאָפּ,
צעוואַקסט זיך אין דריי גאָרן

מיין אַלטער, אַלטער קאָפּ.
אי העלער, העלער פייער
אויסגעבּרענט ביז דעק.
וואַרט אַ ווײַלע, עטל,
גאָר ביזט אַפן וועג,
איז כאַפּ כאָטש אַ קאַרטאָפל.
— זאָג מיר, קינד, איך בעט דיך,
ווער איז ער, אָט דער שוואַרצער,
וואָס ראַק ער קושט דיך, גלעט דיך?
— געוואוסט ט'מען אַמאָל אַ כאָסן,
און היינט איז סאַקע-מאָלעץ,
איז ווייניק דיר איין אומגליק,
וויל לייבל זיין העכאָלעץ.
ער וויל אין פּאַלעסטינע,
שפּאַרט זיך איינעט מוישע,
וואָס איז, — אין קרים-כערסאָנער
סטעפּן,
זאָגט ער, — שיקן אים די גרויסע.
איז וויס איך, וואָס איז בעסער?
געזאָגט האָט מען גאָר, אַז מע
וועט נעפּן,
איז נאַ דיר אַ נייע גזיירע,
כערסאָנער, קרימער סטעפּן.

עטל (צעוואַריִעט, פּאַרקאַטשעט אין לוסטיקן געלעכטער פּאַלט צו דער אַלטער צו):

— אי באָבע, גוטע באָבע
מיט אַלטע ליבע טנועס,
וואו זיינען דיינע סגולעס,
שפּרוכן און רעפועס?
— איז ווייסטו, ווער דער שוואַר-
צער איז?
דאָס רופט מען אים אידעסק,
געשיקט ט'מען אים פון צענטר
אַהער, אין אונזער העק.
אָט בין איך אַ מאַדיסטקע,
געוואָרן אַ קאָמיוגיסטקע,
און ער איז גאָר אַ שוסטער,
אַן אַלטער קאָמוניסט.
— דאָס שטעטל איז דאָך וויסט,
אָדער דו ביזט, זאָגט ער, שיין,
האָר האָסטו אַ גאָרטן,
קוועלטס — איז מאָלע כיין.
— אָך, באָבע,
ווי טאַמעוזדיקע זונען,
ווי וואַסער פונם ברונען,
רעדט ער — גיסט זיך פלאַמען,
און אויגן — קוילן גליען!
— די פּאַרטיי וועט אַלץ אויפבויען
און פּאַר אַלעמען זיך מיען.
— הער, זאָגט ער מיר, — עטל,
— מיר האַלטן סמיטשקע מיטן
שטעטל

באָבע (צעשמאָלצן, כאַפּט זיך אויף, צעפּירט מיט די הענט):

אַלעוואַי זאָל זיין ווי בעסער,
ס'איז דאָך דאָ אַ גאַנצע וועלט —
— מיט עסער.

(דערמאָנט זיך)

— אי, איך האָב זיך גאָר פאַר-
געסן,
דעם קעלבל מיט די הינער געבן
עסן.

(ערגעץ היגטערן טיר הערט זיך, ווי די באָבע רופט די הינער, אַטו-טו-טו-טו)

עטקע (מיטן בעזעם. בלייבט אַ רעגע אינמיטן שטוב, קוקט מיט ביטל צום בעטל, וואו לייבל דער העכאָלעץ ליגט אין אָנטאָן):

— עסן, עסן, שרייט די באָבע,
גאַסן רוישן, ווי די גלאָקן,
— היי, העכאָלוץ, ליגסט און כאָ-
לעמסט,
פּראַוועסט גאָלעס אין די זאָקן?

(ראַמט, קוקט אין אויוון):

— באַלד וועט קומען אַהער דער
שוואַרצער
און נאָך אים די גאַנצע שטעטל,

— אוי, באַלכאָלעם, שטיי שוין אויפעט!
לאָז פאַרבעטן מיר דיין בעטל!

העכאָלוצניק (א צעכראַסטעטער, מיט פאַר-גלאָצטע אויגן, מיט אַ סקאַרבאָוון מאָטיוו):

— אַפן האַר האַזייסים,
גייען אום די מייסים,
מיט גאָלדענע אַטאָרעס,
אַף זיידענע טאַלייסים.
און אַ באַסקאָל רופט קדוישים, קדוישים,
צערוקן זיך קופעס ביינער,
האַנט צו נאַקן, גומען צו ציינער,
ביז אַ רויטער האָן גיט מיט די פליגל אַ פאָך,
שרייט דער שאָטן — אַ גוטע וואָך!

(עטקע גיט שטיפעריש אַ שפרונג און שפאַרט אים אַריין אַ גאַנצע קאַרטאָפל אין אָפענעם מויל. כאַ-כאַ-כאַ! — קוועלט זי. אַ רעגע בלייבט ער צע-טומלט, דערזעט זי און צעשמעלצט זיך):

— עטקעלע, עטקעלע, ווי שיין דו ביזט,
אָבער פאַרפירט, פאַרפירט אַראָפּ פון וועג.
די נאכט האָט זיך געכאָלעמט מיר:
דו שטייסט באַם יאַרדן-ברעג,
מיט ווייכע טריט אין וואַסער
אַף זילבער שוים געטראָטן,
אַף לעוואָנעס באַרג גערוט
אונטער גרינעם צעדער-שאָטן;
אַ באסקאָל, ווי אַ ווייסע טויב,
האָט, עטקע, דיר געשריען:
— וואָס פיטערסטו אַף קרימער ערד
פראָסטע שקלאָווער ציגן?!
געריסן האָט דער קאָל ביז הימל:
— אָ, קינדער, מיינע גיירים!
וואָס פיטערט איר אַף כערסאָנער ערד
טאַמבאָווער כאַזיירים?!
עטקע, עטקע, שוועסטער מיינע,
ביזט קראַנק אַף קאָמיוגיזם,
אַז ניט וואָלסטו געפיטערט ציגן
אַפן הייליקן באַרג גריזים!!

(בעאייס דעם גאַנצן מאָנאָלאָג איראָניזירט עטקע, מאַכט כיינדלעך, דערלאַנגט אים אַ פיינע פייג און שפרינגט אָפּ מיט אַ געלעכטער און כויזעק)

עטקע:

— באָבע, באָבע, קוק אים אָן,
דיין איי‌ניקל העכאָלעץ,
ער שמעקט דאָך גאָר מיט האָמענטאַש,
מיט זיסן פּוריב-קוילעטש.
און שטעלט ער אַף מיר די אויגן אָן,
ווערט מיר עמעס זויער.
אַ באַסקאָל וויינט און דו זויגסט איין
די טרערן ווי אַ שוועמל,
כאַ, כאַ, כאַ, אין אַ רויטן מיץ
פאָרט מאָשיעך אַף אַ קעמל!

אַלטער (ניט געזאָרגט, פון דער רעכטער טיר עטוואָס הויקערדיק, אָבער לעבעדיק און פריילעך, כאַפּט אונטער דאָס לעצטע וואָרט):

יאָ, מאָשיעך, יאָ מע פויקט,
מע פויקט, מע פויקט אין פויקן,
און אַז מע פויקט, פויק איך דאָך אויך,
איך, דער גרעסטער פויקער.
א גוט מאָרגן פויק איך אייך,
איך און אויך מיין הויקער.
— אָ, רעב מאָשיעך; זייט זיך מאַ-כריעך,
וואָס ט'איר זאָגן, פעטער?

אַלטער (פארכידעשט):

— ווער, איך? האָסט ניט געליי-ענט אין די בלעטער?

(באַווייזט זיין רויטן באַנד, ווענדעט זיך צום פּוב-ליקום):

א גוט מאָרגן, פיינע לייט,

זייט מיט מיר צופרידן.
איך בין אַלטער ניט געזאָרגט,
אַ איד ווי אַלע אידן.
היינט בין איך, ווי זאָגט מען עס,
מיטן רעכטן „יאַק“,
דאָס הייסט אַף גויעש, ניט אַף אידיש,
בעלאָשן „סערעדניאַק“.
מאַכט מען מיר דאָס פארן רופער,
לויף איך, הייסט עס, רופן:
— אַף אַסיפעס גייט קאַפּצאָנים,
אין שטוב זיצט, באַלעגופן.
וואָס איז שאַיעך צו דער סמיטשקע,
איז אויב קוסטאַר, דאָס מיינט מען מיך
מיטן פּאָנים צו דעם שטעטל,
דערזעט מען מיינע שיך.
(ערשט כאַפּט ער די פּאַפּקע, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט)
— אָט צעלייג איך די פּאַפּירן,
כאַפּט אַקאָרשט אַ פּען,
און צעשרייבט זיך אַף דער אַנקעטע,
ביזן וואָס און ווען.
שרייבט אַ טאַטן, שרייבט אַ מאַמען,
שרייבט אַ ווילקע, שטעקן.
פעלט אַ שמייסער אין מישפּאָכע,
באָרגט באַ מיר, ס׳וועט קלעקן,
(פון גאַס הערט זיך דער אַלטערס געשריי)
באָבע:
— עטקע! לייבל! דאָס קעלבל איז פון הויף אַוועק, יאָגט עס, כאַפּט עס.
(עטל מיט לייבלען אַף דער גאַס און די באָבע אין טיר):
אוי דעם אויוון דאַרף מען ברעכן,
סקאָצל קומט, אַ גאַסט,
זעץ זיך, זעץ זיך, רעב אַלטער,
אַ קאַרטאָפל נאַשט.
הייסע, אַקאָרשט פון דעם אויוון,
נעמט, אָט שטייט דער טאָפּ.
אַך, אין דרייגאָרן צעוואַקסט זיך
אָט דער אַלטער קאָפּ.
ס׳איז געווען אַמאָל בעהאָלע,
געלאָפן איז מען אין בראָד,
מיינט איר וואָס׳ט מען אויסגעבראָדעט?

אַן אַמעריקאַנער באָד.
וואָס זשע רייסן זיך די קינדער?
זאָגט לייבל „פּאַלעסטינע“,
שרייט זי, עטקע—ס׳איז קאַדאָכעס,
מע פרעסט דאָרט פּודן כינע!
זאָגט זי, עטקע, „קרימער ערד“,
שרייט ער „שקלאָווער ציגן“.
עך, ווער עס רעדלט היינט אַ וועלט,
קינדער פון די וויגן...

אַלטער (שלינגט די קאַרטאָפל אַףביידע באַקן. שפּרינגט אויף, כאַפּט די באָבע באַ די הענט):
הערט איר, באָבעניו, מיט יאָרן,
ווי אַ גאַנץ געשטאָפּט מיט פּראָסטע,
ניט קעדאַי צו קלעמען זיך,
ס׳וועט אַלץ זיין גוט, נישקאָשע.
ווי עס שרייבט זיך דאָרט אין פּאָסיק:
— כאַי געלעבט און קאַטשקע רוק זיך,

איך בין אַלטער ניט געזאָרגט,
און אַף קיינעם ניט פאַרקוקט זיך.
איז גיט מיר באָבעניו אַ האַנט
און קומט אַ פיינעם טענצל.
וואָס גייט אונז אָן, וואָס איז געווען,
היינט זיינען מיר פרייע מענטשן.
איז לאָמיר האָפּקען, לאָמיר שפּרינגען,

טאַנצן ביזן מאָרגן.
אַז לעבן זאָל די ראַטנמאַכט,
איז וואָס האָבן מיר צו זאָרגן.

אַ טומל אַפן גאַס רייסט איבער דאָס טענצל. אַ שטאַרקע שטים באַם פענצטער שטעלט אָפּ דעם טומל.

מאָטל דער שוואַרצער (באַם פענצטער):

— עס שפּאַנט מיין יעדער טאָג אָט דאָ,
איבער גאַנצע הונדערט יאָרן.
— אַף ערד, צו אַקער און צו בראָנע!
שאַלט דער ראַטן-האָרן.

(צו דער טיר, וואו עס שפּאַרט זיך דער טומל)

— הערט איר, אַלטע, וואַרט אַ ווײַלע,
אָט צעלייג איך די פּאַפּירן,
כ׳וועל אייך איינציקווייז אויסהערן
און וועל יעדן רעגיסטרירן.

(באַגעגנט זיך מיט עטלען)

ס׳איז די שאָ אַזוי געלונגען,
אַלעמען אין שטוב געפּונען.
קאָמיוגיסטקע צו דער אַרבעט,
זע, עס גיסט דער טאָג היינט
פרייד מיט טונען.

באַם טיש מיט צעוואָרפענע פּאַפּירן — מאָטל דער שוואַרצער. פון דער צווייטער זייט — עטקע, העכאָלוץ — אין ווינקל. די באָבע — באַם אויוון. אַלטער — שפּרינגט, ווי א גאבע פארן רעבן. האַלט איין דעם אוילאָם פאר דער טיר.

אלטער:

— וואָס ט׳איר זאָגן, פיינע לייט?
ער ווייסט, ער הערט, ער ט׳הערן,
אָ, געווען זייט איר אַמאָל,
בערן, גאַנצע בערן.
איז זאָגט, און איך וועל פּויקן, פּויקן,
איבער שיווע יאַמען,
וואו עס זיצן נאָך די בערן
אין זייער טאַטנס מאַמען!
איז זאָגט אייך אָפּ און שטעלט אייך אויס,
אלע אין די רייען —
האָרעפּאַשניקעס אַף ערד,
אין די רייען גייען!

ערשטער האָרעפּאשניק (אלטער שטופּט אים אונטער. יענער קוקט זיך ארום, בלייבט מיטן פּאָנעם לייכט צ׳ם צושויער):

איך בין געווען אמאָל אַ גאַנצער האָן,
געהאַט אין מאַרק א שאַרפע קראָם,
אין שול געזעסן אין סאַמע אויבן-אָן,
און וואָס נאָר עפּעס, איז גלייך צו רעבע-דאָן
און היינט בין איך אַ ווערעמל אַ מאָן,
פאַרקוועטשט האָט מיך אין טאַמע מיטן סטאָן,
אַ שלאָס הענגט שוין לאַנג אף דער קראָם,
אויס, ניטאָ קיין זייכער פון יענעם רעבע דאָן!
— ווי פון קוימען אַרויס אַ צעפליקטער האָן,
מיט וואָס אַ האַנט צעפירן? ניטאָ וואָס צו טאָן,
פון שטוב פארקויפט ביז אַ מאָן,
נעמט זשע מיך אריין אין אייער קאָן!

אַלטער (אין זיין טאָן):

— בים, באָם, ווי זאָגט דער פּאָסיק:
— אז ס׳איז ניטאָ קיין בראנפן,
מאַכט מען קידעש אַף ס׳מאָהאָן.

(ער פירט אים פאמעלעך אונטער ביזן בענקל.)

— יאַמויד, רעבע דאָן,
כאַווער אידסעק ווייס, וואָס ער האָט צו טאָן,
ער וועט שוין אייך אַריינקנאַקן,
וואו מע דאַרף און וואו מע קאָן.

צווייטער האָרעפּאַשניק (קומט אריין, שטייט אַ ווײַלע אין פארלעגנהייט):

— איך בין מוישע ביילע מאשעש,
געווען א מוישע ביילע מאשעש,
געוואָרן מוישע ביילע מאשעש,
נו, א מוישע ביילע מאשעש,

געווען אַ מוישע ביילע מאשעש,
געוואָרן, מוישע ביילע מאשעש,
נו, א מוישע ביילע מאשעש.
וואָס זשע פרעגט איר מיך דאָ
קאַשעש ?
איז בעט אייך מוישע ביילע מאַשעס,
מוישע, מוישע, ביילע מאשעש
פרעגט אף מיישעס ניט קיין קאַ-
שעש,
נעמט פאַרשרייבט מיך ביילע מא-
שעש...

אַלטער:

איך הערט א דיבער, א לאָשן פון
אַ ביילע מאשעס,
אָנגעשטאָפּט ווי א מאָגן מיט טויס-
פעס און ראַשעס.

(פירט אים אונטער צום טיש)

יאַמויד אַ גוויר נאָך דער אַלטער
מאָדע,
פאדשרייבט אים כאַווער אף די
קניידלעך,
ער איז ניט אויסן די האַגאָדע.

ערשטע קוסטאַרקע:

— פאַרשרייבט מיך באַ זיך אפן
צעטל
אַזוי ווי איך שטיי און גיי,
ס'איז מיר נימעס געוואָרן דאָס
שטעטל,
אזוי ווי עס שטייט און גייט!
מע זאָגט, אז בא אייך אפן צעטל
פאַרדינט מען זיך קאָשער דאָס
ברויט,
א העקדעש איז דאָס, ניט קיין
שטעטל !
עס רופט מיך פאַרעלטערטע מויד !!
איך בעט אייך, וואָס טויגן די יאָרן,
איך דאַרפט מיר דען קאָכן אין
קרויט ? !

אך, האָב איך פיינט אָט דאָס
שטעטל !
זאָגט נאָר, ניט גלייכער אזוי?
און יאָרן פארשרייבט מיך אין צעטל,
אזוי ווי איך שטיי און איך גיי !

אַלטער (מיט צוויי פינגער האלט ער זי אָן בײַם
קלייד) :

— אזוי ווי זי שטייט און זי גייט,
פאַרשרייבט זי מיטן קעזיק.
רעבע-דאָן — זי איז עלטער פאַרן
שטאָט-באָק,
וואָס קריכט ביז היינט אין העזיק.

מוישע ביילע מאשעס (סקעפּטיש) :

— פארשרייבט אן אלטן קלוגן קאָפּ.

אלטער:

— וואָס טויגן טאַקע יאָרן,
מע לייגט זי דען אין טאָפּ ?

קוסטאר (מיט צען קינדערלעך):

— איך בין אַ שניידער א באַ-
ווייבטער,
נו איז וואָס, אז אַ באַווייבטער ?
גלאַט אַזוי זיך אַ באווייבטער,
ס'איז נאָך בעסער א באַווייבטער.
האָט זי מיר געבוירן נאָר צען
קינדער.
נו, איז וואָס, אַז צען קינדער?
ניט קיין ציגן, ניט קיין רינדער,
נו, איז האָב איך צען קינדער.
ווילן ווייב און קינדער עסן,
א, יאָ, יאָ, ווילן זיי עסן,
איז ניטאָ מיט וואָס א מויז פאַר-
סאַמען.
שרייט מען: עסן — טאַטע! מאַמע!
וויל אי פאָרן אף דער ערד דאָרט
מיט מיין ביסל ווייב און קינדער,
מיט מיין גאַנצן טוצל עסער
וויל איך פאָרן, וואו ס'איז בעסער.

אַלטער:

הא, הא אונזער אַמכאָ,
פרו אורוואו און מערט אייך,
האָט אייך טוצן קינדער,
ווער און וואָס פארווערט אייך?

רעבע דאָן:

נעמט צונויף די קלומקעס און פאָרט
אַף קרימער סטעפּן!

מוישע ביילע מאשעס (סקעפּטיש):

ווי באַלד איר טריגט אַף קינדער,
טריגט איר ניט אף נעפּן.

אלטער:

פארשרייבט, פארשרייבט א קוסטאַר
מיט פירצונצוואַנציק הענט,
טאַכאַקל צוועלף מיילער,
אָבער ציינדלעך, ווי מעסער,
עס ברענט אונטער די הענט
בא אזעלכע גוטע עסער!

צווייטער קוסטאר (מיטן ווייב און דריי יאַטן):

פארשרייבט אונז, קיין איינהאָרע, מיך,
די ווייב און דריי יאַטן,
גערעאָטן, קיין איינהאָרע,
אין זייער טאַטן און אין זייער
טאטנס טאַטן.
דאָס מיין איך אים, מיין טאַטן,
א פיינער באַלעגאָלע, קיין איינ-
האָרע,
נאָך גאָר פון דער ערשטער בע-
האָלע.
און זיי, די יאַטן, זיינען באַלעגאָ-
לעס,
קיין איינהאָרע,
אָט אָ דאָ, כון די לעצטע בעהאָ-
לעס.
איז מיין טאַטע דער באלעגאָלע,
קיין איינהאָרע,
שוין לאַנג אין ד'רערד,
און איך, דער טאַטע, א באַלעגאָלע,
קיין איינהאָרע,
בין געבליבן אָן אַ פערד.
און זיי די יאַטן, קיין איינהאָרע,
האָבן לעכאַטכילע ניט געהאַט קיין
פערד,
האָבן מיר אַלע, קיין איינהאָרע,
כיישעק
פאָרן צו אייך אף כערסאָנער ערד.

אלטער:

— פארשרייבט זיי, די טאַטעס מיט
די באָנים!

רעבע דאָן:

— קיין איינהאָרע, פיינע יעוואָנים!

אלטער:

— אוי, פארמאכט דאָרטן די געמבעס!
ווער פלאַפּלט דאָרטן פון צעדערן
בא אונז וואַקסן דעמבעס!
מיט די אַלע פוסטעפּאַסן.

ערשטער פראלעטאריער:

— קוק אים נאָר אָן דעם האָן
פון שושאַן האַבירע,
אז סאַכאַקל פארמאָגט ער אַ קאַלב
מיט אן אייגענער דירע.
איז וואָס דען, כאַווער, איר האָט
אַ קאָפּ,
איר ווייסט, וואָס איר האָט צו טאָן,
איך בין ניט קיין ביילע מאשעס,
און קיין רעבע דאָן,
אָט איז מיין ביכל פון פאריין,
ווען מען הייסן פאָרן, איז פאָרן,
און אז ניט איז גיין,
אָבער ווערליק מ'שרייבט אין די
בלעטער
דאַרף מען אונז שוין—פריער און
זיי—שפּעטער.

אלטער:

— אָט דאָ הערט מען קלאָרע דיבורים.

באלעגאָלע:

ווערטער שמייסן, ווי די בייטשן.

שניידער:

האָט ניט כעוורע קיין יעסורים,
דער אידסעק, קאָן אויך אַ פּאָסיק
טייטשן.

אַלטער:

— פארשרייבט א כאַוועך פון
פּאַריין,
— הערסט, מע טרובעט דאָרט אין
האָרן?
ווער ס'וועט גיין און וואָס וועט גיין,
איך מיט דיר ווען דאָך פאָרן!

צווייטער פּראָלעטאריער:

זע, זע, זע, ווי ער האָט זיך דאָס
א טראָפּעלע צעהעצקעט מיט זיין
ביכל!
אָט צעבינד איך מיין רויטע טיכל,
וועל איך דיר ווייזן צוויי ביכלעך,
מיט דריי קוסטאַרן,
וועלן שוין מעגן אַלעמענס קעפּ
אַ טראָפּעלע צו דאַרן.
איז פאָלגט מיך, כעוורע, נעמט
פאַרשרייבט:
— צוויי ביכלעך קיין קרים! און
דריי קוסטארן קיין כערסאָן!
האַ, וואָס קאָנט איר בעסער טאָן?

א פריילעכער פּראָלעטאריער:

— אז וואָס איז דאָ צו אמפּערן,
און וואָס דארף מען זיך קריגן?
אי, איז דאָרט כאַזיירימלעך,
אי, איז דאָרטן ציגן!
אָט איז דיר א פּאָניע גאַנעוו,
אידן ווערן פּאָניעס!
געננז און ענדיקעס, כאַזיירים!
דאָרט אין די קאָלאָניעס.
קומט א יאָנטעוו, איז אַ כאַזער!
אַ שאַבעס, איז א קאַטשקע!
אידן קומט אַ קאראהאָדל,
אידן אַ קאָזאטשקע!
טרים, און טרים, טרים און טרים,
מיט דער באָרד און מיטן קעפּל,
קום ארויסעט שיינע מיידל,
מיטן סטענגעלע אין צעפּל.
נעם באַם קלייד זיך, דיר מיט זייטן,
מיטן פענימל אנטקעגן,
וועל איך טאַנצן, וועל איך האָפּען,
וועל איך קיינעם גאָרניט פרעגן!

(דער אוילעם האט אנגעהויבן צו טאנצן)

אלטער:

אָ, ס'איז ווינטער מיט אַ וואָגן,
זומער מיט אַ שליטן.

א באַלאַבּיש קינד:

פארשרייבט כאַוועך א קאָמוניסטקע,
ביזן סאַמע מיטן!

א באַלעבאַטיש קינד:

— אז עס פאָרט דאָס גאַנצע
שטעטל,
וויל איך אַוואַדע פאָרן,
קוקט ניט כאַוועך, וואָס איך בין
קליין,
איך בין א קינד שוין אין די יאָרן.
ס'איז מיר זיבעצן געוואָרן,
אַך ווילט זיך מיר אַ קאָמיוגיסטקע
ווערן,
איך וואָלט געאַרבעט, איך וואָלט
געקעמפּט,
איך וואָלט וועלטן איבערקערן.
רייצט מען מיך, פלאָגט מען מיך:
— א באלעבאַטיש קינד,
— א טאַטע, וואָס לעבט פון גאָס
און ווינט,
— אַ מאמע וואָס טאַפּט אויס אין
מאַרק
—אלע הינער און הענער,
און איך, אוי, ציט מיך אין קאָמיוג,

אויך שטיפן, לאכן, אויך מארשירן
מיט די העלע, מיט די פלאמעדיקע
פענער!
איז אָט באשליס איך, אָט אין דער
מינוט

צעררייסן מיט מיין געזינד,
אויס, איך וויל מער ניט זיין גע-
זידלט:
„באלעבאטיש קינד!"

אלטער:
סאכאקל זיבעצן יאָר
און קליגער פאר אונז אלע.

ערשטער פראלעטאריער:
אף כערסאָנער סטעפעס
פאָרט די שענסטע קאַלע!

צווייטער פראָלעטאריער:
ווארט אף איר א יונגער,
אף א פערד א רייטער,

פריילעכער פראָלעטאַריער:
פיטערט ער אַ בעהיימע
מיט אַ גוידישע פאָר אייטער!

עטל:
בויט ער דאָרט א הייזל,
פון לאמפאטש די ווענט.

מאָטל:
פאָר אהינצו, מיידל
ער ווארט אף דיינע הענט!

אלטער:
— אָ, איך האָב דערקאָנט דיך,
מענדל כאַפּס מעזינקע,
פויק איך אף דיין סימכע,
מאזלטאָוו דיר, מינקע!

דאָ קומט פאָר א פארמישונג, אלע שפרינגען אויף, דערלאנגען זיך די הענט: „מאזלטאָוו"! באַם ראַנד פון דער בינע טאנצט דער פריילעכער פראָלעטאַריער, נאָך אים די מויד מיט ווערטער: „טאַנצט, מיידלעך, הוליעט, ווייבער, גאָלדעס טאָכ-טער נעמט א שניידער".

אַלע ציען זיך אריין אין טאַנץ, די הינטערשטע רייען פאָרויס, די פאָדערשטע אף הינטן, זעצן זיך אויס אפן דיל, פאָרנט בלייבן נאָר צוויי — אַ מענטש פון דאָס אין יענץ, און דער דריטער קוס-טאַר. זיי ווארפן מעכאַניש מיט די פיס, ביז זיי כאפן זיך, אז אלע זיצן שוין, זעצן זיי זיך אויך אין ראָד. אינמיטן זיצט די באָבע מיט דער שיסל קארטאָפל. עס טונקלט די ליכט, ערגעץ פלאַמט אַ פייערל, אַ הינטערשטע ריי פארציט שטיל דעם מאָטיוו:

„קום, יאַנינקע, קאָרן זייען"

די באָבע (טיילט קארטאָפל):
אוילעם, אוילעם, עסט קארטאָפל,
זעט א שיטל ז'נאָך געבליבן,
מע וועט דערלעבן אפן אישעוו
וועט מען עסן שמאלץ מיט גריוון.
גענז, ענדיקעס ט'מען קוילן, מע וועט
באקן פיינע בלינעס
ביז מאָשיעך וועט נאָך קומען, ווי
עס שרייבט זיך אין די טכינעס.
ווייס איך, ווייס איך סוינעציען,
וואָס עס קרייען יונגע האָנען
איך אן אלטע וויל אויך לעבן, וועל
איך אויך גיין מיט די פאָנען.

טל (באגייסטערט, וואַקסט אויס איבערן אוילאָם):
עס פולט, עס פולט אין הארצן,
עס פולט אזש ביז אריבער.
ווי ליב איך האָב היינט אלעמען,
אָבער אים האָב איך נאָך ליבער.

זע, א שטעטל וויגט זיך,
עס רייסט מיט אלטן לעבן,
מיט אלטן גרויען טאכלעס,
וואָס שפינוועבס ט'עס פארוועבן.

— הער, זאָגט ער מיר, יונגע,
מיטן קאַמף דארף מען אָנפירן,
פיר דורך אלע טויערן,
פראל אויף אלע טירן!

וועל איך מיך אונטערגארטלען,
איבער זיך אריבער שפרינגען,
און זאָל מיין קאָל ביז פלאצן
איבער שטעטל קלינגען:

— אוי, פעטערס אין טאַלייסים,
מומעס אין די שייטלען,
רייסט מיט אלטן לעבן,
געגוג, כאַלוימעס באטלען!

— אוי, איר יונגע, יונגע!
פון טאַטע-מאַמעס פאָלעס,
אָף כערסאָנער פעלדער,
קרעפּטיקע כאַיאָלעס!

איז הערט, איז הערט די רופן,
— אהין אָף יענע וועגן!
צו כערסאָנער סטעפן,—
העלן טאָג אנטקעגן!

עס רייסט זיך מיט א טומל אריין א גרופּע אר-
בעטלאָזע, שטעלן זיך אויס אין פראָנט, פאַרויס
א דעפּוטאט.

דעפּוטאַט:

— זע, ווער מיט טענץ און ווער
מיט האָזע
קוקט פאָרויס היינט מיט עמונע,
מיר, א כעוורע ארבעטלאָזע, ווילן
בויען —
א קאָמונע!
זעט איר, כאַווער, מיט דער פען,
אז מיר וויסן וואָס און ווען,
קוקט אָן יאטן אין אַ פראָנט,
אָ, איר האָט אונז שוין דערקאָנט?
אָ, מיר געדענקען באַ די ווייסע
האָט מען אונז דערציילט די מאַיסע.
האָבן מיר דערציילט,—אירט גלויבן,
זיך געשלאָגן, ווי די לייבן!
איז כאַוועֶר, אָט לאָזן כעוורע אייך
גריסן,

יאטן ווילן מער ניט וואַרטן,
מע וויל דאָך ווערן קאָמונאַרן,
ענטפערט, כעוורע!

כעוורע:

קאָמונעס!
קאָלעקטיוון!!

(מע מארשירט צו דער טיר מיט א געזאַנג.
ערגעץ קלינגען גלעקלעך, א שטים פארציט א ניגן):

— שמייע, שמייע, שפּאַן דאָס פערדל
מירן פאָרן, גייען,
מי פאָיעדעם נאַ כערסאָן,
אַקערן און זייען,

(פון שטוב וואַרפט יעדערער איילענדיק זיין רעפּ-
ליק און אוועק פון טיר):

1—ווער וועט גיין צופוס,
און ווער וועט שפּאַנען פערד.
2—אידן פון כאַסלאַוויטש
אַף כערסאָנער ערד!
3—יענטל, וואַרף די קוישן,
גנענדל, וואַרף די וואָג,
4—איך פאָר אין כערסאָן!
5—און איך אין קריוואָראָג!
6—מוישע, נעם דעם היטל,
דאָנע נעם דעם אקער;
7—קוק נאָר אָן די העלדן
געוואָרן גאַנצע קנאַקער!
8—מינקע, די מעזינקע,
9—דאָבע אַלטע מויד,
10—בערל מיט די קינדער,
קריכט אריין אין בויד!

(אַלע צוזאַמען פון טירן, פון פענצטער, שפּארן
אריין די קעפּ):

לעבן זאָל „געזערד”!
לעבן זאָל „אידסעק”!
לעבן זאָל די ראטנמאַכט!
מיט זיי איז אונזער וועג!

י. דאָבּרושין

דער אַרטעל*)

(צוויי טעאַטער-בילדער)

אָנטיילנעמער:

מוישע בער בודמאַן — געוועזענער סויכער. אַ פרומאַק.
קיילע — זיין ווייב.
ניאָמע — זייער זון. דינט אין דער רויטער אַרמיי.
נאַסטאַסיע — זיין קאַלע. אַ רוסיש מיידל.
דרויבּקין — ספּעקולאַנט מיט אַ פראַנצויזיש בערדל.
זיסבּערג — ספּעקולאַנט מיט אַ פרומען אויסזען.
זויערמאַן — אַ מעקלערישער פּאַרשוין.
האַנדלונג — אין שטעטל טשאַאוס און קריטשעוו. אונזערע צייטן.

דאָס ערשטע בילד

אַ גאַס אין טשאַאוס. רויט-אַרמייער. צווישן זיי ניאָמע און נאַסטאַסיע, באָכערים און מיידלעך. אַן אויפבּרויז פון געזאַנג:

רויטאַרמייער, היי, רויטע ברידערלעך,
לאָמיר זינגען, היי, רויטע לידעלעך.
אין אַרמיי לערנען מיר און מיר גרייטן זיך,
איבּערן לאַנד צווישן פאָלק צו פאַרשפּרייטן זיך.
רונד אַרום שמייען פיינט און זיי היצן זיך
און מיר בּויען זיך און מיר שיצן זיך.
וואו אַ דאָרף, וואו אַ פעלד, וואו אַ ווינקעלע
ווערן אויסבויען מיר אַ קאָמונקעלע.
אַזאַ לאַנד, אונזער לאַנד, אַזאַ לענדעלע
אף יעדער שטאָט, יעדער דאָרף אַ רויט פענדעלע.

(דעם לעצטן קופּלעט זינגט מען שוין אָפּגייענדיק. ס'בּלייבּן נאָר זיצן אַף אַ בּענקל ניאָמע און נאַסטאַסיע. פון דער וויטן הערט זיך שטימען, וואָס רופן)

שטימען: — נאַסטיע, נאַסטיושע!..
ניאָמע: — דיך רופט מען, נאַסטיע!

*) פון דער פּיעסע „דער גערוכט גייט“.

נאַסטיע: — כ'וועל ניט גיין, ניאָמע, כ'וויל דו זאָלסט מיר דורכלייענען דעם בריוו, וואָס דו האָסט באַקומען פון דער היים פון קריטשעוו.

ניאָמע: — דער בריוו איז דאָך געשריבן אין אידיש!

נאַסטיע: — און דו דערצייל מיר איבער, נו, דערצייל, וואָס שרייבן דיר די דייניקע?

ניאָמע: — זיי שרייבן איך זאָל קומען אַהיים טייקעף, ווי כ'וועל ענדיקן מיין דינסט דאָ אין דער רויטער אַרמיי.

נאַסטיע: — אַליין זאָלסטו קומען?

ניאָמע: — וועגן דיר שרייבן זיי ניט.

נאַסטיע: — זיי ווייסן, אז איך בין ניט קיין אידישקע?

ניאָמע: — זיי ווייסן ניט.

נאַסטיע: — האָסט זיי געשריבן, אַז דו האָסט מיך ליב?

ניאָמע: — דו ווייסט דאָך, אַז מיינע עלטערן זיינען פרומע אידן!

נאַסטיע: — און אַז פרומע איז וואָס?

ניאָמע: — בא פרומע אידן רעדט מען ניט פון ליבע.

נאַסטיע: —פרומע אידן האָבן ניט ליב?

ניאָמע: — זיי האָבן ליב, נאָר זיי באַהאַלטן אויס.

נאַסטיע: — מאָדנע מענטשן, אָט די פרומע אידן. און דו ווילסט נאָך כ'זאָל מיט דיר פאָרן צו דיינע עלטערן?

ניאָמע: — אוואדע וועסטו פאָרן.

נאַסטיע: — דו האָסט דאָך זיי ניט געשריבן, אַז איך בין אַ רוסישע!

ניאָמע: — וועלן זיי טאָקע ניט וויסן. זאָלן זיי מיינען, אַז דו ביסט אן אידישקע, היינט איז שווער צו דערקענען.

נאַסטיע: — אף אַזאַ אויפן פאָר איך ניט. שרייב זיי דעם עמעס.

ניאָמע: — ס'וועט זיי פאַרשאַפן אומזיסט אַגמעסנעפעש, מירן דאָך סיי-ווי איינגיכן פון זיי אָפּפאָרן. נאַסטיושע, פאָלג מיך, איך בין באַ זיי אן איין איינציקער און זיי האָבן מיך שטאַרק ליב.

נאַסטיע: — און מיך?

ניאָמע: — א רוסישע וועלן זיי פיינט האָבן.

נאַסטיע: — זיי האָבן דיך ליב און דו האָסט מיך ליב און זיי מיך וועלן פיינט האָבן, מאָדנע מענטשן! הערסטו, איך פאָר ניט מיט דיר. שרייב זיי, אַז דו האָסט מיך ליב און אַז דו בלייבסט דאָ מיט מיר.

ניאָמע: — אומגלעך, נאַסטיע, נאַסטיושע!

אַ שטים (רופט): — נאַסטיושע!

נאַסטיע (לויפט אפן רוף): — איך פאָר ניט, הערסט, איך פאָר ניט, איך פאָר ניט, איך פאָר ניט! (לויפט צום טיר).

פאָרהאַנג

דאָס צווייטע בילד

אין קריטשעווו. באַ מוישע-בער בורמאַן אין שטוב. פאַרהיטע באַלעבאַטישקייט, אויסגעטאַ-שעוועט געפעס. בורמאַן זיצט און כעשבנט עפּעס. קיילע קומט אַריין פון גאַס, טוט אויס דעם אויבערבעגער. פאַרנאַכט.

קיילע: — כ'האָב זיך פּאַשעט פאַרמאַטערט (פויזע) אויסגעמאַטערט זיך (פויזע) אַז איך בין פּאָרט אַ שוואַכער מענטש (פויזע). מוישע-בער, פאַרוואָס פרעגסטו ניט?

בורמאַן: — ווייס איך, דיינע געשעפטן.

קיילע: — דו האָסט דאָך איצט בעסערע געשעפטן! איך בין אומגעגאַנגען אַזש צו נאַפּטאָליכען, צו נאַפּטאָליע האָזס ווייב. זייער טאָכטער כאַנקע איז ניט לאַנג אָפּ-געפאָרן קיין טשאאוס, האָב איך געמיינט טאָמער עפּשער האָט זי געשריבן וועגן אונזער ניאָמעס שידעך. כ'האָב זי געבעטן פאַרן אָפּפאָרן, זי זאָל זיך זעען מיט ניאָמען און אָפּגעבן אים אַ גרוס און די קאַלע זיינע זאָל זי אַ קוק טאָן.

בורמאַן: — געפונען באַ וועמען צו פרעגן.

קיילע: — וואָס איז, נאַפּטאָליע איז דאָך אונזערער אַ קאַרעוו?

בורמאַן: — פון אים אַליין, פון דעם האָז, שמעקט שוין מיט די קלובן און מיט די זאָגעכצן זייערע. ער איז שוין אויך געוואָרן אויס באַלעמעלאָכע.

קיילע: — וואָס זשע דען?

בורמאַן: — אַ קוסטאַר איז ער געוואָרן, פאַרשריבן זיך אין זייערע כעוורע, אַ פאַרברענטער כעוורעניק.

קיילע: — זעסטו דאָך און זי, די האזעכע, איז אונז דאַפקע דער בעסטער גוטער פריינט. זי פאַרשטייט אַליין, זאָגט זי, אַז פאַר די בורמאַנס פּאַסט ניט טאָן קיין שידעך פון דער פרעמד מיט אַבי וועמען.

בורמאַן: — און דו האָסט זיך אַוואדע פאַר איר צעפּויקט וועגן דעם גליק, וואָס ס'האָט דיך געטראָפן?

קיילע: — פון וואַנען ווייסטו, אַז אן אומגליק?

בורמאַן: — אז איך זאָג, ווייס איך.

קיילע (דערשראָקן): — אי ווי איז מיר, אַ קאָסאָמאָלקע מיסטאָמע!..

(ס'הערן זיך טריט פון עטלעכע מענטשן).

בורמאַן: — וועסט נאָך צייט האָבן צו קלאָגן, נעם בעסער צו דעם זילבער. אָט וועט מען באַ דיר אויסטאַשעווען די קיילים, טאָמער איז נאָך עפּעס געבליבן.

קיילע: — וואָס איז דאָרט?

בורמאַן: — הערסט דאָך, אַז מענטשן גייען אַהער. היינטיקע צייטן — ווער ווייסט ווער ס'גייט און נאָך וואָס? דאַכט זיך אָקאָרשט אָפּגעשריען אַ פרישינקן נאַלאָג.

קיילע (קלייבט איין): — ווי איז מיר, ווינד איז מיר, אַז מען איז נאָך דערצו אַ שוואַכער מענטש, ווי איך...

(מע שאַרט די טיר. בורמאַן עפנט די טיר. אַפריער פּאַוואָליע, מיט מוירע, דערנאָך — דרייסטער, בריי-טער, גאָר ברייטער).

דרויבקין (קומט אַריין): — אַ איד עפנט דיר אַ טיר אַזוי ברייט היינטיקע צייטן. אַ גוט אָוונט!

זיסבערג (קומט אריין): — זייער ברייט, אַ גוטן אָוונט!

בורמאַן: — אַ גוטן אָוונט, אַ גוט יאָר (ווייזט אפן שטוב)! ניטאָ שוין, וואָס אָנצו-ווערן — אויסגעליידיקט. דערצו זע איך, אַז ס׳גייען אייגענע אידישע אידן.

זויערמאַן: — האַ, אידישע אידן? גוט געזאָגט.

זיסבערג: — אוואדע גוט. ווארום, ס׳זיינען דאָך פאַראַנען די יעניקע אידן, די סאָוועטישע, נאַ, אויך מיר אידן!

דרויבקין: — און ווער וויס טאַקע פאַרוואָס רופן זיי זיך אידן, אז בעסאַכאַקל ווילן זיי מאַכן פון אידישקייט אַ טעל—אויס אידישקייט, אויס!

זויערמאַן: — אויס!

זיסבערג: — אויס!

בורמאַן (זיפצט): — אויס!

דרויבקין (נאָך אַ פויזע, רעדט אַרויס האַסטיק): — אויס! (לאָזט זיך גיך איבערן שטוב) נו, איז וואָס זשע מיינט איר, רעב מוישע-בער, נאָך וואָס אַשטייגער זיינען מיר געקומען צו אייך?

בורמאַן: — הייִנטיקע צייטן בין איך אויס טרעפער.

זיסבערג: — אַז צו גאַסט גייט מען ניט.

זויערמאַן: — און קיין גמילעס-כאַסאָדים... (קוקט זיך ארום)

בורמאַן (רייסט איבער): — וואָס פאַראַ גמילעס כאַסאָדים, אַז באַגיין באַגייט מען זיך מיט אונז, ווי דער שאָטן מיט איעוון — נאָר די נעשאָמע לאָזט מען אונז.

זיסבערג: — און צו וואָס טויג אַ אידן די נעשאָמע, אַז ער קען מיט איר ניט האַנדלען?

דרויבקין: — איז נאָך וואָס זשע זיינען מיר צו אייך געקומען, רעב מוישע-בער?

זויערמאַן: — זאָגט טאַקע, פאַני דרויבקין!

דרויבקין: — זאָגט איר, פאַני זיסבערג!

זיסבערג: — איך וועל זאָגן. הערט איר, רעב מוישע-בער, אָפּענע דיבורים, מיר ווילן איר זאָלט צו אונז צושטיין צו אַ שוטפעס.

זויערמאַן: — מיר לייגן אייך פאָר, הייסט עס, אַ שוטפעס.

בורמאַן: — איילט ניט, אידן, זאָגט מיר אַ פריער, וואָס פאַר אַ געשעפט, איך הויב דאָך ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס איר מיינט.

זויערמאַן: — געשעפט איז בלאָטע.

זיסבערג: — קיין געשעפט לאָזט מען סיי ווי ניט מאַכן.

דרויבקין: — דעריקער איז די שוטפעס, צי ווילט איר זיין אַ שוטעף, נישט מער!

בורמאַן: — א שוטעף אָן אַ געשעפט — אָסער, אויב איך פאַרשטיי.

דרויבקין: — אייער שוטפעס — פאַרשטייט איר מיך, איז אַליין דער געשעפט.

קיילע (טרעט ארויס): — וואָס לאָזט זיך ניט איינריידן מוישע-בער, אַז מענטשן ריידן, מיסטאָמע וויסן זיי דאָך, וואָס זיי ריידן.

זיסבערג, זויערמאַן: — אייער קיילע איז גערעכט, אַוואדע ריידן מיר און אוואדע וויסן מיר, וואָס מיר ריידן.

בורמאַן: — אָבער איך וויס ניט, וואָס הייסט דאָס אַ געשעפט אָן אַ געשעפט?

דרויבקין: — עי, איר זייט דאָך אַן איבערקלייבער, רעב מוישע-בער, — אונז דרייען זעט איר.

קיילע: — אוואדע זעט ער, וואָס זשע דען, ער זעט ניט?

זויערמאַן: — זיינען מיר דאָס דער געשעפט.

דרויבקין: — דאָס הייסט אַ האַלבער געשעפט און די צווייטע העלפט — זייט איר.

זיסבערג: — אָפענע דיבורים: מיר זיינען אַ אַרטעל, רעב מוישע-בער, אַן אַרטעל קעדאָס אוקעדין, מיט אַלע הידורים, די עמעסע אַרטעל.

דרויבקין: — לייגן מיר, הייסט עס, אַריין זיך אַליין אין אַרטעל און איר שטייט צו צו שוטפעס און דאַרפט אַריינלייגן דעם פינינספעקטער.

מוישע-בער: — וואָס? ווי קום איך צום סאָטן האַמאַשכים! און בעסאַכאַקל האָט ער מיך אָקערשט שיר ניט געשטעלט בעדילהאַדאל, איר ווייסט דאָך.

זויערמאַן: — שרעקט זיך ניט, איר האָט צו אים אַ טרופע.

זיסבערג: — צייט צו ריידן אָפן. מיט איין וואָרט, רעב מוישע-בער, ס'האַנדלט זיך וועגן אייער זון, וועגן אייער ניאָמען, ער דאַרף, פאַרשטייט איר, ווערן דער פאָרזיצער פון אָט דעם אַרטעל.

דרויבקין: — ער איז אָט באַלד אַן אויסגעדינטער רויטאַרמייער.

זויערמאַן: — געוואָרן אַוואַדע דאָרט באַ זיי אַ כאַשעוו.

זיסבערג: — איר שפּילט זיך מיט אייער ניאָמען!

דרויבקין: מ'דערציילט זיך אָן פון אים...

קיילע (פאַרהענגט די פענצטע"): — שטילער, אידן, ווענט האָבן אויערן — מיין ניאָמע!

זיסבערג: — מ'זאָגט שוין אַפילע, אַז ער האָט דאָרטן אַ קאַלע.

זויערמאַן (אָפן אויער דרויבקינען): — אַ רוסישע...

דרויבקין: — שששששאַ... (צו קיילען) א פיינע קאַלע מיסטאָמע.

קיילע: — אַ קאַלע צי א ווייב, אַז קוים וואָס איך ווייס, ווי מען רופט זי. גע-הערט האָב איך זאָגן, אַז מען רופט זי נאַסטאַסיע, ווערליק ס'איז אַ מאָדע איצט רופן מיידלעך מיט גאָיעשע נעמען איז דאָס מיסטאָמע פאַרצויגן פון סטיסיע, פונקט ווי מיין עלטער-שוויגער אַלאָהאשאָלעם, וואָס האָט ניט טאָקע נאָך זיך קיין נאָמען באַ אונז אין דער מישפּאָכע. אַז מען גלויבט, איז דאָס עפּשער אַ באַשערטע זאַך.

דרויבקין: — איז ווערליק מיר ווייסן, איז ער געוואָרן באַ זיי אַ גאַנצער בעני-באָים, ניאָמע אייערער.

זויערמאַן: — פאַרנעמט באַ זיי די שענסטע שטעלעס.

זיסבערג: — אָפן געדעדט, פון זיין אידישקייט, רעב מוישע-בער, וועט איר שוין קיין האַנאָע ניט האָבן, זאָל ער כאָטשבי פאַרזאָרגן אייך אף דער עלטער.

דרויבקין: — מיט אַזאַ פאָרזיצער שטעלט מען אויס א קאָהאָלשן פייג דעם סאַ-מע ערגסטן פינינספעקטער.

זויערמאַן: — אַז ס'איז אַ קאָשערע אַרטעל!

זיסבערג: — מיר זיינען די קאָשערסטע טשלענעס, אייער זון — פאָרזיצער און איר מיט אייער געמאָרע-קאָפּ אַ געבוירענער קאָמערטשעסקע דירעקטער!

קיילע: — לאָז זיך איינריידן, מוישע-בער.

דרויבקין: — זי איז גערעכט, אף מיין וואָרט. (צום שווייגנדיקן בורמאַנען) מאַסקים, הייסט עס?

זיסבערג: — מאַסקים!

זויערמאַן: — מאַסקים!

בורמאַן (נאָך אַ פויזע, ווי ניט ווילנדיק): — מאַסקים!

דרויבקין (כאַפּט זיך אויף פון אָרט): — מאַסקים! אידן, וואָס זיצט מען? ניטאָ דאָך קיין צייט. רעב מוישע-בער, געדענקט זשע, מאָרגן אין בעסמעדרעש באַם דאַווענען וועט מען ריידן פון פּראַטים. אַ גוטע נאַכט!

זויערמאַן: — אַ גוטע נאַכט. (גייען אין טיר)

בורמאַן: — שטייט, אידן! נו, גוט, איר האָט מיך איינגערעדט אַן אַרטעל, אָבער דער געשעפט, מיט וואָס וועט מען זיך באַשעפטיקן אַט אינם דאָזיקן אַרטעל? האַ?

דרויבקין: — איר זייט פאָרט אַן איבערקלייבער, רעב מוישע-בער, וואָס הייסט דען באַ אייך געשעפט, אַן אַרטעל איז דען ניט קיין געשעפט?

זיסבערג: — מען וועט שוין צוזוכן אַ געשעפט!

זויערמאַן: — מיט אַזאַ פאָרזיצער, אָהאָ!

דרויבקין: — אַ גוטע גאַכט! אַ גוטע נאַכט!

(גייען אָפּ. בורמאַן בלייבט אַליין, נאָך אַ קליינער פויזע שפּאַצירט איבערן כיידער, הויבט אָן דאַווענען מאַירעוו. ס'ווערט טונקעלער און טונקעלער).

קיילע (צו בורמאַנען, וואָס שטייט און ברומט מיט אַ ניגן אָן ווערטער): — איז וואָס זשע, זאָל איך עפשער אָנשרייבן גלייך אַ בריוו?

בורמאַן: (ברומט אויס דעם דאַווענען מיט אַ פראַגע).

קיילע: — דו פרעגסט וועמען? ניאָמען.

בורמאַן: (ברומט בייז אף ניין).

קיילע: — וואָס איז? דו האָסט דאָך נאָר וואָס אָפּגערעדט אַ שותּפעס, ווערסט זיך שוין דאָך אָן ניאָמען ניט באַגיין?

בורמאַן: (ברומט און קלאַפּט מיט די פינגער, ווייזט, אַז מען דאַרף קלאַפּן אַ טעלעגראַם).

קיילע: — אַ דעפּעש מיינסטו, אַוודע גערעכט.

בורמאַן: (ברומט, ווייזט, אַז ער וועט געבן אַליין אַט באַלד אין גיכן די דעפּעש).

קיילע: — שרייב זשע אים, ער זאָל קומען אין צווייען מיט זיין באַשערטער. זעסט דאָך, אַז גאָט שיקט שוין צו אַ פריער די פּאַרנאָסע אין שטוב! און ווער ווייס, עפשער זיינען דאָס טאַקע אירע זכוס אָוועס.

בורמאַן: (באַווייליקט ברומענדיק — אַ פריער שטאַרקער, דערנאָכדעם שוואַכער, שוואַכער, ביז ער און זיין שטים לעשן זיך אויס אין דער כאַשכעס...)

קיילע (מיט האַרץ, פון דער פינצטער אַרויס): — גאָטעניו, אירע זכוס אָוועס!..

פאָרהאַנג

ש. בריאַנסקי

„קולטור-רעוואָלוציע״ *

(סאַטירע אין צוויי בילדער)

אָנטיילנעמער:

מאָטיע מאַטקיס — א „קולטראַבאַטניק״, פאַרמאָגט אן אייגענע גיטאַרע.
ראָזאַלינדע — אַ מעלאַנכאָליש מיידל.
טאַטע.
מאַמע.
פימיק — אַ פּיאָנער
קיילע — אַ שכיינע.
סאָלאָוויי, זשאַבעס, ראַדיאָ.

דאָס ערשטע בילד

א דעמב. א סאָלאָוויי פייפט. זשאַבעס קוואַקען. בעז בליט. אפן באַנק זיצט אין א מעלאַנכאָלישער פּאָזע ראָזאַלינדע. מאָטיע מאַטקיס שטייט מיט אַ גיטאַרע אין האַנט.

מאַטקיס (זינגט באַגייסטערט, שפּילט צו אף דער גיטאַרע, מאָטיוו ...„Мне все равно“):

— עס ציט מיך צו דיין קלאַסישע פיגורע,
דיין באַוואוסטזיין שטאָלצירט מיך זייער שטאַרק;
די בורזשואזיע פּ״רט מען צו דער קוואורע,
איך האָב דיך ליב, אָ, שיינע זשאַנאַ ד׳אַרק!

(ציט זיך צו ראָזאַלינדען, זי שטויסט אים אָפּ).

מאַטקיס: — כאַווערטע ראָזאַלינדע, איך קאָן ניט פאַרשטיין אייער אידעאָלאָגיע צו מיר.

ראזאַלינדע: — כאַווער מאַטקיס, איך פאַרשטיי ניט, וואָס איר מיינט.

מאטקיס: — איך מיין קאָנקרעט, אַז די בורזשואַזיע סטיכיע האָט אייך אָפּגעריסן פון מיר!

ראָזאַלינדע: — אַך, כאַווער מאטקיס, איר זייט אַזאַ אינדיווידואַליסט!..

מאטקיס: — איך האָב פיינט דיפּלאָמאַטישע אולטרא-פּאָקוסן. איך פרעג גאַנץ ערנסט און קאָנקרעט: פאַרוואָס האָט איר מיך ניט ליב?

---

* פונם רעפּערטואַר פון קיעווער „מעשולאַכעס״.

ראָזאַלינדע: — אַך, כּאַווער מאַטקיס, איר פֿאַרשטייט מיך ניט. איך קאָן אָפּגעבן מיין האַרץ, אַזוי ווי טאַטיאַנע, נאָר אַ פּאָעטישן העלד, אַ מעלאַנכאָלישן אַט־לעט, און איר זייט עפּעס...

מאַטקיס: — עפּעס־עפּעס! איך פֿאַרשטיי אױף אַלע הונדערט פּראָצענט. איר ווילט קאַטעגאָריש זאָגן, אַז איך בין ניט קיין העלד! (קלאַפּט זיך אין האַרצן) איך בין ניט קיין העלד?.. ווער האָט דורכגעפֿירט אַלע קאָמפּאַניעס? ווער?

ראָזאַלינדע: — אַך, כּאַוועה מאַטקיס, ווי איר קאָנט מיך ניט פֿאַרשטיין... איך מיין אַ העלד, אַזוי ווי יעווגעני אָניעגין אָדער מיראָוואָי טשעמפּיאָן וואַסיאַ פּאַ־סונקאַ! איך מיין אַן אַטלעט אַזוי ווי דיאַדיאַ פּוד! מיין העלד דאַרף זיין מעלאַנכאָ־ליש, ווי נאַדסאָן און געזונט, ווי דוגלאַס פֿערבענקס.

מאַטקיס: (מיט פֿאַראַכטונג) — דוגלאַס פֿערבענקס!.. וואָס טוט ער, דוגלאַס פֿער־בענקס? ער שפּרינגט מיט בורזשואַזע פֿיס אױף אימפּעריאַליסטישע שטריק און פֿאַרעדט די ציין דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט; און איך בוי, איך פֿיר דורך אַלע קאָמפּאַניעס, איך פֿאַרשפּרייט אַלע לאָטערייעס (ציילט אױף די פֿינגער): געזוערד, פּאָמדיעט, אַוויאָכים, פּראָלעטסטוד, זאַיאָם אינדוסטריאַליזאַציע, האַ?

ראָזאַלינדע: — אַי, כּאַוועה מאַטקיס, איר רעדט פֿון אַזעלכע פּראָזעס... איר טוט אויף עפּעס אַזאַ זאַך, אַזאַ העלדישקייט... (ס'הויבט אָן כריפּען ראַדיאָ) שאַט, לאָמיר הערן אַ ראַדיאָ־קאָנצערט.

ראַדיאָ (כריפּעט זייער לאַנג, הויבט אָן שפּילן עפּעס אַ ניגון, רייסט איבער, רעדט):

— כּאַווײרים! דער לאָזונג פֿון היינטיקן טאָג איז — קולטור־רעוואָלוציע!

אָן אַ קולטור־רעוואָלוציע קאָן מען דעם סאָציאַליזם ניט בויען! יעדער באַ־וואוסטזיניקער אַרבעטער און בירגער דאַרף דורכפֿירן די קולטור־רעוואָלוציע בײַ זיך אינדערהיים, אין אונטערנעמונג, אין קלוב — אומעטום!

מיט ברען — אַפּן פֿראָנט פֿון קולטור־רעוואָלוציע!

מאַטקיס: — כּאַווערטע ראָזאַלינדע!

ראָזאַלינדע: — האַ?

מאַטקיס: — כּאַווערטע ראָזאַלינדע! ס'איז דאָ! איך וועל אייך דערווייזן!

ראָזאַלינדע: — וואָס?

מאַטקיס: — איך וועל ווייזן אַזאַ העלדישקייט, וואָס די וועלט האָט נאָך ניט געזען! וואָס מיר יעווגעני אָניעגין, ווער מיר פּאַסונקאַ? מאַטיע מאַטקיס וועט פֿאַרבראָנירן מיט רעספּעקט אָפּן האָריזאָנט פֿון אַלע העלדישע דיאַפּאַזאָנען!

ראָזאַלינדע: — אַך, איר רעדט אַזוי ליטעראַריש...

מאַטקיס: — אָהאָ, איך קאָן נאָך בעסער. כּאַווערטע ראָזאַלינדע, זאָגט איר מיר צו טראַנספּאָרטירן אייער ליבע אין מיין האַרצן?

ראָזאַלינדע: — אויב איר וועט ווערן אַ העלד — יאָ.

מאַטקיס: — יאָ? יאָ? טאָ הערט: איך פֿיר דורך קאַטעגאָריש די קולטור־רעוואָ־לוציע אױף אַלע הונדערט פּראָצענט! איר הערט? איך מאַטיע מאַטקיס, וועל צע־

שמעטערן די גאַנצע אומקולטורעלקייט אף פוך-און-פראַך!.. איך גיי נאָך אַ מאַנ-
דאַט (דעקלאַמירט).

איצט וועט זען די גאַנצע וועלט,
ווי מאָטיע מאַטקיס ווערט אַ העלד!

(סאָלאוויי זינגט. זשאַבעס קוואַקען, ראַדיאָ כריפּעט).

דאָס צווייטע בילד

אין צימער צאַנקט אַ נאַכט-לעמפּל. אין דריי בעטן שלאָפט די מישפּאָכע. מע כראָפּעט.

ראָזאַלינדע (פון שלאָף): — איך האָב אייך ליב, וואָס דאַרפט איר מער... יעווגעני אָניעגין... ראָמאַן... גוואַלד! (כאָרכלט ווי אַ דערשטיקטע).

טאַטע (פאַרשלאָפן): — וואָסי, ווער שרייט עס? (קוים וואָס מ'הערט) ווער שרייט...

פּימיק: — ס'איז רייזעלע, רעדט פון שלאָף; מאַמע וועק זי אויף.

מאַמע (כאַפּט עפּעס אָרויף אף זיך, קריכט אַראָפּ צו רייזעלען): — וואָס איז קינד מיינס? ריי-זעלע! (וועקט זי)

ראָזאַלינדע (כאַפּט זיך אויף): — האַ? מאַטקיס, מאַטקיס!

מאַמע: — וואָס פאַר אַ מאַטקיס, נאַרעלע, ס'האָט זיך דיר געכאָלעמט.

פּימיק: — מאַמע, דאָס האָט זיך איר געכאָלעמט מיינע צעריסענע מאַטקעס.

מאַמע: — שפּיי אויס, מיין קינד, און שלאָף איין (דעקט זי איין און לייגט זיך צוריק אין בעט).

ראָזאַלינדע (שטיל): — מאַטקיס... (גורעט זיך איין אין קאָלדרע. מע ווערט אנטשלאָפן. עמעצער קלאַפּט אין פענצטער. מע הויבט זיך אָן רודערן, מע שפּרינגט אויף פון די בעטן).

אַלע: — האַ, האַ, וואָס?

— ווער איז?

— ווער קלאַפּט עס?

— וואָס האָט געטראָפן, ווי איז מיר!

קיילע: — עפנט אויף גיכער!

אַלע: — ווער איז?

טאַטע (נעמט דאָס לעמפּל, קוקט אין פענצטער): — ס'איז דאָך קיילע. וואָס האָט געטראָפן, קיילע? קומט אַריין (עפנט איר).

קיילע (גייט אַריין): — אוי, אַן אומגליק, אף אַזאַ גזאַר האָט זיך קיינער ניט גערעכנט, ווי איז מיר!

טאַטע: — זאָגט שוין גיכער, וואָס האָט געטראָפן?

קיילע: — אַ רעוואָלוציע, ווי איז מיר. איבער דער גאַנצער גאַס האָט מען שוין געמאַכט. איצט גייט מען צו אייך מאַכן.

טאַטע: — טו נאָר אַ קוק, אַ אידענע האָט זיך עס צעדאַבערט: געמאַכט, מאַכן רעוואָלוציע... וואָס, ווער, ווען?

קיילע: — וואָס הייסט וואָס? עפּעס איינער אַן עלצטער גייט אַרום... (אַ קלאַפּ אין פענצטער). ווי איז מיר, ער איז שוין דאָ. לאָמיר זיך באַהאַלטן, די ביינער טוען מיר ווי פון זיינע שטוקעס (באַהאַלט זיך אונטער אַ בעט. מע קלאַפּט שטאַרק אין פענצטער).

טאַטע: — ווער איז?

מאַטקיס: — עפנט אויף, שרעקט זיך ניט, היימישע מענטשן.
ראָזאַלינדע: — עפן בעסער ניט, כ'האָב מוירע.
טאַטע: — ווער זייט איר?
מאַטקיס: — עפנט בעסער, אויב איר ווילט ניט צאָלן קיין שטראָף. אומקולטורעלע מענטשן, וואָס איר זייט!
טאַטע: — וואָס קאָן דאָרטן זיין? ס'גייט דאָך אַ מענטש, ניט קיין כאַיע.
ראָז.: — וואַרט אויס, איך גיי אַוועק אין קיך אַריין (כאַפּט עפּעס ארויף, אַנטלו פט אין א צווייטן צימער).
טאַטע (עפנט די טיר. לאָזט אַריין מאַטקיסן, וועלכער טראָגט אַ גרויסן טשעמאָדאַן): — וואָס האָט איר געוואָלט?
מאַטקיס: — דרייט אויף די שיין!
טאַטע: — האָט קיין פּאַריבל ניט, מיר זיינען ניט איינגאַנצן אָנגעטאָן, מע קאָן ניט אויפדרייען די שיין.
מאַטקיס: — זייט ניט אומקולטורעל, דרייט אויף, זאָגט מען אייך.
מאַמע: — וואָס רעדט איר? איר זעט דען ניט...
פּימיק: — וואַרט אויס, איך האָב נאָך ניט אָנגעטאָן די מייטקעס!
מאַטקיס: — נו-נו-נו! סאַבאָטירט איר אַלע, הייסט עס? גוט! (דרייט אויף אַליין די שיין. אַלע פאַרשטעלן איינער דעם צווייטן שעמעוודיק-באַרויגעזו, ברומען עפּעס אונטערן נאָז). כאַוויי-רים און בירגער! איצט זעט איר אַליין, ווי אומקולטורעל איר זייט! מיר פירן היינט דורך די קולטור-רעוואָלוציע גאַנץ ערגסט און קאַטעגאָריש! באַלד וועלן מיר באַ אייך פאַרניכטן די לעצטע שפּורן פון דער פינצטערער ירושע!
טאַטע: — וואָס מיינט איר? עפּעס פאַרשטיי איך ניט, וואָס איר רעדט.
מאַמע: — פּימיק, דערלאַנג אַהער דאָס קליידל.
מאַטקיס: — שטיי! זייט ניט אומקולטורעל! הערט, וואָס מע רעדט צו אייך!
טאַטע: — אָבער וואָס ווילט איר?
מאַטקיס: — קורץ גערעדט. איר האָט אָפּגעלעבט אַלע אייערע יאָרן ווי אומקול-טורעלע מענטשן. מיר וועלן באַלד דעם פעלער פאַריכטן. (נעמט ארויס פון טשעמאָדאַן אַ גרויסע שפּיי-קעסטל) איר זעט?
פּימיק: — אַ שפּיי-קעסטל. אַ גאַנצע מעציע. אָטאָ שטייט באַ אונז אין ווינקעלע.
מאַטקיס: — ניין, ניט אין ווינקעלע, נאָר אויבנאָן! אויבנאָן דאַרף שטיין אָט דער קולטורעלער פאַקטאָר! (שטעלט אַוועק דאָס שפּיי-קעסטל אַפן טיש) שפּייט.
טאַטע: — וואָס?
מאַמע: — דער מענטש רעדט עפּעס ניט צו דער זאַך.
מאַטקיס: — שפּייט און פאַרהאַלט ניט דעם גאַנג פון דער קולטור-רעוואָלוציע.
טאַטע (איבערגעבראָכט): — וואָס הייסט, איר רייסט אויף מענטשן פון שלאָף און הייסט זיי שפּייען?
קיילע (פון אונטערן בעט, שטיל): — באַסער שפּייט, וואָרעם דער נאַטשאַלניק איז זיי-ער אַ בייזער.
מאַטקיס: — האַ? דאָ געפינט זיך נאָך עמעצער? (שלעפּט זי אַרויס).

קיילע: — וואָס שלעפּט איר מיך? איך האָב שוין אָפּגעשפּיגן. איר זייט בײַ מיר ערשט געווען.

מאַטקיס: — שפּייט!

קיילע: — אַ דאַיגע מיר, וועט זיין בײַ מיר צוויי רעוואָלוציעס (שפּייט).

מאַטקיס: — שפּייט! (אַלע שפּייען אין קעסטל). איצטער, כאַווײרים, זעט איר אַליין די נוצלעכקייט פון אַ שפּײ-קעסטל. אָבער קעדיי צו זיין שטענדיק געזונט, דאַרף יעדער מענטש שטענדיק מאַכן פיזקולטור. שטעלט זיך אויס לויטן וואוקס!

טאַטע: — וואָס איז דאָס? איר מאַכט כויזעק? איך בין אַ מיטגליד פון קוסטאַרן-פּאַריין, איך בין אַ טאַטע פון אַ דערוואַקסענער טאָכטער, איך וועל ניט לאָזן מאַכן פון מיר כויזעק!

מאַטקיס: — זייט ניט אומקולטורעל, איך האָב אַ מאַנדאַט. שטעלט זיך אויס לויטן וואוקס, ציילט זיך איבער.

פּימיק: — טאַטע, זאָג „ערשטער", וועט די מאַמע זאָגן „צווייטער", וועט קיילע זאָגן „ערשטער", וועל איך זאָגן „צווייטער".

מאַטקיס: — אַכטונג! רעכטס—אום! לינקס—אום! רעכטס, לינקס, רעכטס, לינקס, שטיי! אָפּן אָרט—מאַרש! איינס, צוויי, איינס, צוויי, לינקע, לינקע, שטיי! (אַלע טאָפּען אָפּ פּאַר מידקייט). כאַווײרים, טשעכאַרדאַ איז איינע פון די געזונטסטע שפּילן. זי איז גוט צו די מוסקולן. שפּרינגט.

טאַטע: — שפּרינגט אַליין.

מאַטקיס: — מאַכט ניט קיין אבסטרוקציעס און שפּרינגט.

מאַמע: — וואָס פּאַר אַ שפּרינגען אינמיטן בײַנאַכט? שפּרינגט אייך אַליין, אויב ס'איז אייך אַזוי געפעלן.

פּימיק: — שפּרינג, מאַמע, שפּרינג, ס'איז אַ גוטע שפּיל.

טאַטע: — אָט גיב איך דיר אַ שפּרונג, וועסטו בײַ מיר קלייבן די ציין! וואָן, שטשענאָק!

מאַטקיס: — נו-נו-נו, פּאַרסאַמט ניט דעם יונגן דאָר מיט אָפּיום. שפּרינגט!

טאַטע (גייט ארויס פון די קיילים): — איר זייט אַ מערדער! מאָרגן גיי איך זיך קלאָגן אין מיליציע!

מאַטקיס: — איר וועט זיך מאָרגן ניט קלאָגן, ווייל מאָרגן וועט איר שוין זיין אַ קולטורעלער מענטש. שפּרינגט!!!

פּימיק: — טאַטע, אָט אַזוי אַ שטעל אַוועק די פיס. אָ, קיילע, שפּרינגט! מאַמע, שטעל זיך! (ער שפּרינגט איבער אַלעמען).

מאַטקיס: — אָט אַזוי דאַרף מען שפּרינגען, איר זעט? (ער שפּרינגט, קערט זיך איבער. די מאַמע פאַלט).

מאַמע (וויינט): — האַרגעט מיך, וועל איך מער ניט שפּרינגען! סע שפּאַרט מיר שוין פונם שפּרינגען!

דאַזאַליבדע (פון צווייטן צימער): — לאָזט מיך אַרויס צו אים, וועל איך אים געבן אין דער צורע אַריין! פּימיק, דערלאַנג מיר דאָס אָנטאָן! (פּימיק טראָגט איר אַוועק דאָס אָנטאָן).

מאַטקיס: — דאָרט רעדט עמעצער? איר באַהאַלט אויס נעפּאַשעס פון דער קולטור-רעוואָלוציע? (ער לאָזט זיך גיין, מע פאַרטשעלט אים דעם וועג).

מאַמע: — איבער מיין לייב וועט איר איבערשפּאַנען! איך וועל ניט לאָזן קאָנפֿיזען מיין טאָכטער!

טאַטע: — בלוט וועט זיך גיסן, און מיט אַ נאַקעטער מיידל וועט איר קיין פיזקולטור ניט מאַכן!

מאַטקיס: — נו, גוט, איך וועל פריער ענדיקן מיט אייך, דערנאָך וועט זי מוזן דורכמאַכן אַליין די גאַנצע קולטור-רעוואָלוציע. איצטער, כאַווירים, די גרעסטע אָפּעראַטיווע מאַניפעסטאַציע פון אַ קולטורעלן מענטשן—לייענען אַ צייטונג. קומט אַלע אַהער. זיצט (זעצט זיי אויס). אַלע טאָג דאַרף אַ קולטורעלער מענטש לייענען אַ צייטונג.

טאַטע (מיד): — איך האָב שוין קיין קויעך ניט צו רעדן מיט אים.

מאַמע: — ס'גייען מיר אויס די קויכעס.

קיילע: — איך שוויץ ווי אַ ביבער. צוויי רעוואָלוציעס אין איין נאַכט איז טאַקע שווער איבערצוטראָגן.

מאַטקיס (דעם טאַטן): — לייענט.

טאַטע: — טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר.

מאַטקיס. (צו פימיקן) לייען.

פימיק (לייענט): — צום באַדויערן, פארשטייען אייניקע כאַווירים צו פראָסט די קולטור-רעוואָלוציע און פּרוּאוון זי דורכפירן ווי אַ קאַמפּאַניע און מאַכן דערביי אומדערלאָזבאַרע פעלערן. אַזעלכע אמעראַצים דאַרפן מיר געבן איבער די הענט!

מאַטקיס: — איר הערט? אַזאַ פּאָליטישער סקאַנדאַל! יעדער קולטורעלער מענטש דאַרף רעאַגירן אַף אלע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען! מיר מוזן גאַנץ ערנסט פּראָטעסטירן קעגן די אומדערלאָזבאַרע אַמעראַצים, וועלכע דערלאָזן אומדערלאָזבאַרע פעלערן! קומט שוין אף א פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציע!

טאַטע (דערבראָכן): — טוט מיט מיר, וואס איר ווילט, איך וועל שוין סיי ווי לאַנג ניט לעבן.

מאַמע: — קומט, קומט פּראָטעסטירן, אבי גיכער פּאָטער ווערן פונם אומגליק. איך פאַל שוין פון די פיס.

קיילע: — מיר איז קאַרג געווען איין רעוואָלוציע, האָט מיך דער רוּעך אָנגעטראָגן פּראַוּוען באַ אייך די צווייטע.

מאַטקיס (מיט אַ פאָן אין שפּיץ): — פאָרויס, מאַרש! איינס-צוויי, איינס-צוויי! אַ קאַמף-ליד פּאַרציט!

(ער מיטן פּיאָנער זינגען „Ты моряк“. פּלוצים פאַלט דער טאַטע אף זייערע הענט)

טאַטע: — אוי, ס'איז מיר שלעכט... וואו זייט איר? רייזל, וואו איז רייזל?

קיילע: — אוי, אַן אומגליק, אוי אַ בראָך!..

מאַמע (קווייטשעט): — רייזעלע, דער טאַטע שטאַרבט! (ראָזאַלינדע לויפט אריין מיט אַ געוויין).

ראָזאַלינדע: — טאַ-טע! (דערזעט מאטקיסן, בלייבט ערשטוינט).

מאַטקיס (דערזעט זי): — ראָזאַלינדע!.. טייערע ראָזאַלינדע!.. איך האָב שוין מיין העלדישקייט באַוויזן אף אַלע הונדערט פראָצענט! ראָזאַלינדע! איך בין אַ העלד!

ראָזאַלינדע (שענקט אים א פּאַטש אין באַק): — אי-די-אָט!

ראַדיאָ (כאַזערט איבער): — אי-די-אָט! קאַמף מיט אידיאָטיזם איז די ערשטע אויפגאַבע פון אונזער קולטור-רעוואָלוציע!..

י. דאָברושין

סערפּ און האַמער

(סצענישער דיאַלאָג צווישן א שטאָטישן אידן—א נייגיריקן און א דאָרפישן — א בייזן)

ש ט אָ ט י ש ע ר: — און וואָס הערט זיך עפּעס בּאַ אייך אין דאָרף מיקויעך פרומקייט?

ד אָ ר פ י ש ע ר: — מיט פרומקייט איז בא אונז אַזוי: ווער ס'איז ניט פרום איז ניט פרום און ווער ס'איז פרום איז אויך ניט פרום.

ש ט אָ ט י ש ע ר: — וואָס בּאַטייט דאָס?

ד אָ ר פ י ש ע ר (ציט ווערטער): — דאָס באַטייט, דאָס באַטייט, אַז ס'איז נישט וואו פרום צו זיין.

ש ט אָ ט י ש ע ר: און וואָס באַטייט דער באַטייט?

ד אָ ר פ י ש ע ר (בייזלעך): — דאָס הייסט, אַז בּאַ אונז אין דאָרף האָבן מיר פריער געהאַט אַ שטוב וואו צו דאַוונען און איצט האָבן מיר שוין ניט.

ש ט אָ ט י ש ע ר: — איז די שטוב ערגעץ אַהינגעקומען?

ד אָ ר פ י ש ע ר (ברויגעז): — וואוהין וועט אַ שטוב אַהינקומען, די שטוב שטייט ווי געשטאַנען. אָבער ס'איז שוין גאָר אַן אַנדער מין שטיין.

ש ט אָ ט י ש ע ר: — וואָס פאַר אַ מין שטיין, אדראבּע דערציילט.

ד אָ ר פ י ש ע ר (געלאַסן): — איר פאַרשטייט דאָך, ווי שווער ס'איז איצט קריגן אין אַ דאָרפיש הויז אן אָרט פאַר אַ מיניען. ערשטנס, איז יעדער איד באַזאָרגט מיט אַ ווייב און מיט קינדער, און מע איז אויך באַוואַקסן מיט אויפעס, וואָס לייגן זיך אין שטוב, און מיט אַ קעלבל, וואָס דאַרף אַ וואַרעמן ווינטער-ווינקל, און ווער רעדט, אַז אַ איד האָדעוועט אַ כאַזער, איז דאָך אַוואַדע ניט שאַיעך ריידן וועגן אַ מיניען אין שטוב. איז, אַז ס'מאַכט זיך איינער אַן עלטערער פויער, וואָס וואוינט געראַמער — בעסאַכאַקל ער, דאָס ווייב און אַ זון אַ באָכער אין די יונגע יאָרן, — און אַז ער איז מאַסקים אַריינצולאָזן צו זיך דעם מיניען אין שטוב, איז דאָך געוויס גוט. דאַוונען, דאַוונען בא אונז אין דאָרף געציילטע עלטערע מענטשן, און דאָס דאַוונען איז אויך ניט מי-יעדייע וויפל די לענג. ווארום, אַז אַ איד אַ פויער אין דאָרף היט שוין אָפּ שאַבּעס, קומט ער אויך בא אים אויס ניט מער, ווי אַ גויאישער זונטיק — אין דער פויערשער ווירטשאַפט, ווייסט איר, זיינען פאַראַן אַרבעטן, וועלכע מע קאָן בעשום אויפן ניט אָפּלייגן אף מאָרגן — מיילע קלייבט מען זיך צונויף דאָס איינמאָל אין וואָך און מע דאַוונט אָפּ אַקעגן אַ האַלב שאָ — ווי נאָך דעם וועטער נאָך.

ש ט אָ ט י ש ע ר: — נאָך דעם וועטער נאָך?

ד אָ ר פ י ש ע ר: — נו, יאָ, נאָך דעם וועטער נאָך — איז דער וועטער אַ שלעכטער דאַוונט מען מער, איז דער וועטער אַ גוטער דאַוונט מען אָפּ אפּדערגיך און יויצע, מע דאַרף דאָך לויפן אין פעלד אַריין.

ש ט אָ ט י ש ע ר: — ריכטיק.

ד אָ ר פ י ש ע ר: — ריכטיק. האָבן מיר טאַקע אַזוי געדאווונט — א פיר פינף כאַדאָשים, ביז דער יונגער באָכער, יענעם אַלטנס זון, וואָס האָט בעעמעס די גאַנצע צייט ניט געוואָלט ליידן דעם מיניען אין שטוב — אַ קאָמיוגיסט איז ער גאָר — האָט ער גענומען און צי בעקיוון, צי פון שיינקייט וועגן, אָבער ער האָט גענומען און אויסגעקלעפּט אַ גרויסן סערפּ און האַמער אף דער דרויסנדיקער וואַנט פון זיין שטוב צו דער גאַס צו. ס׳פאַרשטייט זיך, ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אונזער מיניען איז געוואָרן אויס, באָטל געוואָרן.

ש ט אָ ט י ש ע ר: — וואָס הייסט?..

ד אָ ר פ י ש ע ר (ברויגעז): — אָט דאָס הייסט. וואָס וועלן מיר באַליידיקן די ראַטנ-מאַכט? צי דען ווייסן מיר ניט, אַז אַ סערפּ און האַמער קלעפּן זיך ניט צו אַ מי-ניען, אַז אין אַזאַ שטוב פאַסט ניט זיך צונויפקלייבן און דאַוונען? און ווער פאַר וועמען דאַרף אָפּטרעטן דעם וועג, הא? (גרייפט אָן אפן שטאָטישן מיט קאַעס) ווי זאָגט איר, אַדעראַבע, ווער פאַר וועמען דאַרף אָפּטרעטן, ווער פאַר וועמען, פרעג איך אייך?..

פאָר-דעקלאַמאַציע

ש. ראָסין.

בערל בעקער

I

איינער דערציילט:

בערל בעקער איז אַ פּראָסטער איינגל,
זיינע אויגן זיינען מעליק-גרוי.
צו דרייצן יאָר — גאָר אַ קינד נאָך,
האָט ער געקנאָטן שוין קאַסטנס ברויט.

איינער:

בערל בעקער ווייס, וואָס ברויט איז,
און עפּעס נאָך ווייסט בערל גוט;

איינער:

דערפאַר האָט ער אַזוי דערפרייט זיך
מיט רויטן שטערנדל אַף גרינעם הוט.

איינער:

אויסגעוועון אַף אַלע פראָנטן
אין לענדער פרעמדע, אין אייגן לאַנד!

איינער:

דערפאַר איז טייער די רויטע פאָן אים
און ביקס געלאָדענע אין האַנט...

II

איינער:

האָט זיך אַ מיטנ-טאָג אַ שטאָטישער פּאַרטייעט
איינגעהערט אין זיך צו שלאָפנדיקע שרעקן —

איינער (שרייט אויס, ס'דערהערט זיך אַ רוף פון אַ טרויב):

פּלוצים האָט אַ שאָט געטאָן מיט כאַיל

אַ שטימע:

און האָט דעם טאָג אַף טויזנט שטיק צעברעקלט...

אַ ל ע:

אויפגעפּלאַצטע הודושענדיקע גרילן
האָבן הימל אנגעצויגענעם אַף שטאָט צעלעכעוט

א יי נ ע ר:

ס'האָבן נאָך אַף גאַסן זיך געצויגן רויטע טיילן,

אַ ל ע (ביסלעכווייס פאַרהאַלטנדיק דעם טעמפּ צום סאָף):

ס'האָט וואָקזאַל געפלאַקערט נאָך מיט רויטס אַף דעכער...

III

אַ ל ע (פעסט, ענערגיש, אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט פון „מאַרסעליעזע". דער ראַיאַל שפּילט און אַ טייל פון כאָר זינגט מיט פאַרמאַכטע מיילער די מעלאָדיע):

זאָלן אַקסלען זיך ענגער פאַרשליסן,
און ביקס זאָל געצילט זיין און גרייט:
ס'האָט דער סוינע אין שטאָט זיך באַוויזן
און דראָט אונזער כאַיל מיט טויט.

א יי נ ע ר (הויך):

איז אין ראַטנהויז געווען אַ באַראַטונג,

א יי נ ע ר (יעדער וואָרט באַזונדער):

האָט בערל גענומען אַ וואָרט.

א יי נ ע ר (האַרט):

בראָנעוויק זאָל דעם סוינע פאַרהאַלטן,
און, כאַווירים, אָט דאָס לייג איך פאָר...

אַלע (די צוויי שטימען ציען: ש-ש-ש-שטיל):

און שטיל איז געוואָרן די זיצונג,
און אַלע ווי איינער פאַרשטייט:

(דריטע שטים כאַזערט איבער אין דער צייט אופגערעגט: בראָנעוויק!.. בראָנעוויק!.. בראָנעוויק!..)

1-טע שטים (פּלוצים שטאַרק):

בראָנעוויק וועט אַליין דאָך ניט שיסן,
בראָנעוויק וועט אַליין דאָך ניט גיין...

(אַ גרויסע פּויזע. נאָך איר דאָס וואָרט: „בראָנעוויק" לויפט אריבער פון דער 3-טער צו די 2-טע, דערנאָך צו די 1-טע שטימען).

א יי נ ע ר:

אַנטאָן האָט פאַרקוקט אַף די הענט זיך,

א יי נ ע ר (אויסגעשריי):

און פּלוצים ער שרייט אויס פון אָרט:

א יי נ ע ר:

היי, בעריק, נעם, ציִ אָן די ליענטעס,
און איך מאַך שוין גרייט דעם מאָטאָר...

IV

(באַם אויספירן דעם גאַנצן IV טייל, קאָפּירן די לעצטע רייען די קלאַנגען פון א בראָנעוויק: מע הורושעט, מע קלאַפּט אָפּ דעם טאַקט מיט די פּיס א. א. וו.)

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, יעדער טראַף באַזונדער. 1-טע שטימען מאַכן: רו-טו-טו, רו-טו-טו...

3-טע שטים:

א בראָנעוויק, א בראָנעוויק צערעוועט זיך אַף פלעצער,

-טע און 2 (פּאַנאַנרערציען יעדעס וואָרט).

אַ בלינדער העלפאַנט רעדערט שווערן לאַסט,

(שווער, לאַנגזאַם. מע טיילט אויס אלגעמיינע ש... ש...)

און שלעפּט די שווערע פּיס ווי קלעצער,

און אַקערט מיטן נאָז די גאַס.

אַלע:

און טרייסלט אויף די לופט,

לע (אַלץ גיכער און גיכער און שטאַרקער):

די גאַס, די גאַנצע שטאָט שוין,

(אין איין צייט. אופגערעגט, ס'דארף זיך באקומען א מישמאַש פון שטימען)

3-טע שטים:

און טרייסלט אויף די לופט,

2-טע שטים:

די גאַנצע שטאָט...

1-טע שטים:

און טרייסלט אויף די לופט, די גאַס, די גאַס, די גאַנצע שטאָט שוין,

אַלע (אף די העכסטע נאָטן):

און וויגט זיך דער הימל און די ערד.

איינער (שרייט הויך):

דאָס האָט זיך בערל בעקער מיט אַנטאָן מאַטראָסן

געשטעלט מיט בראָנעוויק דעם טױנע אַפן וועג.

(קלאַנגען ש...ש...ש...).

1-טע שטים:

אינמיטן זיך פאַרשניטן, אַף צייל עם פון די וועגן,

2-טע שטים:

מיט לייב פון בראָנעוויק דאָס מויל פון גאַס פאַרשטאָפּט,

3-טע שטים: (שטאָלץ):

זיי וועלן זיך ניט רירן, זיי וועלן ניט אַוועקגיין

אַלע (פאַרהאַלטנדיק ביסלעכווייז דעם טעמפּ):

זיי זיינען גרייט באַצאָלן פאַר דעם מיט זייער קאָפּ...

באַמערקונג: קעדיי צו שאַפן אַן עפעקט פון אן ארבעט פון בראָנעוויק (מאָטאָר), קאָן מען אויסנוצן אַ פּאַשעטע פיאָנערישע טרויב: אין איר האלז שטעלט מען אריין א שטיקל פּעדער פון אַ גאַנז און מע בלאָזט.

איציק פעפער

דער רייטער מיט זיין פערד

I

איינער (רואיק ווי א דערציילונג):

ניט אין פעלד און ניט אין סטעפּ,
ניט אין טיפן,ווייטן וואַלד —
אויפן ברעג פון שטילן דניעפּ,
צווישן כאַטקעס פויל און אַלט
האָט געוואוינט אַ מענטש אַ לאַנגער
מיט זיין הייסן, ווייסן פערד.

אַלע (ברייט מונטער):

גרינג און פריילעך און געזונט

2-טע שט.:

האַרט, ווי שטיין

1-טע שט.:

און פריש ווי ווינט.

איינער:

פלייצעס שטאַרקע, פעסט און שלאַנק,

איינער (פריילעך):

קיינמאָל טוט אים גאָרנישט באַנק,

1-טע שט.:

פריש ווי ווינט

אַלע:

און הייס ווי זון,

איינער (אריינרייסנדיק זיך):

וואָס קאָן אַזאַ יונג ניט טאָן?

3-טע שט. (שווער):

ברען און ברעך,

אַלע:

און שטאָל און אייזן

א י י נ ע ר (מונטער):

וואָס קאָן אַזאַ יונג ניט ווייזן ?

1-טע שט.: וויל ער לויפֿן,
2-טע שט.: קאָן ער לויפֿן
3-טע שט.: איבער שליאַכן,
1-טע שט.: איבער הויפֿן,
2-טע שט.: איבער טײַכן,
3-טע שט.: איבער גריבער

(אַלץ גיכער און גיכער, דער ריטם קאַפּירט ז׳ שפּרינגען יקן פֿערד.)

אַ ל ע (אַלץ לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער):

אַלץ דעריאָגט
און אַלץ אַריבער !
אַלץ דעריאָגט
און אַלץ אַריבער !

א י י נ ע ר (שנעל):

וואָס איז מיד און וואָס הייסט הונגער,
ווען ס׳איז דאָ אַ פֿלינקער פֿערד,

א י י נ ע ר:

טו א ווײַז נאָר מיט די פֿינגער

1-טע שט.:

פֿליט ער אויס די גאַנצע ערד !

אַ ל ע (גיך. עס זאָלן זיך שטאַרק הערן די קלאַנגען פֿ—ל):

פֿליט ער, פֿליט ער,
פֿליט ער, פֿליט ער:

1-טע שט.: איבער בריקן,
2-טע שט.: איבער פֿלויטן,
3-טע שט.: גלייך איז גלייך
3-טע שט.: און קרום איז קרום.
1-טע שט.: איבער פֿעלדער,
2-טע שט.: איבער ברויטן,
3-טע שט.: אומעטום און אומעטום.

(אַלץ גיכער און גיכער, אָפּהאַקנדיק די פֿראַזן. מע קאַפּירט די קלאַנגען פֿון די טלאָען.)

אַ ל ע (גיך):

וועט ער יאָגן,
קאָן ער יאָגן,
וועט אים קיינער ניט דעריאָגן.

ש ט י ם (מיט פֿרייד):

ווייס ווי שניי

2-טע שטים (דיזעלבע):

און הייס ווי זון,

איינער:

וואָס קאָן אַזאַ פערד ניט טאָן?

3-טע שטים:

ברען און ברעך

אַלע:

און שטאָל און אייזן

איינער:

וואָס קאָן אַזאַ פערד ניט ווייזן?

1-טע שט. (הויך):

וואָס קאָן אַזאַ פערד,

2-טע שט. (נידעריקער):

וואָס קאָן אַזאַ פערד,

3-טע שט. (נאָך נידעריקער):

וואָס קאָן אַזאַ פערד

אַלע:

ניט ווייזן

II

(דער 2-טער טייל ווערט אויסגעפירט אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט פון דער מעלאָדיע: „ווייסע כאַיאָלעס, שוואַרצער באַראָן". אויב ס'איז ניטאָ קיין ראָיאַל, אַקאָמפּאַנירט אַ טייל פון כאָר, וועלכער זינגט די־דאָזיקע מעלאָדיע מיט פאַרמאַכטע מיילער).

לאַנגזאַם, נידעריק. פאַנאַנדערציען די לעצטע שורע.

1-טע שט.: **טיר און פענצטער צוגעשלאָסן**

1-טע און 2-טע שט.: **און פאַרקרעמפּעוועט מיט דראַט,**

אַלע: **גאַנצע טעג האָט מען געשאָסן**
אין אַ שטילער, דולער שטאָט.

איינע (אַזוי ווי פונדערווייטן):

פלעגט מען קומען,

איינער:

פלעגט מען לויפן

איינער:

אָן אַ סאָף און אָן אַן עק,

איינער (שטאַרקער):

שפּאַן דאָס פערד און איבער הויפן

איינער:

און אַוועק,
אַוועק,
אַוועק.

איינער:

און אַף פערד און ווייט און ווייטער

איינער:

ביקס אַף פלייצעס און בּאַ זייט

איינער:

יאָגט אַ רייטער, פליט אַ רייטער

איינער:

ווייט און ווייטער, ווייט און ווייט.

דער טאָן איז אַ מער אופגעהויבענער ווי פריער.

1-טע שט.: טיר און פענצטער צוגעשלאָסן

1-טע און 2-טע שט.: און פאַרקרעמפּעוועט מיט דראָט,

אַלע: גאַנצע טעג האָט מען געשאָסן
אין אַ שטילער, דולער שטאָט.

III

(דער דריטער טייל ווערט אויסגעפירט אונטערן אקאָמפּאַנעמענט פון „מיר, רויטע קאַוואַלעריע”).

איינער:

ניט קיין טעג און ניט קיין וואָכן,

איינער:

ניט קיין טעג און ניט קיין נעכט

איינער:

שטוב פאַרברענט און פלויט צעבראָכן,
פליט אַ רייטער אַף אַ פערד,

אַלע (גיך):

פליט ער, פליט ער, פליט ער, פליט ער.

1 שט.:

איבער פעלדער

2-טע שט.:

איבער בריקן,

אַלע:

יאָג און פלי
און לויף און האַק

איינער:

ווער פּעטליורע,

איינער:

וואָס דעניקין,

איינער:

וואָס יודעניטש,

איינער:

וועך קאַלטשאַק.

ײ נ ?ר:

נו, געבראָכן איז געבראָכן

טעג מיט שווערד און נאַכט מיט שווערד.

ײ נ ע ר:

ניט קײן טעג און ניט קײן וואָכן

1-טע שט.: פליט אַ רײטער אַף אַ פערד

3-טע שט.: איבער שליאַכן,

1-טע שט.: איבער הריפּן,

2-טע שט.: איבער טײכן,

3-טע שט.: איבער גריבער,

דער ריטם אַזוי ווי פריער

ל ע (פאַרהאַלטנדיק ביסלעכווײז די גיכקײט):

אַלץ דעריאָגט

און אַלץ אַריבער

אַלץ דעריאָגט

און אַלץ —

אַריבער!

-טע שט.:

אַלץ צעטריבן און פאַרטריבן,

-טע און 2-טע שט.:

ניט קײן פּריצים ניט קײן גאָלד,

ל ע:

נאָר געבליבן איז געבליבן

נאָר ווי מיר האָבן געוואָלט.

(אינטערנאַציאָנאַל)

אַ מ ע ר ק ו נ ג ע ן: 1) ווערטער, וואָס זײנען אונטערגעשטראָכן מיט אַ פּאַסיקל (—) דאַרפן זײן אויסגעטײלט באַם דעקלאַמירן שטאַרקער פון אַנדערע; די, וואָס האָבן צווײ פּאַסיקלעך (═) נאָך שטאַרקער.

2) די 1-טע און 2-טע טײלן ווערן אויסגעפירט אין אַ קלאָרן מונטערן טאָן.

3) באַם אויסלײענען די ליד, צעטײלט זיך די גאַנצע גרופּע אַף דרײ שטימען. אין דער 1-טער גײען אַרײן הויכע, דינע שטימען (סאָפּראַן), אין דער 3-טער — גראָבע, נידעריקע (אַלט), אין דער 2-טער שטימע—מיטעלע (2-טער סאָפּראַן).

ה. לייוויק

די הייליקע ליד וועגן הייליקן קרעמער

(כאָר-דעקלאַמאַציע און אינסצענירונג *)

ערשטער: פאַרלאָזן די הייליקע קראָם,
צווייטער: געשטאָרבן דער הייליקער קרעמער.
דריטער: עס שימלט דער הייליקער שוואָם,
פערטער: עס זשאַווערט דער הייליקער עמער.
פינפטער: עס וויינען אין הייליקן זאַפט
זעקסטער: די הייליקע הערינג, טאַראַנען,
זיבעטער: אין ניוועץ דער הייליקער נאַפט
אַכטער: רינט אויס פון די הייליקע קראַנען
אלע: און דאָס הייליקע צינגל
פון דער הייליקער וואָג —
וויי, וויי, וויי!
שלומערט באַנאַכט
און שלומערט באַטאָג—
וויי, וויי, וויי!
ערשטער: עס שוועבט אַפן הייליקן טאָג
צווייטער: דעם אויבערשטנס הייליקע שליטע
דריטער: אין טרויער פון הייליקער קלאָג
פערטער: באגלייט ווערט די הייליקע מיטע.
פינפטער: די הייליקע פושקע קלאַפּט צו
זעקסטער: אין הייליקן טאַקט פון געיאָמער —
זיבעטער: מע פירט צו דער הייליקער רו
אכטער: דעם גוף פונם הייליקן קרעמער.
אלע: אָ, דער הייליקער קוינע
פון דער הייליקער וועלט —
וויי, וויי, וויי...
וועט ניט האָבן וואו אויסברענגען
ס'הייליקע געלט —
וויי, וויי, וויי...
ערשטער: פאַרלאָזן די הייליקע קראָם.
אלע: געשטאָרבן דער הייליקער קרעמער!..

---

* די אינסצענירונג קאָן באַשטיין פון אילוסטראַטיווע כפייצים, וואָס ווערן דאָ דערמאָנט אין ליד— ביז דער מיטע מיטן קרעמער, דערביי אפילע געהעריקע כאָר-געזאַנגען אָדער מוזיקאַלער רעציטאַטיוו.

ל י ד ע ר

א. בעזימענסקי

אידיש: אַ. קאָווגער

פאַרטייבילעט № 224332

פאַרשוואַרצטע ארבעטסהענט אַ גאַנצע וועלט
צעטראָגן,
די ערד צעשניטערן...
עט פעלט עפּעס אין הענט...
— דערציייל. פּאַרטיי מיינע... וואָס זוכסטו דאָרטן,
זאָג מיר ?...
א טרויערקאָל מיר ענטפערט:
— אַ פאַרטייבילעט.

נאָר איין פאַרטייבילעט... און האַרץ איז גרייט
זיך שפּאַלטן
און ציטער פלאַקערדיק אין האַרצן זיך צעברענט...
עדשט נעכטן האָב איך אים נאָך אין די הענט
געהאַלטן
נאָר טויט געשלאָגן האָט —
געפאַלן דער בילעט...

העי, פּראָלעטאַריער, העי קלאַפּט אין אַלע טירן;
צי דען איז ער ניטאָ, איז טויט גערעכט אַזוי?
נאָר איין פאַרטייבילעט... אַ קליין בילעט פאַרלירן,
און מוירעדיק דער בלויז אין קערפּער פון פאַרטיי...

כ'האָב די פאַרטיי געהערט, איר ווייטיק ברייט
מיט פלאַמען,
נאָר ס'האָבן מוסקולן פאַרפילט די האַנט מיט
שטאָל:
— פאַ־טיי מיינע!
מיט דיר! מיט דיר בין איך צוזאַמען,
העי, הערסט פונם וואַרשטאַט דעם פּראָלעטאַ-
ריערס קאָל?!

זאָל זיין, אַז האַרץ פאַרשטיקט, און ווייטיק זאָל
ווי שווער זיין,
איך שיק אַ הילף צו דיר — מיליאָנען-שטראָם
צעברויזט!
א שטראָם פון אַרבעטער, מיט סאָן פון קאָמינטערן,
ווערט אין פאַרטיי פאַרפילן מוירעדיקן בלויז.

און איך — דער ערשטער גיי, פון לאַגר
פון די סאָוועטן
— העי, הערסט פאַרטיי, איך שווער! איין יאָר
פאַרבייגיין ווערט
און ס'וועלן הונדערט טויזנטער פאַר-
טייבילעטן
פאַרבייטן לענינשן פאַרלוירע-
נעם בילעט!

איציק פעפער

* * *

סיביר,
אוראַל,
קאַלוגע און טריפּאָליע
מיט הייסן בלוט אין הייסן לייב צעבליט —
כ'בין אומעטום
א הייסער קאָמסאָמאָליעץ
מיט יונגע
זינגענדיקע טריט.

אין פעלד, אין דאָרף, אין רויכן און אין שאַכטן,
וואו יעדער שאָ איז גרייט פאַר נייעם גליק —
דער הייסטער מיטן שווערד אין יונגע שלאַכטן,
דער הייסטער,
מיטן האַמער אין פאַבריק.

אין טעג אַזוינע יונגע,
אין טעג פון פּראָסטן וואונדער,
אין יעדער שפּאַן אויף אונזער גרויסער ערד —

נאָר מיר, נאָר אונז, נאָר באָרוועס גרויע קינדער
דאָס נעכטיקע
צעשיסן איז באַשערט.

סיביר,
אוראַל,
קאַלוגע און טריפּאָליע
מיט הייסן בלוט אין הייסן לייב צעבליט —
כ׳בין אומעטום אַ הייסער קאָמסאָמאָליעץ
מיט יונגע זינגענדיקע טריט.

איציק פעפער

קאָמסאָמאָלקעס

איבער שטעט און דערפער גייען שוואַרצע וואָלקנס,
פאָרן אויף די פראָנטן בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס.

א ציגאַר אין ליפּן, אויף דער זייט דאָס היטל —
בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס פון דערפל און פון שטעטל

פון דערפל און פון שטעטל, פון נאַקעט און פון
כורוועס.
בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס — הונגעריק און באָרוועס.

פון אַלע זייטן שפּאַרן וורענגעל און פּעטליורא —
זייבען קאָמסאָמאָלקעס אויפן פראָנט געפאָרן.

ווארעם זייגען הערצער, וואַרעם זייבען אויגן.
זייבען קאָמסאָמאָלקעס אויפן פראָנט געפלויגן.

וואָס אַ טאָג איז שווערער, וואָס אַ טאָג איז
ליבער —
ליגן אויסגעוואָרפן יאַטן איבער גריבער.

ליגן אויסגעוואָרפן יאַטן, קאָמסאָמאָלקעס.
ערגעץ גייען פאָלקן, ערגעץ שיסן פאָלקן.

איז א יאַט געפאַלן. ליגט אַ יאַט אין וואונדן
מיט אַ ווייסן פאַרטעך וואונדן צוגעבונדן.

וואָס איז טאַטעס ווערטער, וואָס איז מאַמעס טרערן?
לעניך, ראַטן, פראָנטן, קים און קאָמינטערן.

אויפן פראָנט געגאַנגען, פונעם פראָנט געקומען,
וויפל יאַטן הייסע, וויפל ליבע נעמען...

איבער שטעט און דערפער, שווימען גיט קיין וואָלקנס —
פאָרן פון די פראָנטן בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס.

ש. ראָסין

רויטאַרמייער

צען יאָר פון פלאַטערדיקער בויאונג,
אַז סע ציט זיך, אַז סע דויערט אונזער זיג.
— ס׳איז יעדערער פון אונז א רויטארמייער
אין פעלד, באַם שרייבטיש, אין פאַבריק.

— פון אַלע ברויטן דאָס זעטיקסטע איז—קאָרענע,
פון אַלע טויטן דער גליקלעכסטער—אין שלאַכט.
— אונזער לאַנד באַהיטן און באַוואָרענען
מיר שטייען שטענדיק אויף דער וואַך.

און זאָלן סאָנים לויערן
אויף אונזער לאַנד, אויף אונזער וואַקסנדיקן ברויט:
דאָס לאַנד פון אַרבעטער און פּויערים
וועט קיינמאָל ניט געהערן זיי.

דאָס לאַנד פון אַרבעטער און פּויערים,
וואָס האָט פון הויך אויף לענדער זיך פאַרקוקט, —
וועט דויערן, וועט דויערן, וועט דויערן
און קיינער וועט ניט אָפּשטעלן זיין וואוקס...

ע. פינינבערג

מאַטראָס

פון וועלכן קאַנט און פון וועלכער שטאָט,
יונגער מאַטראָס פונם באַלטישן פלאָט?
אַ קיילעכיק היטל מיט סטענגעס אף אים:
„באַלטישער פלאָט, אונטערוואַסערן-שווים".
ר׳געדענקט שוין אַליין ניט זיין שטאָט און זיין שטאם.

ער פאָרט קיין קראָנשטאַט צו זיין שיף אַפן יאַם.
אַ טאָג און אַ נאַכט, אַז עס שלעפט אונז
„מאַקסים".

אַ טאָג און אַ נאַכט, אַז מיר זינגען מיט אים.
אַף פעלדער אף טונקעלע שמעקט שוין מיט שניי.
אַף פעלדער אף טונקעלע ר׳גיט אַ געשריי.
אַף פעלדער אף טונקעלע גיט ער אַ קוויטש, —
פרייליכע מונטערקייט, באַכערשע היץ,
פריילעכע מונטערקייט, מוידישע קראַפט:
— ערד, איך צעשטער דיך און ווידער באַשאַף!..
מויל גיט „מאַקסימקע" אַ סקריפ נאָך אַ סקריפ...
דערציילט ער מיר מאַיסעס פון יאַמישער טיף.
ביז אָנקום קיין מאָסקווע נאָך ווערסטן אַסאַך.
דערציילט ער מיר מאַיסעס פון ברידער אין שלאַכט.

אַ פייף און אַ פאַטש זיך אין קניעס: — אָ-וואַ,
און טויזנטער ליגט אף די פעלדער בראַטווע!..
„אוראָרע" געטאָן האָט אַ קנאַל פון נעווא, —
אַוועק איז אף פעלדער זיך שלאָגן בראַטווע!..
אין פייף און אין רייד זיינע הער איך דעם ראַש,
דעם גרויזאַמען ראַש בא דעם שטורמען טיוואַש.
אין רייד זיינע הער איך דעם פאָדער פון פאָן:
„דערלאַנג אונז סיביר און דערלאַנג אונז דעם דאָן!..
כאָטש אַ מיסע-מעשונע, כאָטש שפּרינג פון דער הויט, —
דאָס לאַנד מוז זיין אונזערס, דאָס לאַנד מוז זיין רויט!"

פון רייד און פון פאָנעם מאַטראָסישן ווייט,
מיט יאַמישער טיף און מיט יאַמישער ברייט.
אין ס׳קלינגען ווי מאַיסעס פון טויזנט-איין נאַכט
מאַטראָסישע מאַיסעס פון ברידער אין שלאַכט...
שלעפט אונז „מאַקסימקע" און פאָרט און דערפאָרט.

באַם אָנקום קיין מאָסקווע א גרויער קאַיאָר.
די גאַסן און פלעצער — אין קילן באַגין,
בא געסל פאַרנעפלט איך שייד זיך מיט אים.
— „געזונט בלייב, בראַטישקע. דו גריס דאָרט קראָנשטאַט,
דו גריס יעדער שיף דאָרט און גריס יעדן יאַט".
— „בראַטישקא, פאַרגעס ניט. דו שרייב אָן אַ בריוו,
קום זומער צו פאָרן צו אונז אף דער שיף.
וואוילע בראַטווע אף דער שיף דאָרט פאַראַן.
מיר וועלן דיר ווייזן דעם באַלטישן יאַם..."
פון ראָג מיט דער האַנט נאָך אַ מאַכע מיר: — העי,
געזונט בלייב, בראַטישקא!... — אַ קוויטש, אַ געשריי,
פריילעכע מונטערקייט, מוידישע קראַפט:
— ערד, איך צעשטער דיך און ווידער באַשאַף!...

מ. כאַשטשעוואַצקי

לוניאַל*

אין גרויסן קרעמל-זאַל, צווישן זיצונג און באַראַטונג,
אף הויכן שטול באַדעקט מיט שניי-ווייסן טשעכאָל,
האָט זיך אַ נעגער צוגעזעצט פאַרמאַטערט, —
אַ נעגער מיטן נאָמען לוניאַל.

פון הויכן שטול, פון דעם מיט קרוין באַצירטן,
דאָ האָבן הערשער גרויזאַמע געוועלטיקט איבער לאַנד,
און מיליאָנען קנעכט באַרויבטע און פאַרפירטע
געהאַנגען זיינען אף דער רוט פון שווערער האַנט.

* אַ נעגער — א דעלעגאַט פון קאָמינטערן.

און כניפּעדיקע ראָד פון פאַלשע דינער
מיט גיפט אין האַרץ, מיט זיסע רייד אין מויל
דעם הייסן דאָרשט פון בלוטגירער מעדינע
געשפּילט האָבן מיט שטריק, מיט בליי און קויל...

... און לוניאָל — אַ נעגער פון דער הייסער
קאָנגאָ-געגנט...
אַף שוואַרצן לייב, וואָס איז פון זון פאַרברענט,
וואָלט מען ביז איצט געוויס זיי נאָך דערקענט
די שוואַרצע צייכנס פון די באַמבוק-שטעקנס.

ער האָט געוויס נאָך פאַרגעדענקט ביז איצט
די שוואַרצע נעכט און גליענדיקן דאָרעם,
ווען ס'האָבן ציין אָנמעכטיק זיך פאַרקריצט
און פויסטן זיך געדריקט אין שווערן צאָרן...

צעבראָכלט איז די רוט פון ווילדער מאַכט,
ס'איז הערשאַפט גרויזאַמע ווי אַש צעשאָטן

און גיט קיין שקלאַף האָט שוין אין שטורעם-נאַכט
די הויכע שוועל פון קרעמל-זאַל באַטראָטן.

די שווערע שטילקייט פון די קרעמל-ווענט
צעהוידעט איז פון היימישן געווימל,
און ס'הערן צו געוועלבן, ווי פאַרשעמט,
פילשפּראַכיקן גערייד פון בונטע שטימען.

און קומט דאָ ווער אַהער, און טראָגט ער האַרץ
און מוט און מוידישע אים ברענט אין די גע-
בליטן,
איז ער אַ כאַווער דאָ, איז ער אַ גאַסט,
איז ער מיט אַלע דאָ באַגלייך פאַרבעטן...

אַף הויכן שטול מיט זויבערן טשעכאָל —
אַ נעגער מיטן נאָמען לוניאָל...

ל. קוויטקאָ

מ אַ י

מיט מעסער-שפּיץ אַ שטאָך אין דער בעריאָזע, —
הויבט אָן וואַסער טריפן, טריפן, טריפן.
פון קעמפנדיקער ערד ביז בלויע טיפן, —
נעמט ארויף אונז, פרילינג, אַף די לייכטע שיפן.

פון קעמפנדיקער ערד ביז בלויע טיפן, —
מיר זינגען קאַמף, מיר זינגען זיג-געזאַנגען, —
דער רוף צו קאַמף מוז יעדן לאַנד דערלאַנגען!
צו יעדן לאַנד איז גרוס פון זיג דערגאַנגען!

דער רוף צו קאַמף טוט יעדן לאַנד דערלאַנגען:
ער הויבט אין שטאָט די שטאָל, אין דאָרף, — די פלאַקסן, —
מע גייט, מע גייט, מע גייט, מע גייט
פון דערפער, שטעט, —

מיר וואַקסן!

א. קושניראָוו

ראָסייאַ

העי וועט אונז דערציילן,
ווער וועט אונז באַוואוסטיקן
פון געשעענעם און פון געוועזענעם...
העי, ראָסייאַ, קריטיקע און מיסטיקע,
ס'האָבן ניט פאַרשפּאַרט דיך
העלטס פאַרשטויבטע בעזעמער.

ניט פאַרשפּאַרט דיך, נאָר די האַרטע ריטעליך
אויסגעריבן און צעזייט אַף דיר ביינווילנדיק...

העי, געדיכט צעזייט
זון אויפגעגאַנגען שיטערלעך —
ניט דיך בייגעקומען, ניט פאַרטיליקט דיך.

מעג זיך וועלט נאָך אקשענען,
מעג זיך וועלט ניט רעכענען
ניט מיט דיינע עמעסן, ניט מיט דיינעליידן,
רויכיק, אָבער ליכטיק ברענען פעסער פעכענע,
וואָס דו האָסט אָנגעצונדן
אַף דיין גרויסן שיידוועג.

ניט דער גיבער שימשן אין זיין לעצטן ראַנגל
טרייסלט אויף די זיילן פון זיין פיינטס פעסטונג —
דאָס האָסטו, מיין לאַנד,
די וועלט באַראַשט מיט קלאַנגען,
וועלכע שטייגן הייַנט פון דיינע גלאָקן-נעסטן.

אונטער הויכע הימלען, איבער וועלטנס ענדן
ניט קיין כמארעס רינגלען, ניט קיין ווינטן רעדערן...
העי, דאָס פליען אויף
און וויכערן אַף לענדער
פון דיין שווארצן אָדלער אויסגעפליקטע
פעדערן.

און פון פייער-בליצן שנעלער נאָך און פלוץ-
לינגער
ליכטיקער און פאַרביקער פון מענטשישע באַגערן
האָט אַף ערדן אויפגעשיינט
דיין פינפשפּיציקער,
דיין ניצאָכנדיקער פייערדיקער שטערן.

א. קושניראָוו

צ ו ג

נו, געוּוג,
אָפּגערוט און איבערכאַפּט דעם אָטעם —
צייט אין וועג אַריין זיך לאָזן ווייטער,
צוג, מיין צוג!

די וואַגאָנעס — אייזן-פעסט געבויט,
איינס און איינס און אויסגעפּרוּווט איז יעדער
פון דער האַרטער גלאַנצנדיקער הויט
ביז די שווערע, שווינדלענדיקע רעדער.

און אין שפּאַן — אַזאַ לאָקאָמאָטיוו —
אין געלויף מיט אים זיך ניט פאַרמעסטן,
ווען ער שפּרינגט אַריבער טיפסטע טיף,
ווען ער שלינגט פון אונטער זיך די ווערסטן.

ס'האָבן יונגע און פאַרגלויבטע הענט
אַרום אים כאַראָשים זיך געפּאָרעט —
ער זאָל יאָגן, ער זאָל טראָגן זיך אין וועלט
מיט א רויטן שטערן אפן פּאָרנט.

אַלע פעלדער איצטער אין מיין לאַנד
אונטער ווייסע שנייענדיקע פעלדן, —
און עס יאָגט זיך, און עס טראָגט זיך נאָכאַנאַנד,
און ער לויפט און לויפט, און לויפט דער שנעל-צוג.

נאָר דער שווינד פון רעדער ווערסטן האַקט,
נאָר די שויבן ליכטיקייט צעטרייסלען...
אין וואַגאָנעס פול און פול געפּאַקט —
יונגען אימפּעטיקע, זינגענדיקע, הייסע.

הייסע יונגען אין די שויבן אָנגעשפּאַרט,
קעפּ אַף קעפּ אין ליכטיקייט זיך באָדן,
און אין יעדערן פון זיי דאָרט זיצט אַ האַרץ,
איי, א האַרץ... מיט ברויז אַן אָנגעלאָדנס!

עמעצער די פויסטן דריקט צונויף
און מיט ציין פאַרקריצט שוין דאָרטן עמעץ,
ווען דער צוג אין אימפּעטיקן לויף
שטויסט זיך אָן מיט שטערן אין א גרענעץ.

עפּשער איז געקומען שוין די צייט,
איסלאָדן ניט וואָס די הערצער ברויזן...
אָט די גרענעצן — אַף ווערסטן ווייט —
אָט... צושפּאַרן זיי אַף עטלעכע כאָטש טריזנס!

דו אזעלכער, דו אזוינער, דו מיין צוג!
נאָך פאַראַן פאַר אונז א וועלט א ווייטע, —
איבערכאַפּט דעם אָטעם — און גענוג!
צייט אין וועג אריין זיך לאָזן ווייטער!

מ. ט יי ף

פאַבריק-ליריק

כ'האָב הייַנט דעם ערשטן מאָל, דעם ערשטן
מאָל דערזען די זון,
א הויכע פרילינגדיקע זון אַף דעכער;
האָב איך דערפילט אין זיך מיין בליאיקן געזונט,
ווען מיר גייען נאָך דער אַרבעט פון די צעכן.

דעם ערשטן מאָל, דעם ערשטן מאָל האָב איך
דערפילט די זון אין גאַס,
אַ קוש א וואַרעמען אַף קנעכעלעך און קני.
אין זאָגט שוין ניט, אַז איך בין מיר, אַז איך
בין בלאַס.

ווייל ס'האָט מיך זון געקושט, געשמאַק געקושט
אין גאַס.

און אַף מיין האַלז, די ריטשקעלעך מיט שווייס,
פאַרטראָגט דער ווינט צו פריליגדיקער לופט.
אַרט דען ווינטל ווער דו ביסט און ווי דו הייסט,
אָי דו ווינטל — דו געזונטע טרייסט!

לויב צו זון,
די ערשטע פרילינגדיקע טעג
נאָך שטוב און שווייס
געבענטשט זיי ליכט.
פון פאַבריק א קויטיק-שאָטנדיקער וועג
האָט מיך צו זון אוועקגעפירט.

ב. טשערניס

באַ דער מאַשין

דו דריי זיך מיין מאַשין,
צעיאָג, צעלויף זיך פלינקער,
דו טרייב, טראַנסמיסיע, דעם שטאָלענעם סטאַנאָק!
וואָלט איך געקאָנט —
וואָלט איך מיט אַלע פינגער
צעליגן אים, דעם ווינטעריקן טאָג:
צו קורץ איז מיר די צייט, —
דאָס לאַנר דאַרף אייזן האָבן.

יעדער קעסל האָט אַ הונגעריקן מויל, —
שיט מען אין זיי, וואַ פּט מען אין זיי קוילן,
נעמט וואַניוכא די פייער-שאַר און שאַרט,
נעמט אַראָן דעם לאָם, די קוילן און צעשפּאַרט,
און די מאַשיניסטן,
יונגע קאָמיוגיסטן,
אין די טיפע בוימעלקעס
קלאָרן בוימל גיסן.

ברוינע לייבער שוויצן,
מעש און קופּער בלישטשען,
פון ערגעץ און פון וואַנען
שפּייען אויס די קראַנען
מילעכיקן פּאַר.

איך שטיי און וואַרט,
ווי מיין מאַנאָמעטער ווייזט זיבן אַטמאָספערן,
און גיך וועט קלינגען גלאָק צו מיטאָג.
איך פּרוּוו די רערן,
איך זע, ווי יעדער רעדעלע
דרייט זיך אַף זיין אָרט.

פאַרנאַכט,
און אַלע טאָג און שטענדיק,
ווען איך מיין אַרבעט ענדיק,
וועט בייטן מיר אַ נייע וואַכט.

זעליק אַקסעלראָד

אַף אַרבעט

טיף אין האַרץ וואַרעמט מיך און וועקט
ערשטע שאָ, וואָס רופט אַף אַרבעט.
איך גיי און פריי זיך איבער ברייטן וועג
ווי אַלע יונגע גייענדיק אַף אַרבעט...

אין ווייסן שניי מיין טראָט בלייבט העל,
הימל קאַלטער שוין מיט בלוי באַלויכטן...
אַצינד קומט אויף פרימאָרגנדיקע וועלט
מיט ערשטן רויש און ווייסע רויכן...

אַף פריע גאַסן זייגען רעלסן שאַרף,
טראַמווייען לויפן דורך מיט לעשנדיקע שויבן...
צו א שטאָק א ווייטן פיר איך אָפּ מיין האַרץ
אין יעדן בליק פון מיינע שוואַרצע אויגן...

א קלונג א הילכיקער נעמט אויף מיין פרייד,
ליכט און רויש איז דאָ ווי שטענדיק ווידער,
נאָר אַלעמאָל פונדאַנען מיך באַגלייט
א קילע מידקייט אין די גלידער.

187—8*

און גיי איך שוין צוריק — איז שפּעטער אָוונט
גאסן מאָסקווער געצונדן שוין אין ליכט.
טרעף איך מיידלעך — ווערן אלע נאָענט,
יעדער איינע וואָלט איך צורופן צו זיך...

טיף אין הארץ וואַרעמט מיך און וועקט
ערשטע שאָ, וואָס נאָך דער ארבעט
איך גיי און פריי זיך אין מיין לאנגן וועג,
ווי אלע יונגע גייענדיק פון ארבעט...

ב. אָליעווסקי

* * *

אין ווייטן וואלד א ווייטע זון גייט אויס
און מאָרגן וועט א צווייטע זייט זיך מיען און
געבאָרן...

מיר זיינען קלייניקע געוואָרן גרויס,
און ווייסט דער רוף, וואו זיינען זיי די יאָרן!

ז'מיין ברודערל אוועק — לעבט ער שוין ניט מער,
א פולער באראבאן, א קעסעלע א מעשענס..
און איצטער ליגט זיין קאלטע" רעוואָלווער,
דער טויט אליין — א שווערער אין מיין קעשענע.

א יאָר... א יאָר... אוועק און ניט געבליבן,
געדענקען ניט דעם וועג און קומען ניט צו מיר...
מיך האָט אויפגעוועקט א קלייניקן פון וויגל,
אן אויפגעפלאצטע באָמבע בא מיין טיר.

און איצט איז שטיל און רואיק שלאָפן קינדער,
און אזא שטילער אָוונט וויגט זיך איבער זיי,
און טאטעס בויגן קעפ פארשאָטענע מיט
ווינטער,
געזונטע קעפ פארווייעטע מיט שניי.

און כ'גיי אן עלטערער פאר אייך איצט אויס,
מיר זיינען קיינער ניט ווי קינדערלעך געבאָרן...
מיר זיינען קלייניקע געוואָרן גרויס,
און ווייסט דער רוף, וואו זיינען זיי די יאָרן!...

אי. פּעפּער

ש י פ ן

טייך מיין ליבער, גרויסער דניעפּר, ברעגן דולע און פאַרשייטע!
פעלזן שווערע, פעלזן אַלטע, שטראָמען אומרואיקע, ווייטע.

שוועלן אַלטע, שטיינער גרויע ליגן רואיק און פאַרצאמען
דיינע שטראָמען, דיינע דולע, זייער וועג צו ברייטע יאַמען.

טייך מיין ליבער, גרויסער דניעפּר! דיינע שטראָמען וועסטו שיקן,
דיינע שטראָמען וועלן לייכטן איבער דערפער און פאַבריקן.

זאָלן ריטשקעס, טייכלעך קליינע לעם אַ וועלדל, לעם אַ שטילן
הוידען גראָזן אַף די ברעגלעך, דרייען שלעפעריקע מילן.

טייך מיין ליבער, גרויסער דניעפּר, דו וועסט ליגן און וועסט זען:
צו אָדעסער הייסע ברעגן שווערע שיפן וועלן גיין.

איבער ברעגן, איבער ברייטע, וועלן הענגען יונגע יאָרן,
שווערע שיפן וועלן פירן פולע זעק מיט ווייץ און קאָרן.

וועלן שיפן שווימען ווינטע, דאָרט, וואו וואָלקנס פרעמדע הענגען
פרעמדע כראַקטאָרס און מאַשינען וועלן שווערע שיפן ברענגען.

איבער כאַטעס, איבער דערפער הויכע לאָמפן וועלן ברענען,
גרויע פעלזן וועלן קוקן און אוקראינע ניט דערקענען.

י. זעלדין

אַ ביי הויז

גאסן פליסן מיר אנטקעגן,
הייזער הויערן פאר מיר —
איך האָב שליסלעך צוויי געקראָגן,
צו א טויער, צו א טיר,

ווילט זיך טומלען און בארימען
און דערציילן קליין און גרויס:
כ׳האָב באקומען היינט א צימער
אין א שפּאָגל נייעם הויז.

בין איך שיקער אָדער ניכטער,
אָדער טרוים איך אפן וואָר?
איך האָב נעכטן נאָך גענעכטיקט,
אין א קאלטן קאָרידאָר,

און נ.יט הייסן לייב געוואָרימט,
דעם פארפראָרענעם צעמענט,
און צוקאָפּנס קישנס דארע —
צוויי פאַרהאָרעוועטע הענט

איצטער לויף איך ווי אַ זיגער
גאַס ארויס און גאַס אַריין, —
כ׳בין אַ היגער, כ׳בין אַ היגער,
שטאָט איז מיין און אלץ איז מיין!

מעג שוין קנאַקן בייז.ער ווינטער
און זיך רייסן אויסן הויט, —
ס׳איז דאָס ערגסטע שוין אַהינטער
און פאָרויס איז בלויזע פרייד.

יאָג ניט, טראָג זיך ניט, קאָנדוקטאָר,
שטעל מיר אָפּעט דיין טראַמוואַי,
בירגער ווירדיקע, וואָס קוקט איר?
מאַכט אן ערטעלע מיר פריי!

„רוקט זיך, האָט ניט קיין פאַריבל,
ס׳איז פונפאָרנט נאָך געווים, —
בירגער ווירדיקע און ליבע,
לאָזט, איך פאָר צו זיך אַ היים“.

פּערעץ מאַרקיש

די רויטע אַף וואַרשע *

אַטלאַסענע זשיפּעצעס, פליאַגמעדיקע בערד, —
אונטער רויטע כאָלעוועס טרייסלט זיך די ערד!

פּייעס קוטשעראַווינקע, קירבעסענע קעפּ,
ס׳טראָגט זיך און ס׳יאָגט זיך מיט שטורעמווינט דער סטעפּ!

דענעקלעך אַף גאַרטלען, גאַרטלען אַף די קערק,
ווינטן האָבן לאַפּסערדאַקעס אָנגעטאָן פאַרקערט.

נאַליעווקעס אין וואָלעוועס-טאַלייסים און געשריי:
— וואָסזשע וועט מען טאָן אַצינד? ווינד איז דאָך און וויי!

פיבערן די גאַסן, קלייטן, ווי די שאָף,
ווייטן ערגעץ קנייטשן זיך, קנייטשן זיך אַרוף.

שווי-פּענצטער דערשראָקענע, קעלערס אונטער דר׳ערד,
פליאַגמעדיקע זשיפּעצעס. אַטלעסענע בערד!

נאַליעווקעס און וואָלעוועס, אַף יענער זייט פון בריק
פלאַטערט שוין די פאָן פון רויטן באָלשעוויק!

---

* פון בוך „ברידער“.

קרעמערלעך און קרעמלעך אויסגעצויגן לאַנג!
רויטע עשאַלענען פלאַקערן: — „דערלאַנג!"

— בעמען זיי מיט שטאָכן, בעמען זיי מיט פרענט!
— „ס׳איסט עפּעס זיי געמען? יאַך האָראָך אַ פּאַטענט!"

ציטערט און עס טוליעט זיך אַ קרעמל אין אַ קראָם,
בריקן סאַליוטירן: „אין פּראַגאַ — אַ רעווקאָם!"

יעדער בליץ — אַ קויל! און יעדער קויל — אַ קרעל!
מיט שייטערס און מיט שרויטן שרייט דער ציטאַדעל!

באַפּעלן פון דעם ווינט! באַפּאַל דאָרט נאָך באַפעל —
וואָיעט פון דער ווייט אַ וואָקזאַל צו אַ וואָקזאַל!

דרעמלט בלאָנדע ווייסל, שלאָפט צום אָוונט איין!
ווען מ׳זי געהערן? ווען מען וועט זי זיין?

האָט זיך ווייסל אויסגעפוצט בלענדנדיק אין העל:
יעדער בליץ — אַ קויל! און יעדער קויל — אַ קרעל!

וויגן זיך די קלויסטערס. גלעקער קלינגען קאָם:
— בריקן סאַליוטירן: — „אין פּראַגאַ אַ רעווקאָם!"...

אַ. פּיאַטיגאָרסקע

די באָבע און דאָס אייניקל*

1

מיין באָבע האָט געוואוסט דאָס טעפּל און דעם סידער,
און גאָר א שמאָלן וועג: פון קיך אין שול.
די זיבן טעג אין וואָך האָט זי זיך פעסט צעגלידערט:
זעקס אַף מי און זאָרג, אין שאַבעס — רו און שפּיל.

די יאָרן אויסגעלעבט, ווי גאָט האָט איר געבאָטן,
טאַנייסים אָפּגעהיט, געדאָווענט מאָגערע געטיילט,
די עלטערן געפאָלגט, דאָס אייגן האַרץ צעטראָטן,
און כאַסענע געהאַט מיט דעם, וואָס טאַטע-מאַמע האָבן אויסגעוויילט.

און אַז דער טאַטע האָט דערנאָך געהייסן מיטן מאַן זיך שיידן:
דער מאַן, דער אַפּיקויר׳עס, רייכערט שאַבעס אַ ציגאַר! —
איז ווער וועט גיין דערציילן אים פון ליבע-ליידן?
שטילער, האַרץ, גיט זיי קיין נאַר!

א יונג-פאַרדאַרטער בוים איז זי געווען אין לעבן,
און קליינע קינדערלעך פאַר איר — א שווערע לאַסט.
איז וואָס איז דעמאָלט איר צו טאָן געבליבן? —
האָט זי די אויגן אויסגעוויינט בא טכינעס און געפּאַסט.

* געקירצט.

האָט מיין באָבע זיך פאַרגרייט טאַכריכים,
אפן בעזוילעם אויסגעקליבן זיך אן אָרט.
און ס׳האָט איר ביסל טעג צום גרוב געגומען קריכן,
דאָס ווייטערדיקע — האָט מיין באָבעס גאָט באַזאָרגט.

2

דער באָבעס איייניקל, דער מאַמעס טאָכטער — איך:
לאַנגזאַם גייען טעג, נאָר יאָרן פליען גיך.

עס זיינען אויסגעלאָשן איצט די פייערן פון קיך,
געוואָרן זיינען אירע ווענט צעלעכערט דורך און דורך,
אַרויסגעלאָזט די קאָטשערע איצט האָבן פרויען-הענט,
ס׳איז פרויען-אונטערטעניקייט אף פייערן פאַרברענט.

מיט פען אין האַנט, מיט נאָדל אָדער צוואַנג,
מיט מענער גלייך מיר שטייען יאָרנלאַנג.
עס וואַקסן ניט נאָר האָר, דער מויעך שלייפט זיך אויס
און ס׳קומט אויך צווישן אונז אַמאָל א העלד אַרויס.
מיט ברידער זיינען מיר אף שלאַכט-פעלדער געווען,
פאַרגעסן האָבן מיר די רו אין שטילע ווענט.

דיין טכטע, באָבע, און דיין [redacted] רוען אָפ אַצינד,
און טויגן ניט אפילע אין א מאיסע פאַר אַ קינד,
און עס דערזעט דיך אָט דאָס קינד אין נעפּלדיקער ווייט,
אין דיין פאַר אים אַזאַ מין פרעמדער, פרעמדער גרויער צייט,
און עס דערוויסט זיך, אַז אַמאָל ד׳, באָבע, האָסט געלעבט
און אַז די צייט האָט דיין געשטאַלט מיט שפּינוועבס שוין פאַרוועבט.

איזי כאַריק

פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס...

פ רגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס,
מיט בערד צעשראָקענע, פארלאָפענע מיט שניי!..
אין לעצטן בראָך, אין לעצטן ווי
זייט איר פאַרבליבן לעצטע איידעס, —
פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס!

און קוקט איר איצט דערשראָקענע און מידע,
און ס׳ציטערן און ס׳טרייסלען אייך די קני.
— „ווער וויים, ווער וויים, אויב ס׳וועלן די,
אויב ס׳וועלן אָט די זין שוין בלייבן אידן?“ —
און ס׳ציטערן און ס׳טרייסלען אייך די קני.

און מיר, אָט די, וואָס רופן אייך נאָך זיידעס, —
און ווייסן, אז דאָס דאַרף מען שוין ניט לאַנג, —
מיר גייען אויף, ווי ערשטער קלאַנג,
ווי ערשטער קלאַנג פון קומענדיקע פריידן,
מיר, אָט די, וואָס רופן אייך נאָך זיידעס.

ס׳איז גוט אריינקוקן אין אומעטיקע אויגן,
ווען פרעמד איז אייער ווייטיק פון די בערד..
מיר, — אָט די און די — ס׳איז אונז באַשערט,
ס׳איז אונז באשערט שוין קיינמאָל זיך ניט בויגן,
פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע אויגן!

איזי כאַריק

צוויי בריוו

פון שטעטל

איך לייקן ניט: מיר איז נאָך שווער
און ס׳פרייט שוין ניט, ווען עלטערע פאַראַכטן...
נאָר אָפטמאָל דאַכט זיך מיר: מיין פיצל ערד
איז אויך אין קאָן פון איצטערדיקע שלאַכטן.

און ס׳ווערט מיר גר״גג. פאַרשאָטן דאָ אין שניי,
וואָלט איך מיין פרייד דאַן אלעמען פאַרטרויען,
דו ווייסט דען, מענטש אייבער, ווי ס׳טוט מיר וויי,
ווען שטעטלעך שווייגן נאָך אין שטילן טרויער.

דו היסט די ערשטע שטעטלדיקע שוואַלב,
דו ווערסט אין מי און אָרט זיך שוין געפינען.
און עפּעס גלויבט זיך מיר, אז באַלד-און-באַ ד, —
און ס׳ווערן שטעטעלעך זיך שטעלן בײַ מאַשינען.

און איך? איך ראַנגל זיך, איך אַרבעט דאָ
און — גוט!
מע זאָגט, איך האָב זיך דאָ מיט עמעצן פאַר-
פּלאָנטערט...
גאָרנישט. ס׳הוסט זיך נאָך. ווי זאָגסטו דאָרטן?
— מוט!
און שטענדיק דאַכט זיך מיר, אז מאָר״ן דאַרף
זיין יאָנטעוו

יאָ, ס׳איז ראַדיאָ בײַ אונז שוין דאָ,
און ס׳איז א קלוב בײַ אונז שוין אויך פאַראַנען.
ווען דו וואָלסט אויסשרייען צו מיר: — אַ-ל-ל-אָ!
וואָלט איך—אַ-ל-ל-אָ—דיר ענטפערן פונדאַנען....

פון שטאָט

... און איצטער וועגן פאַקטן.
איך אַרבעט שוין אַליין בײַ דער מאַשין.
דו ווייסט, עפּשער, — זי רופט זיך סעליפאַקטאָר,
א לענגלעכע, א ליכטיקע, זי שפּינט.

זי שפּינט, זי שפּינט, און ס׳שפּילן זיך די שפּינדלעך,
און פעדעם ציען זיך אין דינינקן געדריי.
רייסט זיך אייבער, — גרינגערהייט פאַרבינד איך,
און ווידער ציען זיך די פעדעם-לאַנג אין ריי.

געדענקסט, ווי ס׳פלעגט דיין מאַמע שטענדיק
שפּינען,
די אויגן מיד און בלינדערהייט געבלענדט? —
און מיין מאַשין, — זי קען זיך שוין פאַרגינען
אַרבעטן... פאַר טויזנט פלינקע הענט...

א ראַכוועס איז אזא אף איר פאַרצויגן,
זי וויגט זיך אום אין פלינקער פלאַפּלעריי.
פאַרמאַכן זיך א ווייליקע די אויגן, —
שמעקט מיר דאָ מיט סאָסנע און מיט מאַי.

און ווידער — ר״יש, און שפּינדל-לויף, און ליכטיק,
און שפּינדלעך וויקלען זיך אין לאַנגזאַמען געוועט.
דו לאַכסט פון מיר: איך שרייב דיר, ווי א
דיכטער, —
געגומען דאָס בײַ איינעם א פּאָעט.

ווערסט צייט האָבן, איז וואַרף אריין צוויי ווערטער,
און טאָמער ניט, — כ׳פאַרגיב דיר דעם פאַראַט...
ווי גייט דאָס איצט די אַרבעט אף די ערטער?
גריס די יאַטן און זיי אויך א יאַט.

איזי כאַריק

די סטאַדע

הינטער שייער, הינטער שטאַל: שטויב און הייסע ווינטן,
האַלבער טאָג, צוויי פּאַסטעכער, אַ סטאַדע און אַ הינטל.

זאַט מיט זון, מיט מילך און גראָז — רוט אַ מידע סטאַדע.
זאָגט דער זיידע: — „אי, אַ היץ!” זאָגט דאָס אייניקל: — „אַוואַדע!”

זיצט דער זיידע אף אַ שטיין און גלעט אַ באָרד אַ ווייסע.
— „לאָז צורו די מידע שאָף און — שקאָץ — הער צו א מאַיסע:

צוריק מיט דרייסיק-פערציק יאָר, — איך געדענק שוין ניט גענויער, —
האָבן מיר דעם פאַלעץ דאָ געבויט, שטעטלדיקע בויער.

איז דער גראַף געווען אַ בייזער גדאַף, אַ שטרענגער, נאָר אַ וויצלינג,
פלעגן מיר אים רופן: — „פאַני-גראַף" און ער אונז: — „פאַני איצקי".

האָבן מיר דעם פאַלעץ אים געבויט — אַ פאַלעץ אַן אַנטיקל
מיט געזימסן און מיט מירמל-טרעפ, מיט אַלע זיבן גליקן.

איז, אָט! — ווען מע האָט אינלופטן שוין געשניצט די קאָלאָנאַדע,
האָט זיך איינער פון אונז אויסגעגליטשט, אַ פאַל געטאָן און — נאַ-דיר!
וואָס טוט מען איצט? וואו לויפט מען איצט? וואו קריגט מען איצט אַ מיטל?
בין איך צום גראַף אפגיך אַוועק, — צעטומלט, — אין אַ היטל,

און גלייך אין זאַל, און צו דעם גראַף — — —
— — — — — — — צו אַלדי שוואַרצע יאָרן!
פאַסטעך מיינער—גיב א קוק, די סטאַדע קריכט אין קאָרן!"

בלייבט דער זיידע אפן שטיין, און דאָס אייניקל אַלץ פלינקער
הויבט די בייטש, און טרייבט און שמייסט: — „א-וואוהין? — מ'זינקע!"
זאַט מיט זון, מיט מילך און גראָז — רוט צוריק די סטאַדע.
זאָגט דער זיידע: — „אי, אַ היץ"! זאָגט דאָס אייניקל: — „אוואַדע"...

כ. ווײַנערמאַן

אף כערסאָנער פעלדער

1. קאָמונקע

אַכצן אינגלעך,
דרייצן מיידלעך,
איינס און איינס, ווי העלדן.
א קאָמונקע — אָפגעפאָרן אף כערסאָנער פעלדער.

א קאָמונקע — זיך פארקניפלט און פאַרגלידערט
אין פארמאָסטן.
אלע כעוורע, ווי פון איין שטיק אויסגעגאָסן.

אַלע, אלע פעסטע ווי די דעמבלעך.
אַלע כעוורע איינס אף צווייטן ענלעך.

הענט און פיס און אקסלען — שטאָל,
און אויגן — בליצן,
קוזניע וואַנט האָט אויסגעהאַקט און אויסגעפיילט
און אויסגעשמידט זיי.

אכצן אינגלעך,
דרייצן מיידלעך,
איינס און איינס, ווי העלדן.
אַ קאָמונקע אָפגעפאָרן אף כערסאָנער פעלדער.

2. שפּאַל נאָך שפּאַל

אף כערסאָנער פעלדער אין די לויטערע באַגינען,
שפילן רוימען זיך מיט העלע ראָזע פאַרבן.
קאָן מען שוין די כעווּרע אין די קעלערס ניט געפינען,
זיינען אַלע כעוורע אף די פעלדער באַ דער אַרבעט.

איז די אַרבעט אף די פעלדער אַזאַ וואַרעמע פון הייסע,
איז דער אימפעט אַף די פעלדער אַזאַ האַסטיקער און שאַרפער.
אַי, איז גוט מיט יונגע הענט, מיט פעסטע שטייפע פלייצעס,
טראָגן שפּאַל נאָך שפּאַל, פאַרטעסן און פאַרוואַרפן.

אף כערסאָנער פעלדער איז אַ פריילעכער געפּילדער,
און ליב איז זיך און אַלעמען א פרייד אַזאַ פאַרטרויען.
אי, איז גוט, אַ דאַך מ׳ט הייסער פרייד באַש׳נדלען,
און פעסטער וואַרפן הענט אף עקבערן און בויען.

מ. פּינטשעווסקי

אַ בריוול

האָט לייבקע פון טאַטן באַקומע׳ א בריוול:
— לייבקע, מיין לייבקעלע,— זון מיינער, ליבער—
ריישיס. זיי וויסן, אז איך און די מאמע
זייבען געזונט א׳ן מע ארבעט צוזאמען.
איך — באַ דער ערד. די מאמע — בא אויפּעס.
אוי, זון, ס׳א באשרייבונג! אוי, זון, ס׳איז אַ
מויפּעס —
אַז איך — אַז א מעקלער, מיט טילים,
האַוודאָלעס, —
זאָל נעמען און ווארפן דעם מארק און דעם
פּאָלעש;
דעם זיידענעם גארטל און ס׳היטל פון סאמעט, —
און לער׳ען זיך שפּאַנען אַן אָגער אין כאָמעט!
און לערנען זיך האלטן דעם אקער פאַר גריפל!
לייבקע, מיין לייבקעלע — זון מיינער, ליבער —
ביסער געווען די ערשטע פאָר יאָרן...
פינג׳ר — אין בלאָטערס, צעשטאָכן פון דאָרן,
פּאָנעם געשיילט זיך פון דאָרשטיקע ווינטן,
אויגן פון שטויבן צעטרערט און צעפּינטלט.
אוי, ריידעווודיק זייבען די פעלדער אום זומער.
נאָר איך, בין ׳ף פעלדער געקומען א שטומער...
אַ שטומער געאקערט. א שטומער געדראָשן.

אָ, זון מיין! די ערד האָט איר אייגענ׳ם לאָשן!
כ׳לעבן! זי טיילט יך מ׳ט פויע׳שע זאָרגן.
כ׳לעבן! זי זאָגט א׳ם פאַרטאָג: א גוטמאָרגן.
איצט ביטערע יאָרן האָבן די ווערט שוין!
צוביסלעך פאַרשטייט מען די שפּראַך פון דער
ערד שוין.
און מ׳האָט שוין אין שפּייכלער א ביסעלע קאָרן.
אז ווא יל איז צו מיר, וואָס איך לעב און איך
האָרעוו ע
יאָ, איקער שאָקאַכטי: איך און די שכיינים —
באשלאָסן צו קויפן א טראקטאָר איבייגעם.
נו, בלייב מיר געזונט און שרייב אונז א בריוול,
וואָס הערט זיך מיט מאָסקווער קאָאָפּעראטיוון?
צי האָבן זאַוואָדן דע׳ פויער איגזיבען?
זאָג זיי, דאָרט, לייבקע, מיר דארפן מאשינען!
און שרייב אונז, איך בעט דיך, ווען קומסטו
צופאָרן;
די מאמע זאָל לעבן פארווינט מיר די יאָרן...
מיילע... האקיצער... פארשטייסט דאָך... מיר
בענקען...
נו, בלייב מיר געזונט, און — וואָס הערט זיך
מיט ענגלאַנר?

וול. מאיאקאָווסקי

גערעטעניש-מארש

אַ טאָפּלטע גערעטעניש
ערדעלע געביר!
מיט בראָכע און מיט זעטיקונג
די ראכוועסן באַציר.

עס זאָל די אַרבעט שנעלער גיין,
ס׳זאָל פולער זיין די זאַנג —
פאַרייניקט זיך ארטעלנווייז,
קאָלווירטן מער דערלאַנג!

און ווילסטו עס זאָל וואַקסן מער,
ס׳זאָל אויפגיין הויך, געדיכט, —
איז טיפער רייס די פלאסטן אוף,
די זוים פאַרוואַרף מער טיף.

און איידער אַף די פּאָליצעס
אוועק׳לייגן די ציין —
מיר וועלן זיך אַן פאַרשאָלטענער
דרייפעלדיקייט באַגיין.

בּעגוג זיך שוין צו אייסעקן,
די צייט — זי רופט, זי רופט:
פֿאַרטרייב פון פֿעלד דעם היישעריק
און טרייב דעם באַלעגוף.

זע־זשע, זע־זשע, כאַווערל,
ווער און וואו דו ביסט —
דער טראַקטאָר זאָל ניט זשאַווערן
אין שפּייכלער גאָר אומזיסט.

עס זאָל די בּראָכע נידערן
אין דעם פּעלדער־טהאָם, —
לאָמיר שליסן בּרידערשאַפט,
כאַווער אַגראָנאָם.

זאָל פּרוכפּערן און מערן זיך נ
זאָל אופגיין רייך די זעט,
מיר גייען מיט אַמעריקע
אין ראַשיקן געוועט.

איז לאָז־זשע לאַנג ניט בּעטן זיך
(מיט קאָרן, ווייץ און ליין),
כאַווערל, גערעטעניש,
ביטע, קום אַריין.

לידער צום זינגען

אינטערנאַציאָנאַל

שטייט אויף, איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז און נויט!
דער גייסט—ער קאָכט, ער רופט צום וואָפן,
אין שלאַכט אונז פירן איז ער גרייט.

די וועלט פון גוואַלדטאַטן און ליידן
צעשטערן וועלן מיר, און דאַן—
פון פרייהייט, גלייכהייט א גאַניידן
באַשאַפן וועט דער אַרבעטמאַן.

דאָס איז שוין אונזער לעצטער
און אַנטשיידענער שטרייט,
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטייט אויף, איר אַרבעטלייט!

ניין, קיינער וועט אונז ניט באַפרייען,
ניט גאָט אַליין און ניט קיין העלד.
מיט אונזער אייגענעם קליי-זאַיען
אַ רעטונג ברענגען מיר דער וועלט.

אַראָפּ דעם יאָך! גענוג געליטן,
גענוג פאַרגאָסן בלוט און שווייס,
צעבלאָזט דעם פייער, לאָמיר שמידן,
קאָלזמאַן דאָס אייזן איז נאָך הייס!

דאָס איז אונזער לעצטער... א. א. וו.

דער אַרבעטמאַן וועט זיין מעמשאָלע
פאַרשפרייטן אף דער גאַנצער ערד,
און פאַראַזיטן די מאַפּאָלע
באַקומען וועלן פון זיין שווערד.

די גרויסע שטורעם-כּעג, זיי וועלן
נאָר פאַר טיראַנען שרעקלעך זיין,
זיי קאָנען אָבער ניט פאַרשטעלן
פאַר אונז די העלע זונען-שיין.

דאָס איז שוין אונזער לעצטער... א. א. וו.

יונגע גוואַרדיע

דעם העלן טאָג אַנטקעגן,
כאַווערים, קומט אין שטרייט!
מיט מוט אף נייע וועגן,
ניצאָכן איז ניט ווייט!

מיט מאַכט פאָרויס און פעסט די טריט,
איר יונגע, קומט אונז אַלע מיט —
מיר גייען די יונגע גוואַרדיע
פון פראָלעטאַריאַט! } 2 מאָל

מיר היטן אין זיקאָרן
דעם טאַם פון אַלטער וועלט,
דעם פיין פון קינדער-יאָרן,
פון הונגער און פון קעלט.

די קייט, וואָס האָט דעם טראָט געשטערט,
מיט יעדן טאָג צעריסן ווערט —
מיר גייען די יונגע גוואַרדיע
פון פראָלעטאַריאַט.

וואַרשטאַט איז אונז מעגאַלע
דעם סאָד פון יענער קראַפט,
וואָס שאַפט די אויצרעס אַלע
און אַרבעטער — פאַרשקלאַפט.

איצט האָבן מיר די קראַפט דערקענט,
זי איז — אַ שווערד באַ אונז אין הענט!
מיר גייען די יונגע גוואַרדיע
פון פראָלעטאַריאַט!

מיר שטרעקן אייך די הענט אויס.
כאַוויירים, אין פאַרבאַנד !
צערייסט די אַלטע פענטעס
און בויט דאָס ראַטנלאַנד !

די מאַכט פון אַרבעטער פאַרשפרייט,
די גאַנצע וועלט זאָל ווערן רויט !
מיר גייען די יונגע גוואַרדיע
פון פראָלעטאַריאַט !

מיר — דער קאָמיוג



צוגעזאנג



מיר — דער קאָמיוג, קומען מוטער און יונג,
מיר שאַפן אַ לעבן א נייעם.
אַלע פאַרשקלאַפטע פון מיזרעך און מאַירעוו
מיר וועלן פון קייטן באַפרייען.

וויַיט און ברייט
שאַלט טרומייט,
ס׳רופט דאָס אַרבעטער-פאָלק !
„פראָלעטאַריער פון גאַנצער וועלט פאַרייניקט
זיך״ !

אַלע, ווי איינער צום קאַמף זייַנען גרייט
די טפיסעס און גראַטעס צעברעכן.

וויַיט און ברייט
שאַלט טרומייט... א. א. וו.

לעגינס געבאָטן מיט ביקס און בליי
אין לאָנדאָן מיר וועלן פאַרשרייבן.
שאָלעם מיר ברענגען פאַר אָרעמעלייט.
פאַש סטן מיר וועלן פאַרטרייבן.

וויַיט און ברייט
שאַלט טרומייט... א. א. וו.

ענגער און פעסטער מיר שליסן די ריי,
די פאָנען פון אַרבעט הויבט העכער !

כוואַליעס פון קאַמף שוין אָן ברעג קלאַפן אָן,
שטורמישע וויכערס שוין ווייען...

אָוּער, קום ג׳כער צו אונזער פּאָן,
אין די קאָמיוגישע רייען!

חייט און ברייט
שאַלט טרומייט... א. אַ. ו.

מיר — דער קאָמיוג, קומען מונטער און יונג,
מיר שאַפן אַ לעבן אַ נייעם.
אַלע פאַרשקלאַפטע פון מיזרעך און מאַירעוו
מיר וועלן פון קייטן באַפרייען.

אידיש: א. קאָוונער

אַוויאַ-מאַרש



מיר קומען גרייט —
אין וואָר פאַרוואנדלען טרוימען.
פאַרשטאנד האָט פרייד
געשאָנקען אונזער דאָר:
מיט פליגלען-הענט באַקעמפּ אַלע רוימען,
אנשטאָט אַ האַרץ — אַ פלאמיקער מאָטאָר.
2 מאָל

אַלץ העכער און העכער און העכער
מיר פליען אַף פויגלען פון שטאָל,
און יעדער פּראָפּעלער זינגט זיכער
אַ קאַמפּס-ליד פון ארבעטער-פאָלק.
2 מאָל

מיט יעדן שוואונג
פון אַפּאַראַט אין לופטן,
מיט יעדן קלונג
פון וואונדער דרייסטן טראָט, —
מיר זאָגן אָן, ס׳ווערט שטאַרקער אונזער לופט-פלאָט —
אין וועלט דער ערשטער פּראָלעטאַריער-פלאָט.
2 מאָל

אַלץ העכער און העכער... 2 מאָל

מיט יעדן קער —
באַשיצן מיר די ראַטן,
ס׳איז יעדער נערוו —

אין זיכערקייט געקליירט.
אַף סוינעס יעדן פּרעכן אולטימאַטום
האָט רויטער פלאָט אַן ענטפער שטענדיק גרייט. } 2 מאָל.

אַלץ העכער און העכער און העכער
מיר פליען אַף פויגלען פון שטאָל,
און יעדער פּראָפּעלער זינגט זיכער
אַ קאַמפס-ליד פון אַרבעטער-פאָלק. } 2 מאָל.

אידיש: א. קאָהנער.

רויטע קאַוואַלעריע

(בודיאָניס מאַרש)

1

זאָל שאַלן ברייט אין ראַטנלאַנד
דער רויטער ליב!
פון ווייטן הערט זיך פערד-געלאַף
אין וואָלקן שטויב.
דעם ווייסן סוינע אָך און ווי:
בודיאָני פליט מיט זיין אַרמיי,
אַ שווערע פאָן
פון רויטן זייד
פאָרויס!
בודיאָניס כעוורע ווייס גיט פון קיין שרעק:
אין סריפּעס-טשאַד,
אין טייכן רויטן בלוט.
פון ווייסן פיינט ווערט אַש און טעל צעווייט
און זיגערישע פאָנען ברענען רויט!

2

פּילסודסקי אַף סאָוועטן-לאַנד
זיין כאַיעל פירט:
„צוריק די מאַכט דעם פּאָריץ
און דעם אַלטן גוויר!"
די פּויערים איז ווי און ווינד:
פּילסודסקי שטעט און דערפער צינדט.
די שליאַכטע גייט
און שכיטע שפּרייט
און טויט!
בודיאָניס אָדלערס פליען אָן, ווי ווינד:
דעם שווערדן-קלונג
און דעם הארמאַטן-ביל
פאַרהילכט דער מעכטיקער גאַלאָפּ:
בודיאָני טרייבט דעם פּאַן ביז וואַרשע אָפּ!

3

דעם האַמער ווידער בייט אַף שווערד,
אַף ביקס די האַק —
פון דאָרעם וואַקסט אַף אונזער קאָפּ
אַ נייער שלאַק:
דעם צאַרס די דריי-קאָלירטע פאָן
באַנייט האָט וראַנגעל דער באַראָן.
ער טראָגט צוריק
דעם אַלטן שטריק
דעם פאָלק!
בודיאָניס אָדלערס פליען אָן, ווי ווינט:
דעם שווערדן-קלונג
און דעם הארמאַטן-ביל
פאַרהילכט דער מעכטיקער גאַלאָפּ:
און וראַנגעל קריגט זיין סאָף באַם פּערעקאָפּ!

4

בודיאָניס שאַשקע שווייגט אַצינד,
טשיטשערין רעדט.
עס הערט דאָס גאַנצע ראַטן-לאַנד
דעם ווערטער-וועט.
נאָר זיין וועט יענעם ווי און אָך,
ווער גלויבט דעם דיפּלאָמאַטן-שאַך:
זאָל בלייבן גרייט
ווער שטייט און גייט
צו קאַמף!
בודיאָני, שלייף און היט דעם שאַרפן שווערד!
אין שאָ פון נויט
ווערט רופן דער טרומייט:
„העי, כעוורע, ווידער שפּרינגג אַף פערד,
סאָוועטן זאָלן זיין אַף גאָרער ערד!

דעמיאַן ביעדני

אידיש: א. קאָוונער

רויטער פריזיוו



1

ווי איך נעם געזעגנען זיך
מיט דער מאַמען, —
לויפט די גאַנצע שטוב אפגיך
זיך צוזאַמען. } 2 מאָל

2

„וואו זשע לויפסטו, איי דו יאַט,
יאָסל שויטע?
ווילסט גאָר ווערן אַ סאָלדאַט
באַ די רויטע.

3

ס'פעלט די רויטע ניט קיין ביקס,
קיין סאָלדאַטן,
ס'וועט אָן דיר דעם באָלשעוויק
גאָרניט שאַטן.

4

איבער דיר די מאַמע איז
גרוי געוואָרן.
יאָסל, יאָסל, ווערסט אומזיסט
גיין פאַרלאָרן.

5

ס'איז אַ דאַנק גאָט שוין פאַרביי
שווערע יאָרן,
איצטער ארבעט זיך דאָך פריי
אָן איינהאָרע.

6

ס'זיינען איצטער נייע טעג
אָנגעקומען,
צו פּאָגראָמען האָט אַן עק
שוין גענומען.

7

פריי איצט ארבעטן מיט אונז
קענסט צוזאַמען,
וואָלסט נאָך כאַסענע געהאַט
מיט בעכאַמען.

8

ס'איז א מיידל אַן אַנטיק,
ליב און טייער,
קאָנסט אריינכאַפּן אַ גליק,
פלאַם און פייער.

9

אויפגעשטאַנען דאַן בין איך
זיי צו זאָגן:
„האָדיע צו באַוויינען מיך,
האָדיע קלאָגן".

10

ווען עס וואָלטן אַלע זיין
שלעק אַזויגע,
וואָלט פאַרשקלאַפט שוין אונזער לאַנד
לאַנג דער סוינע.

11

וואָלט זיך אומגעקערט די צייט
פון פּאָגראָמען,
ס'וואָלט זיין בייטש מיט בלוט באַנייט
בייזער האָמען.

12

אפן גענעראַל איך גיי,
כ'גיי זיך שלאָגן,
ס'וועט די אַרבעטער-אַרמיי
אים פאַריאָגן.

13

אַלע פּריצים וועלן מיר
העט פאַרטרייבן,
ס׳זאָל קיין זייכער פון אַ גוויר
ניט פאַרבלייבן.

14

מאַכן וועלן מיר אַ סאָף
מיט דעם פּאָרעץ:
מיט דעם גאַלעך, מיט דעם ראָוו, —
איין קאַפּאָרע.

15

אַלע בלוטזויגערס, ווי זאַמד,
מיר צעטרעטן,
בויען וועלן מיר דאָס לאַנד
פון סאָוועטן.

שאַכטע נום. 3



I

ער איז געווען
אַ קוילן-גרעבער,
געשפּאָלטן קויל פון פרי ביז נאַכט;
טאָג איין, טאָג אויס
אַ פּראָסטן לעבן
אין שאַכטע פּי.-צטערער פאַרבראַכט.
דער פייף געוועקט האָט אים קאַיאָר.
געאַרבעט לאַנגע צוואַנציק יאָר.
און דאַן —
אַלץ, וואָס איז געשען,
אַלץ האָט זי געזען,
אַלץ האָט זי דערקענט, —
די שאַכטע נומער דריי.

II

ברענט יאָר נאָך יאָר
אין שווערער אַרבעט,
ביז קאַמף האָט סאָף צו נאַכט געמאַכט;
ביז ס׳האָט אָקטיאַבר
זיך העל צעסאַרפּעט
מיט רויטער פאָן אף שוואַרצער שאַכט.
מיט רויטער פאָן דאָס אַרבעטלאַנד
זיין גורל נעמט אין אייגענער האַנט.
און דאַן —
אַלץ, וואָס איז געשען,
אַלץ האָט זי געזען,
אַלץ האָט זי דערקענט, —
די שאַכטע נומער דריי.

III

פאַרכאַפּט דאָנבאַס
די ווייסע באַנדע
און ווילר צעהוליעט זיך טעראָר.
דער פּסאָק איז קורץ:
„פאַר פּראָפּאַגאַנדע!...״
אין שטאַב מע שלעפּט שוין דעם שאַכ-
טיאָר.

פאַרהער איז פּראָסט. אָן אַ פאַרוואָס —
זעקס קלעפּ, זעקס וואונדן און א שאָס.
און דאַן —
אַלץ, וואָס איז געשען,
אַלץ האָט זי געזען,
אַלץ האָט זי דערקענט, —
די שאַכטע נומער דריי.

IV

אַ נייע וועלט
סאָוועטן שמידן,
זאַוואָדן וואַקסן יעדן יאָר;
און יעדער שרויף
ברומט אויס אַ לידל,
א לידל וועגן דעם שאַכטיאָר:
„איז אַ שאַכטיאָר געפאַלן טויט,
נאָר ס׳איז דאָנבאַס געבליבן רויט!...״
און דאַן —
אַלץ, וואָס איז געשען,
אַלץ האָט זי געזען,
אַלץ האָט זי דערקענט —
די שאַכטע נומער דריי.

כ. גילדין

* * *

צו ניקאָלקען מיט געוויין,
קלאָלעס אינם רענצל.
אין דער רויטער ארמיי
גייט מען מיט אַ טענצל.

סאָנים שרעקט זיי, ווי צו זיי,
זאָל זיי שרעק פאַרוועבן,
נאָר פאַר אונז איז די אַרמיי
אַן אַרבפּאַק פון לעבן.

מירל, ניט צעלאָז די שליים,
דינען וועל איך טולע,
ביז איך קום צוריק אַהיים
ענדיק א פּראָפשולע.

פאַר אַ נאַשבראַט אין פאַרבאַנד —
אָפּן אַלע טירן,
מויכעס דאַרף אַצינד דאָס לאַנד
קעמפער — מיט געהירן.

סוינע טאַטשעט אונזער אַקס,
וויל מיט בליי אונז שפּייזן.
וואו דער שווארצער פעפער וואַקסט
דאַרף מען אים באַווייזן.

גיב זשע, מאַמע, גיב אַ האַנט,
העלף אונז זינגען לידער,
בלי-ט יעכיליק ספּעקוליאַנט,
בין איך אים קיין ברודער.

העי, אַ ניגן, איינס און צוויי,
און דערלאַנגט דאָס רענצל.
אין דער רויטינקער ארמיי
גייט מען מיט אַ טענצל.

מוזיק: ל. שטרייכער

ד. האָפּשטיין

באַ דער אַרבעט



כ׳בין דערצויגן אין פאַבריק
באַ דער אַרבעט;
כ׳שמיד מיר אויס מיין אייגן גליק
באַ דער אַרבעט.

יאָגן שטענדיק אף איין אָרט
גרויסע רעדער;
זינג איך פריילעך, זינג אָן זאָרג
מיינע לידער.

די מאַשין זי קלאַפּט און קלאַפּט
זינגט מיר אונטער;
איז אונז פריילעך טאָג נאָך טאָג
איז אונז מונטער.

און דערפאַר פאַרפולט מיין ליד
עמעס האַרבער —
כ׳האָב געשמידט זי און געגליט
באַ דער אַרבעט.

ש. האַלקין

מוזיק: א ל. ק ר יי ך

לייגט אַוועק די זעגעלעך



לייגט אַוועק די זעגעלעך,
לייגט אַוועק די האַק,
לויפט אַהיים זיך זעגענען —
מיר פאָרן אין אַרבפּאַק.

געווען דאָ, געהאָרעוועט,
געהאָרעוועט גענוג,
פאַרזייט אף גאַסן כאָרעווע
אַ לידל פון קאָמיוג:

„געטער פון די הימלען-הויך,
הערשער פון דער ערד,
זיי אַלעמען, פאַרשימלטע,
מיט בעזעמער פאַרקערט”.

פאַרקערט, און מיסט פאַרלאָזן זיי —
אַ סאָף, אַן עק צום טשאַר, —
ווער סע פאָרט קיין מאָסקווע,
און ווער — קיין לענינגראַד.

איזי כאריק

וו י ג ל י ד

מוזיק: ל. יאמפאָלסקי



איזי כאַריק

וויגליד *

ס׳איז קיין ברויט אין שטוב ניטאָ נאָך,
שלאָף, מיין קינד, מיין שטייפּס ;
כ׳קאָן נאָך איצטער דיר ניט זינגען
פון א פעלד, וואָס רייפט...

(פעט און זאַפטיק זייגען פעלדער,
און אין שטוב איז לער.
נאָענט גייט אַרום דיין טאַטע,
רייסט אויף ברייט די ערד).

גייט דיין טאַטע נאָכן אַקער
שווער און אויסגעדרייט ;
וועט כאָטש גיין באַ דיר דער אַקער,
ווי אַן אַקער גייט...

דו וועסט וואַקסן, דו מוזט וואַקסן
מיטן וואוקס פון בוים.
שווערע מי וועט זיין דיין כאַזער,
פעטע ערד — דיין היים.

און ווען ס׳וועט ווערן, ווי מע זאָגט אונז,
גרינג אף גאָרער ערד, —
זאָלסטו וויסן, אַז דיין מאַמען
איז געווען שווער...

איציק פעפער

מוזיק: ל. פולווער

אַ גאַסט



איז א גרויסער יאָנטעוו היינט אין יעדן הויף
בושעווען די לידער, פרייען זיך די בליקן.
מע האָט געבראַכט אַ טראַקטאָר, נעמט מען זיך צונויף,
גייט מען אים באַגריסן און באַקוקן.

קומען אפן יאָנטעוו קינד און קייט און אַלץ.
שטייט דער טראַקטאָר היימיש, מעכטיק און צופרידן,
טראָגט מען אים אנטקעגן אייגן ברויט און זאַלץ,
טאַנצן קאָמיוגיסטן — פרייען זיך די אידן.

פרייען זיך די פעלדער מיטן גאַסט אפסניי,
אין די נייע הויפן בושעווען די הינער. —
ס׳איז אַזוי היינט פריילעך, ס׳איז אַזוי היינט פריי
און אפילע גראָזן זיינען עפּעס גרינער.

מע האָט געבראַכט א טראַקטאָר — פרייט זיך דאָס ארום
בושעווען די לידער — פרייען זיך די בליקן,
קומען אלטע פויערים פונם דאָרף קעלום,
קומט מען אים באגריסן און באקוקן.

* מוזיק צו דער ליד זע פאָריקע זייט 131.

י. עלקיס

מוזיק: באַאַרבעט פון ל. פּולווער

איבערוואַנדערער-ליד



פון הונגער, פון דאַלעס, פון צאָרעס און נויט
דופט אונז אָקטיאַבר אף זעטיקן ברויט.
פון האנדל, פון וואַנדל און לעבן פון לופט
צו גאָלדענע ווייטן אָקטיאַבר אונז רופט.
זואו פעלדער באַקעט
באָך ניט געאַקערט
און וואַרטן לאַנג אף מענטשנס מי.
מיר אַלע דאַרפן
דאָס אַלטוואַרג וואַרפן
מיט פעסטן ווילן גיין צום גליק. } 2 מאָל

אף בייטן מיט גאָלדענע ברויטן פאַרזייט
אָקטיאַבר פאַר יעדן זיין בראָכע פאַרשפּרייט.
די גאָלדענע רו קומט נאָך שווייסיקער מי --
אף סנאָפּעס אף שווערע נאָך זוניקן ברי.
טאָ זינגט זשע שטאַרקער,
אונז רופט דער אקער
מיט פעסטן ווילן גיין צום גליק.
און זינגט געזאַנגען
פון פולע זאַנגען
פאַרשטעלט דעם וועג, וואָס פירט צוריק. } 2 מאָל

פון זוניקן אויפגאַנג ביז שפּעט אין דער נאַכט.
געענדיקט.— דאָס ברויט אינם שייער געבראַכט.
א ליוב דיר, אָקטיאַבר, פאַר גליקלעכער מי
באַם אקער, באַם סערפּ און בא פערד און בא קי·
אף ערד אף נייער
אין ברוסט אין פרייער
אָטעמט טיף אריין דאָס גליק.
זינגט געזאַנגען
פון פולע זאַנגען
פאַרשטעלט דעם וועג. וואָס פירט צוריק. } 2 מאָל

י. דאָבּרושין

מוזיק: א. אלשוואנג

היי, ערדעלע



היי ערדעלע, דו ערדעלע,
שווארץ ערדעלע דו מיין,
וואָס וועסטו דאָ, מיין ערדעלע,
וואָס וועסטו דאָ מיר זיין?

צי זיין וועסטו מיר, ערדעלע,
אַ היים אין פרייען לאַנד,
און היטן מיך און פיטערן
פון פיל'ר ברייטער האַנט?

צי זיין וועסט מיר א פריינטעלע
אף לאַנגע, לאנגע יאָר,
ווען זייען כ'וועל מיין הייבטעלע,
זאָלן מאָרגנס אויפגיין קלאָר?

היי ערדעלע, דו ערדעלע,
שוואַרץ ערדעלע דו מיין —
כ'בין דאָ מיט דיר, מיין ערדעלע,
אף בלייבן און אף זיין.

רעשימע פון פיעסן

און אנדערע בינע-מאַטעריאַלן, וואָס קענען אויסגענוצט ווערן אין די קלובן.

אַראַנעס, פּ. — „ריסטעקראַטן" און „מענטשן". א דראמאטישע קאָמפּאָזיציע אין צוויי אקטן און עלף בילדער לויט שאָלעם-אַליכעמען. ז. 68. מעלוכע-פאַרלאַג פון ווייסרוסלאַנד. מינסק 1929 יאָר.

אָקוניעוו, י. — פּאַריזער-קאָמונע. אינסצענירונג אין 3 אקטן. ז. 43. „קולטור-ליגע", קיעוו 1925.

ביוואַלי, ג. — די עפּאָכע. א דראמע-כראָניק אין 13 בילדער (1905—1920). ז. 65. „קולטור-ליגע", 1927 יאָר.

גאָרדאָן, נ. — צעבראָכענע צאַמען. שטייגער-פּיעסע אין 3 אקטן. ז. 64. מ.-פ. פון ווייסרוסל מינסק 1927.

גאָרדאָן, נ. — פון נייעם שטייגער, פּיעסן. מ.-פ. פון ווייסרוסל.

געזין, ע. — אָסוואַלד. בילדער-פּיעסע אין 5 בילדער. מינסק 1929.

דאָברושין, י. — ארום אביידל. אגראָ-פּיעסע אין 2 בילדער. ז. 54. „שול און בוך" 1928.

דאָברושין, י. — יונגוואַרג. אינסצענירונג מיט נאָטן צו די לידער. ז. 29. צענטרפאַרלאַג. מאָסקווע 1927.

דאָברושין, י. — פריידעלע. קינדער-פּיעסע. צענטרפאַרלאַג, כאַרקאָוו 1929.

דאָברושין, י. — גאָטאַדער פייער. יוגנט-פּלאַקאַט אין 3 בילדער ז. 30.

דאָברושין, י. — א פּאַרשטערטער פייסעך. זשורנאַל „שטערן" (מינסק). „זיי גרייט" 1929.

האָפּשטיין, ד. — ספּאַרטאַק. העראָישע דראמע אין 4 אקטן, 7 בילדער. ז. 49. מ.-פ. פון ווייסרוסל. מינסק 1929.

וועוויאָרקע, א. — אף דער גרענעץ. קאָמעדיע אין 4 אקטן. ז. 70. „שול און בוך". מאָסקווע 1928.

וועוויאָרקע, א. — נאַפּטאָלי באָטווין. דראמע אין 4 אקטן. ז. 80. מ.-פ. פון ווייסרוסל. מינסק 1929.

טייטש, מ. — א הויף אף טשעבאָטאַרסקי. פּיעסע אין 4 אקטן. (אינסצענירט לויטן אומאָרס דערציילונג). ז. 68. מ.-פ. פון ווייסרוסלאַנד, מינסק 1929.

לאַנדאָן, דזשעק. — אף יענער זייט פעלזנשפּאַלט. פּיעסע אין 8 עפּיזאָדן. איינלייטונג און איינזיקע רעזשי-אָנווייזונגען פון ב. אַרשאַנסקי. ז. 72. מ.-פ. פון ווייסרוסל. מינסק 1929.

ליטווינאָוו און אווין — 10 טעג אין טרעסט. א קינאָ-סאַטירע אין 19 עפּיזאָדן. ז. 47. מינסק 1929.

מלינעק, י. און פּאַפּאַק, ה. — אָנקל מאָזעס (לויט שאָלעם אש). פּיעסע אין 3 אקטן, 14 בילדער. ז. 64. אוטאָרן-אויסגאַבע. מינסק 1929.

פיינבערג, י. — באַם דניעפּר. פּיעסע אין 6 בילדער. ז. 48. „שול און בוך". מאָסקווע 1929.

פורמאַנאָוו, דמ., ס. פּאָליוואַנאָוו. — דער בונט. א דראמע פון דער עפּאָכע פון בירגער-קריג אין 8 בילדער. ז. 91. „קולטור-ליגע", קיעוו 1928.

קושניראָוו, א. — הירש לעקערט. „קולטור-ליגע", קיעוו 1929.

רעזניק, ל. — אויפשטאַנד. „קולטור-ליגע". קיעוו 1929.

שעכטמאַן, נ. — אפן נייעם וועג. קינדער-פּיעסע אין 3 אקטן. ז. 55. צענטרפאַרלאַג, כאַרקאָוו 1929.

זאמלונגען

:כטער מארט — זאמלבוך, צונויפגעשטעלט פון י. רובענטשיק. דערציילונגען, לידער און אינסצענירונגען, ז. 79.

יען לידער — ווערטער פון י. קאַטליאר, ז. טוזויאַק. מוזיק פון ב. ריסקינד. צענטרפאַרלאַג, ז. 20. כאַרקאָוו 1927.

ןאַמיוגישע לידער — צום זינגען (אָן נאָטן). צענטרפאַרלאַג, מאָסקווע 1925.

ןאַמיוגישע זאמלונג. — לידער, דערציילונגען און אינסצענירונגען צו הילף דער קלוב-ארבעט. צונויפגעשטעלט דורך א. קאהאן. ז. 226. מ.-פ. פון אוקראינע. 1926.

שטערן" — זשורנאל (מינסק. לענין-גאס 22). פון נומ. 1 1929 ווערט אין יעדן נומער געדרוקט א פיעסע.

באקסט, מ. גנעסין. — נ י י ע ל י ד ע ר. מוזיקאלישער זאמלבוך. מוזיק פון די קאָמפּאָזיטאָרן מ. גנעסין, א. וועפריק, מ. מילנער, א. קריין, ל. שטרייכער א. א.; ז. 24+96. צענטרפאַרלאַג, מאָסקווע 1927.

עקלאמאטאָר. — צונויפגעשטעלט ל. קוויטקאָ, רעדאקציע ה. קאזאקעוויטש. ז. 319+IV צענטרפאַרלאַג, כארקאָוו 1929.

האמערקונג — אייניקע פיעסן פון דערדאָזיקער רעשימע קאָנען אויסגעפירט ווערן נאָר בא דער אנטשפּרעכיקער צופאסונג צו דער קלוב-בינע (צ. ב. קושניראָוו „הירש-לעקערט", וועוויאָרקע „באַטווין" ל. רעזניק „אויפשטאנד" א. א.).